NOAH COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00408

HUMESH FAR KINDER

Permanent preservation of this book was made possible by
Henry P. Godfrey
in honor of
Mildred H. & Joseph Godfrey

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חומש
פאר קינדער

לויט
יהואש

צוזאמענגעשטעלט פון
שלמה סײמאן

רעדאגירט פון
יודל מארק

פארלאג מתנות ניו יארק

Copyright 1940 by Yehoash Farlag Gezelshaft
New York

All rights to this text reserved: the Yehoash Yiddish translation, the editorial comment, the glossary, the special selection, arrangement and presentation of the text in this volume.

No part of this book may be reproduced in any form without permission in writing from the publishers, except by reviewers who may quote brief passages in reviews to be printed in magazines or newspapers.

56

ערשטע אויפֿלאַגע, 1940,

צווייטע אויפֿלאַגע, 1944,

דריטע אויפֿלאַגע, 1949,

פערטע אויפֿלאַגע (קאָרעגירט) 1956

פינפֿטע אויפֿלאַגע, 1960

Special Edition
FARLAG MATONES
41 Union Square, New York 3, N. Y.

אַרויסגעגעבן פֿון יהואש פֿאַרלאַג געזעלשאַפֿט

זעצעריי: דזשואיש פּאָבליקעישן סאָסאַיעטי, פֿילאַדעלפֿיע

זעצערס: ד. סקערעטאָן, פּ. הערשטיין

דרוקעריי: א. כהן, קליװלאַנד

קאָרעקטור געליִענט און צייכענונגען געמאַכט פֿון חוה יהואש דזשאָרקין

Made in U.S.A.

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיטן אַרויסגעבן דעם „חומש פאַר קינדער" דערפילן מיר אייגנטלעך אַ ווונטש פון יהואשן אַליין. און אַ ווונטש פון יהואשן איז פאַר אונדז, די יורשים און אַרויסגעבער, כמעט ווי אַ צוואה. אין אַ בריוו פון 1925, געשריבן צו דר. זילבערפאַרב פון וואַרשע, שרייבט יהואש „... אין מיַין פלאַן זיַינען פאַראַן פאַרשיידענע תנ"כן, איינער פון וועלכע איז אַ פאַרקירצטער פאַר שולן. אָנגעהויבן וואָלט איך מיטן חומש ..." און ער בעט דר. זילבערפאַרב אויב מעגלעך צוזאַמענצושטעלן אַ קאָמיסיע פון לערער צוצוגרייטן אַזאַ חומש. (יהואש האָט אָבער ניט נאָר ניט דערלעבט די פרייד צו זען דעם קינדער חומש דערשיַינען, נאָר אפילו זיַין גאַנצע תנ"ך־איבערזעצונג האָט ער דערלעבט צו זען בלויז טיילוויַיז אין דרוק). מיר האָבן אויך דעם ווונטש זיַינעם דערפילט און האָבן איַינגעלאַדן אַ גרופּע לערער צוגרייטן און רעדאַגירן דעם חומש פאַר די קינדער פון די יידישע שולן.

מיר באַדאַנקען דעם „שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט" וואָס דורך זיַין איניציאַטיוו איז די אַרבעט איצט צושטאַנד געקומען; אַ גרויסער דאַנק קומט דר. שלמה סיימאָן דעם צוזאַמענשטעלער, און חבר יודל מאַרק, דעם רעדאַקטאָר פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט.

פון דער גאַנצער אַרבעט אַרום יהואשעס ליטעראַרישער ירושה איז די אַרבעט וואָס עס איז געווען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן דעם „חומש פאַר קינדער" געווען פאַר אונדז די אָנגענעמסטע און די פריידיקסטע.

מיר ווילן האָפן, אַז דאָס לערנען חומש אין די יידישע שולן וועט זיַין אַ וויכטיקער ביַיטראָג צו יידישער קולטור־אַרבעט און וועט העלפן פאַרבינדן אונדזערע קינדער מיטן יידישן עבר, באַקענען זיי מיט דער יידישער געשיכטע און אונדזערע וווּנדערלעכע אייביקע יידישע אידעאַלן.

מיר ווייסן ניט פון אַ פּרעצעדענט ווו אַרויסגעבער זאָלן ווידמען אַ בוך. געוויינטלעך פירט זיך, אַז אַ בוך ווערט געווידמעט פון דעם שריַיבער אָדער רעדאַקטאָר. דעם אַרויסגעבערס אַרבעט איז

אייגנטלעך אַ טעכנישע. אָבער אין דעם פֿאַל, איז אַחוץ וואָס מיר זײַנען די אַרויסגעבער פֿון יהואשעס ווערק זײַנען מיר דאָך אויך די זאַמלער און אויפֿהיטער פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושה, און מיר ווילן האָפֿן, אַז דאָס באַרעכטיקט אונדז אפֿשר אָפּצוווײַכן פֿון אַ פּרעצעדענט.

ווילן מיר אָט די אויסגאַבע ווידמען דעם אָנדענק פֿון אונדזערע מאַמעס — דער מאַמע ברכה, וועמעס „גאָט פֿון אברהם, יצחק און יעקב"-ניגון אין די שבתדיקע בין־השמשותן קלינגט נאָך ביז הײַנט אין איר זונס אויערן, און דער מאַמע פֿלאָראַ וועמעס צאַרטע ליבע און איבער־געגעבנקײַט האָבן אונדז אַזוי פֿיל געשטאַרקט און געמוטיקט, אַז מיר זאָלן קענען אָנגיין די אַלע יאָרן מיט דער אַרבעט, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסער טייל פֿון איר לעבן.

בען דוואָרקין
חוה יהואש דוואָרקין

א. די באַשאַפונג פון דער וועלט

אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען איבערן תּהום, און דער גײַסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן פלאַך איבער די וואַסערן.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָל ווערן ליכט!“ — און עס איז געוואָרן ליכט. און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט, און גאָט האָט פונאַנדער־געשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש. און גאָט האָט גערופן דאָס ליכט — טאָג, און די פינצטערניש האָט ער גערופן — נאַכט.

און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן — איין טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָל ווערן אַן אויסשפּרייט אין מיטן פון די וואַסערן!“

און גאָט האָט געמאַכט דעם אויסשפּרייט און האָט פונאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דעם אויסשפּרייט און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דעם אויסשפּרייט.

און גאָט האָט גערופן דעם אויסשפּרייט — הימל. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן — אַ צווייטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָלן זיך אײַנזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווײַזן די יבָשה!"

און עס איז אַזוי געשען.

און גאָט האָט גערופן די יבָשה – ערד, און די אײַנזאַמלונג פון די וואַסערן האָט ער גערופן – ימען.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. האָט גאָט געזאָגט:

„זאָל די ערד אַרויסגעבן גראָז, קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, פּרוכטביימער וואָס טראָגן פּרוכט, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי!"

און עס איז אַזוי געשען. און די ערד האָט אַרויסגעבראַכט גראָז, קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען און ביימער וואָס טראָגן פּרוכט, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן – אַ דריטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָלן ווערן ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פון הימל, פונאַנדערצושיידן צווישן דעם טאָג און צווישן דער נאַכט, צו באַצייכענען די צײַטן און צו לײַכטן אויף דער ערד!"

און עס איז אַזוי געשען.

און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער: דאָס גרעסערע ליכט וואָס זאָל הערשן בײַטאָג, און דאָס קלענערע ליכט וואָס זאָל הערשן בײַנאַכט, און די שטערן. און גאָט האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין הימל צו לײַכטן אויף דער ערד.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן — אַ פערטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָל דאָס וואַסער פול ווערן מיט לעבעדיקע באַשע־פענישן, און פויגלען זאָלן פליען אויף דער ערד: איבערן פרײַען אויסשפרייט פון הימל!" און גאָט האָט באַשאַפן די גרויסע ים־חיות און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס קריכן, און געפליגלטע פויגלען נאָך זייערע מינים.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. און גאָט האָט זיי גע־בענטשט אַזוי צו זאָגן: „פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פילט אָן די וואַסערן אין די ימען, און די פויגלען זאָלן זיך מערן אויף דער ערד!"

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן — אַ פינפטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

„זאָל די ערד אַרויסברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן נאָך זייערע מינים: בהמות און שרצים און חיות, נאָך זייערע מינים".

און עס איז אַזוי געשען. און גאָט האָט געמאַכט די חיות פון דער ערד נאָך זייערע מינים און די בהמות נאָך זייערע מינים און אַלע שרצים פון דער ערד נאָך זייערע מינים.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. האָט גאָט געזאָגט:

„לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, נאָך אונדזער גלײַכעניש און זיי זאָלן הערשן איבער די פיש פון ים און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער די בהמות, און

איבער דער גאַנצער ערד, און איבער די שרָצים וואָס קריכן אויף דער ערד".

און גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט; אין גאָטס געשטאַלט האָט ער אים באַשאַפֿן.

און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט — ערשט עס איז זייער גוט, און עס איז געװען אָװנט, און עס איז געװען פרימאָרגן — דער זעקסטער טאָג.

אַזוי זײַנען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער באַשאַף. און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זײַן אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. און ער האָט גערוט* אויפֿן זיבעטן טאָג פון זײַן גאַנצער אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, ווײַל אין אים האָט ער גערוט פון זײַן גאַנצער אַרבעט.

דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד, ווען זיי זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן.

די פלאַנצונג פון גַן־עֵדן

האָט גאָט געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד און האָט אַרײַנגעבלאָזן אין זײַנע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נֶפֶש.

און גאָט האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עֵדן אין מִזרח, און האָט דאָרטן אַרײַנגעזעצט דעם מענטשן, וואָס ער האָט געפורעמט.

---

* רוען הייסט שבת, דערפאַר רופט מען דעם טאָג שַבָּת.

און גאָט האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלערליי בּיימער, וואָס זיינען שיין אָנצוקוקן און זייער פרוכט איז גוט צום עסן; אויך דעם בּוים פון לעבּן אין מיטן גאָרטן און דעם בּוים פון וויסן גוטס און שלעכטס.

און גאָט האָט גענומען דעם מענטשן און האָט אים אַריינגעזעצט אין גאָרטן פון עדן, אים צו בּאַאַרבּעטן און אים צו היטן. און גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן אַזוי צו זאָגן: „פון אַלע בּיימער אין גאָרטן מעגסטו עסן; אָבּער פון דעם בּוים פון וויסן גוטס און שלעכטס — פון אים זאָלסטו ניט עסן, ווייל אין דעם טאָג וואָס דו עסט פון אים, וועסטו שטאַרבּן!"

די בּאַשאַפונג פון דער פרוי

און גאָט האָט געבּראַכט צו דעם מענטשן אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגלען פון הימל, צו זען ווי ער וועט זיי רופן. און ווי דער מענטש וועט רופן איטלעכע לעבּעדיקע בּאַשעפעניש, דאָס זאָל זיין איר נאָמען.

האָט דער מענטש אָנגערופן נעמען פאַר אַלע בּהמות און פאַר די פויגלען פון הימל און פאַר אַלע חיות פון פעלד.

אָבּער פאַר אָדָמען* האָט גאָט ניט געפונען קיין געהילף, פּאַסיק פאַר אים. האָט גאָט דער האַר געזאָגט:

„עס איז ניט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין. איך וועל מאַכן אַ געהילף, פּאַסיק פאַר אים". האָט גאָט געלאָזט פאַלן אַ טיפן שלאָף אויף דעם מענטשן און ער איז איינגעשלאָפן.

* אָדָם — דער נאָמען פון ערשטן מענטשן, אָדָם, אין העבּרעאיש — אַ מענטש.

און גאָט האָט אַרויסגענומען אײנע פון אָדמס ריפּן און האָט פאַרלײגט איר אָרט מיט פלײש. און גאָט האָט געבויט פון דער ריפּ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דעם מענטשן, אַ פרוי און האָט זי געבראַכט צו דעם מענטשן.

האָט דער מענטש געזאָגט:

„דאָס איז בײן פון מײַנע בײנער און פלײש פון מײַן פלײש, זאָל אָט די גערופן װערן „פרוי" װײַל פון אַ מאַן* איז די גענומען געוואָרן".

און אָדם האָט גערופן דעם נאָמען פון זײַן װײַב חַוָה**, װײַל זי איז געװען די מוטער פון אַל דעם לעבעדיקן.

און גאָט האָט זײ געבענטשט און צו זײ געזאָגט: „פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך און פילט אָן די ערד און הערשט איבער די פיש פון ים און איבער די פױגלען פון הימל, און איבער אַל דעם לעבעדיקן װאָס קריכט אויף דער ערד".

און אָדם און חַוָה זײַנען בײדע געװען נאַקעט און זײ פלעגן זיך ניט שעמען.

די שלאַנג

און די שלאַנג איז געװען די קליגסטע פון אַלע חַיוֹת פון פעלד, װאָס גאָט האָט געמאַכט. און זי האָט געזאָגט צו דער פרוי:

„האָט טאַקע גאָט געזאָגט, איר זאָלט ניט עסן פון קײן בױם פון גאָרטן?"

* אִיש — אַ מאַן, אִישָה — אַ פרוי.

** חַוָה — לעבן.

האָט די פרוי געזאָגט צו דער שלאַנג:

„פון די פרוכט פון די ביימער פון גאָרטן מעגן מיר עסן, נאָר פון די פרוכט פון דעם בוים וואָס אין מיטן גאָרטן האָט גאָט געזאָגט: ‚איר זאָלט דערפון ניט עסן און איר זאָלט זיך ניט צורירן צו דעם, אַניט וועט איר שטאַרבן‘".

האָט די שלאַנג געזאָגט צו דער פרוי:

„שטאַרבן וועט איר ניט שטאַרבן, נאָר גאָט ווייס אַז אין דעם טאָג וואָס איר עסט דערפון וועלן זיך עפענען אײַערע אויגן, און איר וועט זײַן אַזוי ווי גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס".

האָט די פרוי געזען אַז די פרוכט פון בוים איז גוט צום עסן און שיין פאַר די אויגן, האָט זי גענומען פון זײַן פרוכט און האָט געגעסן. זי האָט אויך געגעבן איר מאַן און ער האָט גע־געסן. און זייערע ביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט און זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז זיי זײַנען נאַקעט. האָבן זיי צונויפגענייט פײַגנבלעטער און זיך געמאַכט גאַרטלען.

און זיי האָבן געהערט דעם קָול פון גאָט אין גאָרטן. און אָדם און זײַן ווײַב האָבן זיך באַהאַלטן פאַר גאָט דעם האַר צווישן די ביימער פון גאָרטן.

די שטראָף פאַר דער ערשטער זינד

האָט גאָט גערופן צו דעם מענטשן און האָט צו אים גע־זאָגט:

—„וווּ ביסטו?"

האָט ער געענטפערט: „איך האָב געהערט דײַן קָול אין

גאָרטן און איך האָב מורא געהאַט, ווײַל איך בין נאַקעט, האָב איך זיך באַהאַלטן".

האָט גאָט געזאָגט:

—„ווער האָט דיר געזאָגט אַז דו ביסט נאַקעט? האָסטו גע־געסן פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט ניט צו עסן פון אים?"

האָט דער מענטש געזאָגט:

—„די ווײַב וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פון דעם בוים, און איך האָב געגעסן".

האָט גאָט געזאָגט צו דער פרוי:

—„וואָס האָסטו דאָ געטאָן?"

האָט די פרוי געזאָגט:

—„די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, און איך האָב געגעסן".

האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער שלאַנג:

„ווײַל דו האָסט דאָס געטאָן זאָלסטו זײַן פאַרשאָלטן פון צווישן אַלע בהמות און פון צווישן אַלע חיות פון פעלד. אויף דײַן בויך זאָלסטו גיין און ערד זאָלסטו עסן אַלע טעג פון דײַן לעבן. און אַ פײַנטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, און צווישן דײַנע קינדער און צווישן אירע קינדער. דער מענטש וועט דיך טרעפן אין קאָפּ, און דו וועסט אים טרעפן אין טריט".

צו דער פרוי האָט גאָט געזאָגט:

„מערן וועל איך פאַרמערן דײַן מאַטערניש. מיט יסורים וועסטו געבערן קינדער."

און צו אָדמען האָט ער געזאָגט:

„ווײַל דו האָסט זיך צוגעהערט צו דעם קָול פֿון דײַן ווײַב און געגעסן פֿון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט אַזוי צו זאָגן: ,זאָלסט פֿון אים ניט עסן'—זאָל די ערד זײַן פֿאַרשאָלטן פֿון דײַנטוועגן. דערנער און שטעכיקע געוויקסן זאָל זי מאַכן שפּראָצן פֿאַר דיר. מיט מאַטערניש זאָלסטו זיך שפּײַזן פֿון איר אַלע טעג פֿון דײַן לעבן. מיט דעם שווייס פֿון דײַן פּנים זאָלסטו עסן ברויט, ביז דו קערסט זיך אום צו דער ערד; ווײַל פֿון איר ביסטו גענומען געוואָרן; ווײַל שטויב ביסטו און צו שטויב וועסטו זיך אומקערן".

און גאָט האָט געמאַכט פֿאַר אָדמען און פֿאַר זײַן ווײַב העמדלעך פֿון פֿעל און האָט זיי באַקליידט.

אָדם און חַוָה ווערן אַרויסגעטריבן פֿון גַן־עֵדן

און גאָט האָט געזאָגט:

„זע, איז דער מענטש געוואָרן ווי איינער פֿון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצינד קאָן ער נאָך אויסשטרעקן זײַן האַנט און נעמען אויך פֿון דעם בוים פֿון לעבן און ער וועט עסן און וועט לעבן אײביק".

האָט גאָט אים אַרויסגעשיקט פֿון דעם גאָרטן פֿון עֵדן צו באַאַרבעטן די ערד.

און ער האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן און ער האָט אַרײַנגעזעצט אין מִזרח פֿון דעם גאָרטן פֿון עֵדן די כּרובים, און די פֿלאַמיקע שווערד וואָס דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פֿון לעבן.

קַיִן און הֶבל

און חַוָה האָט געבאָרן קַיִנען; און זי האָט ווידער געבאָרן – זײַן ברודער הֶבלען.

און הֶבל איז געווען אַ פּאַסטעך פון שאָף און קַיִן איז גע־ווען אַן ערדאַרבעטער. און עס איז געווען נאָך אַ פאַרלויף פון טעג האָט קַיִן געבראַכט פון די פרוכט פון דער ערד אַ קָרבן צו גאָט. און הֶבל – ער האָט אויך געבראַכט פון די ערשטלינגען פון זײַנע שאָף און פון זייערע פעטסטע.

האָט גאָט זיך צוגעקוקט צו הֶבלען און צו זײַן קָרבן און צו קַיִנען און צו זײַן קָרבן האָט ער זיך ניט צוגעקוקט. האָט עס קַיִנען זייער שטאַרק פאַרדראָסן.

האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען:

„פאַר וואָס פאַרדריסט דיך? אויב דו וועסט טאָן גוטס, וועסטו ווערן אויפגענומען, און אויב דו וועסט ניט טאָן קיין גוטס–וואַרט די זינד בײַ דער טיר".

און עס איז געווען ווי קַיִן און הֶבל זײַנען געווען אין פעלד, האָט קַיִן גערעדט צו זײַן ברודער הֶבלען און איז אויפ־געשטאַנען קעגן זײַן ברודער הֶבלען און האָט אים דערהַרגעט.

האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען:

„ווו איז דײַן ברודער הֶבל?"

האָט ער געזאָגט:

„איך ווייס ניט. בין איך דען דער שומר פון מײַן ברודער?"

האָט גאָט געזאָגט:

„וואָס האָסטו געטאָן? דער קול פון דײַן ברודערס בלוט שרײַט צו מיר פון דער ערד. און אַצינד – פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן פון דער ערד, וואָס האָט אויפגעמאַכט איר מויל צוצו־נעמען דײַן ברודערס בלוט פון דײַן האַנט. אַז דו וועסט באַ־אַרבעטן די ערד, זאָל זי דיר מער ניט געבן איר קראַפט. נע־ונד זאָלסטו זײַן אויף דער ערד".

האָט קין געזאָגט צו גאָט:

„מײַן שטראָף איז צו גרויס, איך זאָל זי קענען איבער־טראָגן. אָט האָסטו מיך הײַנט פאַרטריבן פונעם לאַנד און איך וועל זײַן נע־ונד אויף דער ערד, וועט זײַן – ווער נאָר עס טרעפט מיך וועט מיך דערהרגענען".

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

„ווער נאָר עס הרגעט קינען זאָל מען זיבנפאַך נעמען נקמה פון אים".

און גאָט האָט געמאַכט קינען אַ צייכן, אַז קיינער וואָס טרעפט אים זאָל אים ניט דערשלאָגן.

די דורות נאָך אָדמען

און אָדם האָט געלעבט הונדערט און דרײַסיק יאָר און האָט געבאָרן אַ זון און האָט גערופן זײַן נאָמען שֵת. און אַלע טעג וואָס אָדם האָט געלעבט זײַנען געווען נײַן הונדערט און דרײַסיק יאָר. און ער איז געשטאָרבן.

און שֵת האָט געבאָרן אֱנוֹשן. און אַלע טעג פון שֵתן זײַנען

געװען נײַן הונדערט און צװעלף יאָר, און ער איז געשטאָרבן.

און אֶנוֹש האָט געבאָרן קֵינָנען. און אַלע טעג פון אֶנוֹשן זײַנען געװען נײַן הונדערט און פינף יאָר און ער איז געשטאָרבן.

און קֵינָן האָט געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן,
און מַהֲלַלְאֵל האָט געבאָרן יֶרֶדן,
און יֶרֶד האָט געבאָרן חֲנוֹכן,
און חֲנוֹך האָט געבאָרן מתושֶלַחן,

און אַלע טעג פון חֲנוֹכן זײַנען געװען דרײַ הונדערט פינף און זעכציק יאָר, װײַל גאָט האָט אים צוגענומען.

און מתושֶלַח האָט געבאָרן לֶמֶכן, און אַלע טעג פון מתושֶלַחן זײַנען געװען נײַן הונדערט נײַן און זעכציק יאָר, און ער איז געשטאָרבן.

און לֶמֶך האָט געבאָרן אַ זון און ער האָט גערופן זײַן נאָמען נֹחַ, אַזוי צו זאָגן: „דער דאָזיקער װעט אונדז זײַן אַ נֶחָמה.‟ און אַלע טעג פון לֶמֶכן זײַנען געװען זיבן הונדערט זיבן און זיבעציק יאָר, און ער איז געשטאָרבן.

און אַז נֹחַ איז געװאָרן פינף הונדערט יאָר אַלט, האָט נֹחַ געבאָרן שֵמען, חָמען און יֶפֶתן.



ב. דער מַבּול

און די ערד איז פול געוואָרן מיט אומרעכט.

און גאָט האָט געזען אַז דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און זײַן טראַכטן איז נאָר צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד. און ער האָט געהאַט צַער אין זײַן האַרצן און גאָט האָט געזאָגט:

„איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפן; אַלץ: פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שֶרץ, און ביז אַ פויגל פון הימל; ווײַל איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט".

אָבער נֹחַ האָט געפונען חֵן אין די אויגן פון גאָט. נֹחַ איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זײַן דור.

און גאָט האָט געזאָגט צו נֹחַן:

„דער סוֹף פון אַלץ וואָס לעבט איז געקומען פאַר מיר, ווײַל די ערד איז פול מיט אומרעכט דורך זיי. זע, איך ברענג זיי אום פון דער ערד. מאַך דיר אַ תֵּבֶה פון פּימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תֵּבֶה און זאָלסט זי אויספּעכן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק מיט פּעך.

„און אָט ווי דו זאָלסט זי מאַכן:

„דרײַ הונדערט איילן די לענג פון דער תֵּבֶה, פופציק איילן איר ברייט און דרײַסיק איילן איר הייך.

„אַ פענצטער זאָלסטו מאַכן צו דער תֵּבֶה. דעם אַרײַנגאַנג

אין דער תֵּבֶה זאָלסטו מאַכן אין איר זײַט. מיט אַן אונטערשטן, צווייטן און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן.

„און איך, זע איך ברענג אַ מַבּול וואַסער אויף דער ערד, אומצוברענגען אַלע באַשעפֿענישן וואָס האָבן אין זיך אַן אָטעם פֿון לעבן. אַלץ וואָס אויף דער ערד וועט אומקומען. אָבער איך וועל אויפֿשטעלן מײַן בונד מיט דיר, און דו וועסט אַרײַנגיין אין דער תֵּבֶה, דו און דײַנע זין, און דײַן ווײַב און דײַנע זינס ווײַבער מיט דיר.

„און פֿון אַלץ וואָס לעבט זאָלסטו אַרײַנברענגען צו צוויי פֿון איטלעכן מין אין דער תֵּבֶה, אויף צו דערהאַלטן בײַם לעבן מיט דיר. אַן ער און אַ זי זאָלן זיי זײַן. פֿון די פֿויגלען נאָך זייערע מינים, און פֿון די בְּהֵמות נאָך זייערע מינים, פֿון אַלע שְׁרָצים נאָך זייערע מינים, צו צוויי פֿון איטלעכן מין זאָלן אַרײַנגיין צו דיר כּדי זיי זאָלן בלײַבן לעבן.

„און דו נעם דיר פֿון יעטוועדער עסנוואַרג וואָס ווערט געגעסן, און זאַמל אײַן צו דיר, כּדי עס זאָל זײַן פֿאַר דיר און פֿאַר זיי צום עסן".

און נֹחַ האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפֿוילן, אַזוי האָט ער אַלץ געטאָן.

און נֹחַ איז געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, ווען דער מַבּול איז געווען אויף דער ערד.

און נֹחַ און זײַנע זין, און זײַן ווײַב און זײַנע זינס ווײַבער מיט אים זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער תֵּבֶה, צוליב דעם וואַסער פֿון מַבּול.

אין דעם זעקס־הונדערטסטן יאָר פֿון נֹחַס לעבן, אין

צווייטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פון גרויסן תּהום, און די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט. און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט. און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיך זייער געמערט אויף דער ערד, און די תּבֿה איז געגאַנגען אויף דער אייבערפלאַך פון די וואַסערן. און די וואַסערן האָבן זיך זייער, זייער געשטאַרקט אויף דער ערד. און עס זײַנען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג וואָס אונטערן גאַנצן הימל.

און עס איז אומגעקומען אַל דאָס לעבעדיקע, וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, סײַ אַ פויגל, סײַ אַ בהמה, סײַ אַ חיה, סײַ יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד און יעטוועדער מענטש. אַלץ וואָס אין זײַנע נאָזלעכער איז געווען אַ הויך פון אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ וואָס אויף דער יבשה — איז געשטאָרבן. נאָר נח איז געבליבן, און די וואָס זײַנען געווען מיט אים אין דער תּבֿה.

און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונדערט מיט פופציק טעג.

און גאָט האָט געדענקט נחן און אַלע חיות און אַלע בהמות, וואָס מיט אים אין דער תּבֿה. און גאָט האָט געלאָזט אַריבערגיין אַ ווינט אויף דער ערד און די וואַסערן האָבן זיך אײַנגעשטילט.

און עס זײַנען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תּהום און די פענצטער פון הימל; און דער רעגן פון הימל איז פאַרהאַלטן געוואָרן. און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּ־

טרעטן פון דער ערד. און די וואַסערן זײַנען ווייניקער געוואָרן צום סוף פון הונדערט און פופציק טעג. און די תּבֿה האָט גערוט אויף די בערג פון אַרָרט. אין צענטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פון די בערג.

און עס איז געווען צום סוף פון נאָך פערציק טעג האָט נח געעפנט דאָס פענצטער פון דער תּבֿה וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב. און ער איז געפלויגן הין און הער ביז דאָס וואַסער איז אָפּגעטריקנט געוואָרן פון דער אייבערפלאַך פון דער ערד. האָט נח אַרויסגעשיקט פון זיך די טויב, צו זען צי דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד. אָבער די טויב האָט ניט געפונען קיין אָפּרו פאַר איר פוסטריט און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים אין דער תּבֿה, ווײַל וואַסער איז געווען אויף דער אייבערפלאַך פון דער גאַנצער ערד.

און ער האָט אָפּגעוואַרט זיבן טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תּבֿה. און די טויב איז געקומען אָוונטצײַט. ערשט, אַן אָפּגעריסן איילבערטבלאַט איז אין איר מויל, און נח האָט געוווּסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד.

האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, און זי האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו אים ווידער.

און עס איז געווען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטן יאָר, אין ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָט נח אַראָפּגענומען דעם דעק פון דער תּבֿה און האָט אַ קוק געטאָן, און אָט— די אייבערפלאַך פון דער ערד איז טרוקן.

און גאָט האָט גערעדט צו נחַן אַזוי צו זאָגן:

„גיי אַרויס פון דער תֵּבָה, דו און דײַן ווײַב, און דײַנע זין און די ווײַבער פון דײַנע זין מיט דיר. ברענג אַרויס מיט זיך אַל דאָס לעבעדיקע וואָס מיט דיר, סײַ אַ פויגל, סײַ אַ בְּהֵמה, סײַ יעטוועדער שֶׁרֶץ וואָס קריכט אויף דער ערד".

איז אַרויסגעגאַנגען נחַ און זײַנע זין, און זײַן ווײַב און זײַנע זינס ווײַבער מיט אים, יעטוועדער חַיָּה, יעטוועדער שֶׁרֶץ און יעטוועדער פויגל—אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד איז אַרויסגעגאַנגען פון דער תֵּבָה.

און גאָט האָט געזאָגט אין זײַן האַרצן:

„איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד איבער דעם מענטשן: און איך וועל מער ווידער ניט דערשלאָגן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן.

„אַזוי לאַנג ווי ערד בלײַבט ערד—
זאָל זייאונג און שניט
און קעלט און היץ,
און זומער און ווינטער,
און טאָג און נאַכט
ניט אויפהערן!"

דער רעגן־בויגן

און גאָט האָט געזאָגט צו נחַן און צו זײַנע זין מיט אים אַזוי צו זאָגן:

„און איך, זע, איך שטעל אויף מײַן בונד מיט אײַך און מיט אײַערע קינדער נאָך אײַך און מיט יעטוועדער לעבעדיקער

באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, סײַ אַ פֿויגל, סײַ אַ בהמה, סײַ יעטוועדער חיה פֿון דער ערד מיט אײַך, פֿון אַלע וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּבֿה, אַל דאָס לעבעדיקע פֿון דער ערד. און איך וועל אויפֿשטעלן מײַן בונד מיט אײַך. און עס וועט מער ניט זײַן קײן מבול אומצוברענגען די ערד".

און גאָט האָט געזאָגט:

„און דאָס איז דער צייכן פֿון דעם בונד צווישן מיר און צווישן אײַך און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, אויף אייביקע דורות. מײַן בויגן האָב איך אַרײַנגעשטעלט אין וואָלקן, און ער וועט זײַן אַ צייכן פֿון דעם בונד צווישן מיר און צווישן דער ערד. און עס וועט זײַן ווען איך וועל ברענגען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווײַזן דער רעגנבויגן אין וואָלקן, און איך וועל אים זען און וועל זיך דערמאָנען אָן דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס אויף דער ערד".

און נח האָט געלעבט נאָכן מבול דרײַ הונדערט און פֿופֿציק יאָר. און אַלע טעג פֿון נחן זײַנען געווען נײַן הונדערט און פֿופֿציק יאָר. און ער איז געשטאָרבן.

און די זין פֿון נחן וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּבֿה זײַנען געווען: שם, חם און יפֿת; און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן זין נאָכן מבול. און פֿון זיי האָבן זיך פֿונאַנדערגעשיידט די פֿעלקער אויף דער ערד נאָכן מבול.

דער טורעם פון בָבל

און די גאַנצע ערד האָט געהאַט איין שפּראַך און די וועל־ביקע ווערטער. און עס איז געווען אַז זיי האָבן געצויגן פון מִזרח, האָבן זיי געפונען אַ פּלוין אין לאַנד שִנעָר, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

„קומט לאָמיר מאַכן ציגל און אויסברענען אין אַ ברע־נערײַ".

און זיי האָבן געזאָגט:

„קומט לאָמיר בויען אַ שטאָט, און אַ טורעם מיט זײַן שפּיץ אין הימל, און לאָמיר זיך מאַכן אַ נאָמען, כּדי מיר זאָלן ניט צעשפּרייט ווערן איבער דער גאַנצער ערד".

און גאָט האָט געזען די שטאָט און דעם טורעם וואָס די מענטשן האָבן געבויט. און גאָט האָט געזאָגט:

„זע, זיי זײַנען איין פֿאָלק, און איין שפּראַך איז בײַ זיי אַלעמען, און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב פון זייער טאָן, און זיי וועלן איצט קענען טאָן אַלץ וואָס זיי וועלן נאָר טראַכטן. לאָמיך אַראָפּנידערן און צעמישן דאָרטן זייער שפּראַך, אַז איינער זאָל ניט פאַרשטיין דעם אַנדערנס רייד".

האָבן זיי אויפגעהערט צו בויען די שטאָט. דעריבער האָט מען גערופן איר נאָמען בָבל, ווײַל דאָרטן האָט גאָט צעמישט* די שפּראַך פון דער גאַנצער ערד. און פון דאָרטן האָט זיי גאָט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד.

---

* בבֿל (בלל) – צעמישן.

ג. די געשיכטע פון אבּרהָמען

פון שֵמען ביז אַברהָמען

דאָס זײַנען די דורות נאָך שֵמען:
שֵם האָט געבּאָרן אַרפַּכשַדן,
און אַרפַּכשַד האָט געבּאָרן שֶלַחן,
און שֶלַח האָט געבּאָרן עֵבֶרן,
און עֵבֶר האָט געבּאָרן פֶּלֶגן,
און פֶּלֶג האָט געבּאָרן רְעון,
און רְעו האָט געבּאָרן שְׂרוגן,
און שְׂרוג האָט געבּאָרן נָחורן,
און נָחור האָט געבּאָרן תֶּרַחן.

און תֶּרַח האָט געלעבּט זיבּעציק יאָר און האָט געבּאָרן אַברָמען, נָחורן און הָרָנען.

און הָרָן האָט געבּאָרן לוטן. און הָרָן איז געשטאָרבּן בּײַם לעבּן פון זײַן פאָטער תֶּרַח. און אַבּרָם און נָחור האָבּן זיך גענומען ווײַבּער. דער נאָמען פון נָחורס ווײַבּ איז געווען מִלכָּה, און דער נאָמען פון אַבּרָמס ווײַבּ איז געווען שָׂרָי. און שָׂרָי איז געווען אַן עֲקָרה—זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

און תֶּרַח האָט גענומען זײַן זון אַבּרָמען און זײַן אייניקל לוטן און זײַן שנור שָׂרָי, די ווײַבּ פון זײַן זון אַבּרָמען, און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון אור־כַּשׂדים צו גיין אין לאַנד כּנַעַן.

און זיי זײַנען געקומען ביז חָרָן, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. און די טעג פון תֶּרַחן זײַנען געווען צוויי הונדערט און פינף יאָר. און תֶּרַח איז געשטאָרבן אין חָרָן.

אַבְרָם קומט קיין כּנַעַן

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבְרָמען:

„גיי דיר אַוועק פון דײַן לאַנד, און פון דײַן אָפּשטאַם, און פון דײַן פאָטערס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווײַזן. און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און איך וועל גרויס מאַכן דײַן נאָמען, און דו וועסט זײַן אַ בענטשונג. און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן דיך, און דעם וואָס שילט דיך וועל איך פאַרשילטן; און מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע מִשְׁפָּחוֹת פון דער ערד".

און אַבְרָם האָט גענומען זײַן ווײַב שָׂרַין, און זײַן ברודערס זון לוֹטן און זייער גאַנצן פאַרמעגן וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן אין חָרָן, און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען צו גיין אין לאַנד כּנַעַן.

און זיי זײַנען געקומען אין לאַנד כּנַעַן, און אַבְרָם איז דורכ־געגאַנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט שְׁכֶם. און דער כּנַעֲני איז דענסמאָל געווען אין לאַנד.

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אַבְרָמען און האָט געזאָגט:

„צו דײַנע קינדער וועל איך אָפּגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד".

און אַבְרָם האָט דאָרטן געבויט אַ מִזְבֵּחַ צו גאָט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים.

און אַבְרָם איז געגאַנגען און געגאַנגען אַלץ ווײַטער צו דָרוֹם.

אַבֿרָם שיידט זיך אָפּ פֿון לוטן

און אַבֿרָם איז געווען זייער רײַך אין בהמות, אין זילבער און אין גאָלד. און אויך בײַ לוטן, וואָס איז געגאַנגען מיט אַבֿרָמען, זײַנען געווען שאָף און רינדער און געצעלטן. און דאָס לאַנד האָט ניט געקענט טראָגן, זיי זאָלן וווינען צוזאַמען, ווײַל זייער פֿאַרמעגן איז געווען גרויס.

און עס איז געווען אַ קריגערײַ צווישן די פּאַסטעכער פֿון אַבֿרָמען און צווישן די פּאַסטעכער פֿון לוטן.

האָט אַבֿרָם געזאָגט צו לוטן: „איך בעט דיך, זאָל ניט זײַן קיין קריג צווישן מיר און דיר, און צווישן מײַנע פּאַסטעכער און דײַנע פּאַסטעכער; ווײַל מיר זײַנען אייגענע מענטשן. דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פֿאַר דיר. טייל זיך אָפּ פֿון מיר, איך בעט דיך. אָדער-אויף לינקס, וועל איך זיך נעמען רעכטס, אָדער-אויף רעכטס, וועל איך זיך נעמען לינקס.

האָט לוט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און געזען די גאַנצע געגנט פֿון יַרדן, אַז זי איז אין גאַנצן באַוואַסערט, אַזוי ווי דער גאָרטן פֿון גאָט, אַזוי ווי דאָס לאַנד מִצרַיִם. און לוט האָט אויסגע־קליבן פֿאַר זיך די גאַנצע געגנט פֿון יַרדן; און לוט האָט אַוועק־געצויגן קיין מִזרח.

און זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט איינער פֿון אַנדערן. אַבֿרָם האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כּנַעַן, און לוט האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פֿון דער יַרדן־געגנט. און ער האָט געהאַט גע־צעלטן ביז סדום.

און די מענטשן פון סדום זײַנען געווען זייער שלעכט און זינדיק צו גאָט.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַברָמען, נאָך דעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים:

„הייב אויף דײַנע אויגן און קוק פון דעם אָרט וווּ דו ביסט – קיין צָפון, קיין דָרום, קיין מִזרח און קיין מַערָב; ווײַל דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דײַנע קינדער אויף אייביק. און איך וועל מאַכן דײַנע קינדער אַזוי ווי זאַמד פון דער ערד: אַזוי ווי קיינער קען ניט ציילן זאַמד פון דער ערד, אַזוי וועט מען דײַנע קינדער ניט קענען ציילן. שטיי אויף! גיי דורכן לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, ווײַל צו דיר וועל איך עס געבן".

און אַברָם האָט איבערגעטראָגן זײַן געצעלט און ער איז געקומען און האָט זיך באַזעצט בײַ די אייכנביימער פון מַמרֵא, וואָס אין חֶברון און האָט דאָרטן געבויט אַ מִזבֵּחַ צו גאָט.

אַברָם האַלט מִלחָמה מיט פיר מלָכים

דער מֶלך פון שִנעָר, דער מֶלך פון אֶלָסָר, דער מֶלך פון עֵילָם און דער מֶלך פון גוֹיִם האָבן געפירט אַ מִלחָמה קעגן דעם מֶלך פון סדום, דעם מֶלך פון עֲמוֹרָה, דעם מֶלך פון אַדמָה, דעם מֶלך פון צבוֹיִם און דעם מֶלך פון בֶּלַע – די פיר מלָכים קעגן די פינף. און זיי האָבן געפירט די מִלחָמה מיט זיי אין טאָל שִׂדים.

און דער טאָל שׂדים איז גריבער אויף גריבער מיט ליים. און די מלָכים פון סדום און עֲמוֹרָה זײַנען אַנטלאָפן און זײַנען אַרײַנגעפאַלן אַהין. און די איבערגעבליבענע זײַנען אַנטלאָפן צום באַרג.

און יענע האָבן צוגענומען דעם גאַנצן פאַרמעגן פון סדום און עֲמוֹרָה, און דאָס גאַנצע עסנוואַרג זייערס. און זיי האָבן צוגענומען לוטן, דעם זון פון אַבְרָמס ברודער, וואָס איז געזעסן אין סדום, און זײַן פאַרמעגן. און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

איז געקומען אַן אַנטלאָפענער און האָט אָנגעזאָגט אַבְרָם דעם עִבְרִי.

און ווי אַבְרָם האָט געהערט אַז זײַן אייגענער איז געפאַנגען געוואָרן, אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט זײַנע אײַנגעלערנטע, געבאָרענע אין זײַן הויז, דרײַ הונדערט און אַכצן מאַן. און ער האָט נאָכגעיאָגט ביז דָן. און ער האָט זיך צעטיילט אַקעגן זיי בײַ נאַכט, ער און זײַנע קנעכט. און ער האָט זיי געשלאָגן און זיי נאָכגעיאָגט ביז חוֹבָה וואָס איז לינקס פון דַמֶשֶׂק. און ער האָט צוריקגעבראַכט דעם גאַנצן פאַרמעגן, און אויך לוטן און זײַן פאַרמעגן האָט ער צוריקגעבראַכט, אויך די ווײַבער און דאָס פאָלק.

און דער מֶלך פון סדום איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און האָט געזאָגט צו אַבְרָמען:

„גיב מיר די נפָשות, און דעם פאַרמעגן נעם זיך דיר".

האָט אַבְרָם געזאָגט צו דעם מלך פון סדום:

„איך הייב אויף מײַן האַנט צו גאָט, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד, אויב איך וועל נעמען פון עפּעס וואָס איז

דײַנס–אַ פּאָדעם אָדער אַ שוכבענדל! כּדי דו זאָלסט ניט זאָגן: 'איך האָב רײַך געמאַכט אַבֿרָמען'".

גאָטס בונד מיט אַבֿרָמען

נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו אַבֿרָמען אין אַ זעאונג אַזוי צו זאָגן:

–„זאָלסט ניט מורא האָבן, אַבֿרָם, איך בין דיר אַ שילד, דײַן שׂכר איז זייער גרויס".

האָט אַבֿרָם געזאָגט:

„גאָט דו האַר, וואָס קענסטו מיר געבן, אַז איך וועל אַוועק פֿון דער וועלט אָן אַ קינד? האָסט מיר קיין קינדער ניט געגעבן, און אֶליעֶזר–דער וואָס פֿירט די ווירטשאַפֿט פֿון מײַן הויז–אָדער אַן אַנדער קנעכט פֿון מײַן הויז וועט מיך יַרשען".

און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו אים אַזוי צו זאָגן:

–„ניט דער דאָזיקער וועט דיך יַרשען, נאָר דער וואָס וועט אַרויסקומען פֿון דיר, ער וועט דיך יַרשען".

און גאָט האָט אים אַרויסגעפֿירט אין דרויסן און האָט געזאָגט:

„טו אַקאָרשט אַ קוק אויפֿן הימל און צייל די שטערן. קענסט זיי איבערציילן–אַזוי וועלן זײַן דײַנע קינדער".

און אַבֿרָם האָט געגלייבט אין גאָט.

און גאָט האָט צו אים געזאָגט:

–„איך בין גאָט, וואָס האָב דיך אַרויסגעצויגן פֿון אור־כּשׂדים, דיר צו געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, עס צו יַרשען".

האָט ער געזאָגט:

—„גאָט מײַן האַר, מיט וואָס וועל איך וויסן אַז איך וועל עס ירשענען?"

האָט ער צו אים געזאָגט:

„נעם מיר אַ דרײַיאָריקע קו, און אַ דרײַיאָריקע ציג, און אַ דרײַיאָריקן ווידער, און אַ טורטל־טויב, און אַ יונגע טויב".

האָט ער אים גענומען די אַלע און האָט זיי איבערגעשניטן אין מיטן, און אַוועקגעלייגט איין העלפט קעגן דער אַנדערער; נאָר די פֿויגלען האָט ער ניט איבערגעשניטן. האָבן די רויב־פֿויגלען אַראָפּגענידערט אויף די צעשניטענע קערפּערס, אָבער אַבֿרם האָט זיי אָפּגעטריבן.

און ווי די זון איז געווען בײַם אונטערגיין, אַזוי איז אַ טיפֿער שלאָף געפֿאַלן אויף אַבֿרמען; און אָט—אַן אימה, אַ גרויס פֿינצטערניש פֿאַלט אָן אויף אים.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרמען:

„וויסן זאָלסטו וויסן, אַז דײַנע קינדער וועלן זײַן פֿרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס, און מען וועט זיי פֿאַרקנעכטן און מען וועט זיי פּײַניקן פֿיר הונדערט יאָר. און דאָס פֿאָלק וועמען זיי וועלן דינען, וועל איך משפּטן. דו אָבער וועסט שטאַרבן רואיק, אין אַ גוטער עלטער".

און עס איז געווען, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן שטאָק־פֿינצטער, און אָט איז אַ רויך און אַ פֿלאַם־פֿײַער דורכגעגאַנגען צווישן די דאָזיקע שטיקער.

אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַבֿרמען.

יִשמָעאֵל ווערט געבאָרן

און שָׂרַי, אַבְרָמס ווײַב, האָט אים ניט געבאָרן קיין קינדער, און זי האָט געהאַט אַ מִצרישע דינסט וואָס איר נאָמען איז געווען הָגָר.

און שָׂרַי, אַבְרָמס ווײַב, האָט גענומען הָגָרן, און זי האָט זי געגעבן איר מאַן אַבְרָמען פֿאַר אַ ווײַב.

און הָגָר האָט געבאָרן אַבְרָמען אַ זון, און אַבְרָם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זײַן זון וואָס הָגָר האָט געבאָרן – יִשמָעאֵל. און אַבְרָם איז געווען זעקס און אַכציק יאָר אַלט ווען הָגָר האָט געבאָרן יִשמָעאֵלן צו אַבְרָמען.

די נײַע נעמען: אַבְרָהָם און שָׂרָה

און אַז אַבְרָם איז אַלט געווען נײַן און נײַנציק יאָר, האָט זיך גאָט באַוויזן צו אַבְרָמען און האָט צו אים געזאָגט:

„איך בין גאָט. גיי אין מײַנע וועגן און זײַ ערלעך. און איך וועל מאַכן אַ בונד צווישן מיר און צווישן דיר. און איך וועל דיך מערן זייער און זייער".

איז אַבְרָם געפֿאַלן אויף זײַן פּנים. און גאָט האָט מיט אים גערעדט אַזוי צו זאָגן:

„זע, מײַן בונד וועט זײַן מיט דיר, און דו וועסט זײַן דער פֿאָטער פֿון אַ סך פֿעלקער. און דײַן נאָמען זאָל מער ניט גערופֿן ווערן אַבְרָם, נאָר דײַן נאָמען זאָל זײַן אַבְרָהָם*.

* אַב – פֿאָטער; הָמון – אַ סך פֿאָלק.

„דײַן װײַב שָׂרין זאָלסטו ניט רופן מיט איר נאָמען שָׂרַי, נאָר — שָׂרָה* זאָל זײַן איר נאָמען. און איך װעל זי בענטשן, און װעל דיר אויך געבן פון איר אַ זון".

איז אַבְרָהָם געפאַלן אויף זײַן פּנים און ער האָט געלאַכט** און געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן:

קען בײַ אַ מאַן פון הונדערט יאָר געבאָרן װערן? און קען שָׂרָה צו נײַנציק יאָר געבערן? און אַבְרָהָם האָט געזאָגט צו גאָט: „הַלוואַי זאָל ישמָעאֵל לעבן פאַר דיר!"

האָט גאָט געזאָגט: „באֱמת, דײַן װײַב שָׂרָה װעט דיר געבערן אַ זון, און זאָלסט רופן זײַן נאָמען יִצחָק**; און איך װעל אויפשטעלן מײַן בונד מיט אים פאַר אַן אײביקן בונד צו זײַנע קינדער נאָך אים. און װעגן יִשמָעאֵלן האָב איך דיך צוגעהערט; זע, איך האָב אים געבענטשט, איך װעל אים מערן זייער און זייער, איך װעל אים מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. מײַן בונד אָבער װעל איך אויפשטעלן מיט יִצחָקן, װאָס שָׂרָה װעט דיר געבערן איבער אַ יאָר אין דער צײַט".

דרײַ מענער קומען צו אַבְרָהָמען

און אַבְרָהָם איז געזעסן אין אײַנגאַנג פון זײַן געצעלט, אין דער היץ פון טאָג. און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען, אָט שטײען דרײַ מענער פאַר אים! און װי ער

* שׂרה — האַרינטע.

** צחק — לאַכן; יִצחָק — ער האָט געלאַכט.

האָט זיי דערזען, אַזוי איז ער זיי געלאָפן אַנטקעגן און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. און ער האָט געזאָגט: „מײַן האַר, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חן אין דײַנע אויגן, זאָלסטו, איך בעט דיך, ניט אַוועקגיין פון דײַן קנעכט. מע וועט ברענגען אַ ביסל וואַסער און וואַשט אײַערע פיס, און לענט אײַך אָן אונטערן בוים. און איך וועל ברענגען אַ שטיקל ברויט, און איר וועט אונטערלענען אײַער האַרץ, דערנאָך וועט איר גיין ווײַטער".

האָבן זיי געזאָגט: „טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט".

האָט אַבְרָהָם געאײַלט אין געצעלט צו שָׂרָהן און האָט געזאָגט:

„נעם אויף גיך דרײַ מאָס זעמלמעל, פאַרקנעט און מאַך קוכנס".

און צו די רינדער איז אַבְרָהָם געלאָפן, און האָט גענומען אַ יונג רינד, ווייך און פעט, און געגעבן דעם יונג. און ער האָט עס צוגעריכט אויף גיך.

און ער האָט גענומען שמאַנט און מילך און דאָס יונגע רינד וואָס ער האָט צוגעריכט און האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי.

און ער איז געשטאַנען פאַר זיי אונטערן בוים. און זיי האָבן געגעסן.

האָבן זיי צו אים געזאָגט: „ווו איז שָׂרָה דײַן ווײַב?"

האָט ער געזאָגט: „אין געצעלט".

האָט איינער געזאָגט:

„אומקערן וועל איך זיך אומקערן איבער אַ יאָר אין דער צײַט, און זע — שָׂרָה דײַן ווײַב וועט האָבן אַ זון!"

און שָׂרָה האָט זיך אײַנגעהערט אין אײַנגאַנג פון געצעלט. און אַבְרָהָם און שָׂרָה זײַנען געווען זְקֵנִים. און שָׂרָה האָט גע־לאַכט אין זיך אַזוי צו זאָגן: נאָך דעם ווי איך בין אַלט געוואָרן, וועל איך נאָך האָבן אַ קינד? דערצו נאָך איז מײַן האַר אויך אַלט.

האָט גאָט געזאָגט צו אַבְרָהָמען:

„פאַר וואָס האָט שָׂרָה געלאַכט אַזוי צו זאָגן: ,צי וועל איך אין דער אֶמתן געבערן, אַז איך בין אַזוי אַלט?' איז דען עפּעס צו שווער פאַר גאָט? צו דער באַשטימטער צײַט וועט שָׂרָה האָבן אַ זון!"

און די מענער זײַנען אויפגעשטאַנען פון דאָרטן און האָבן אַראָפּגעקוקט אויף סדום. און אַבְרָהָם איז געגאַנגען זיי באַ־גלייטן.

אַבְרָהָם בעט פאַר סדום

און גאָט האָט געזאָגט:

„דאָס געשריי וועגן סדום און עֲמוֹרָה איז באֶמת גרויס, און זייער זינד איז באֶמת שווער. לאָמיך אַקאָרשט אַראָפּנידערן און זען, צי זיי האָבן אין גאַנצן געטאָן אַזוי ווי עס איז דאָס גע־שריי וואָס איז געקומען צו מיר, און אויב ניט — לאָמיך וויסן".

און אַבְרָהָם האָט געזאָגט:

„וועסטו דען אומברענגען דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן? טאָמער זײַנען דאָ פופציק אומשולדיקע אין דער שטאָט, וועסטו זיי אומברענגען, און וועסט ניט פאַרגעבן דער

שטאָט צוליב די פופציק אומשולדיקע וואָס אין איר? חלילה צו טאָן אַזאַ זאַך, צו טייטן דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן! אַז דער אומשולדיקער זאָל גאָר זײַן אַזוי ווי דער שולדיקער? חלילה! וועט דער ריכטער פֿון דער גאַנצער ערד ניט טאָן קיין גערעכטיקײַט?

האָט גאָט געזאָגט:

„אויב איך וועל געפֿינען אין סדום פֿופֿציק אומשולדיקע וועל איך פֿאַרגעבן דער גאַנצער שטאָט פֿון זייערטוועגן".

האָט זיך אָנגערופֿן אַבֿרָהָם און געזאָגט:

—„זע, איך בעט דיך, איך נעם זיך אונטער צו ריידן צו מײַן האַר, הַגַם איך בין שטויב און אַש. טאָמער וועלן פֿעלן פֿון די פֿופֿציק אומשולדיקע פֿינף, וועסטו וועגן די פֿינף צע־שטערן די גאַנצע שטאָט?"

האָט ער געזאָגט:

—„איך וועל ניט צעשטערן, אויב איך וועל דאָרטן געפֿינען פֿינף און פֿערציק".

און ער האָט ווידער אַ מאָל צו אים גערעדט און האָט געזאָגט:

„טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפֿינען פֿערציק?"

האָט ער געזאָגט:

„איך וועל דאָס ניט טאָן צוליב די פֿערציק".

האָט ער געזאָגט:

—„איך בעט דיך, זאָל דיר, מײַן האַר, ניט פֿאַרדריסן און איך וועל ריידן: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפֿינען דרײַסיק?"

האָט ער געזאָגט:

–„איך װעל עס ניט טאָן, אויב איך װעל דאָרטן געפינען דרײַסיק".

האָט ער געזאָגט:

–„זע, איך בעט דיך, איך נעם זיך אונטער צו ריידן צו מײַן האַר: טאָמער װעלן זיך דאָרטן געפינען צוואַנציק?"

האָט ער געזאָגט:

–„איך װעל ניט צעשטערן צוליב די צוואַנציק".

האָט ער געזאָגט:

–„איך בעט דיך, זאָל דיך, מײַן האַר, ניט פאַרדריסן און איך װעל ריידן נאָר דאָס מאָל: טאָמער װעלן זיך דאָרטן גע־פינען צען?"

האָט ער געזאָגט:

„איך װעל ניט צעשטערן צוליב די צען!"

און גאָט האָט געענדיקט ריידן צו אַבֿרָהָמען. און אַבֿרָהָם האָט זיך אומגעקערט צו זײַן אָרט.

די צעשטערונג פֿון סדום

און צוויי מַלאָכים זײַנען געקומען קיין סדום אין אָוונט; און לוט איז געזעסן אין טויער פֿון סדום. און לוט האָט זיי דערזען, און ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט זיי אַנטקעגן, און האָט זיך געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„זעט, איך בעט אײַך, מײַנע האַרן, קומט אַרײַן אין הויז פֿון אײַער קנעכט אויף איבער נאַכט און װאַשט אײַערע פֿיס.

און איר וועט אויפשטיין אין דער פרי און וועט גיין אײַער וועג".

האָבן זיי געזאָגט:

„ניין, אויף דער גאַס וועלן מיר נעכטיקן!"

איז ער צוגעשטאַנען צו זיי און זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין זײַן הויז. און ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ מאָלצײַט, און גע־באַקן אומגעזײַערטע קוכנס. און זיי האָבן געגעסן.

איידער נאָך זיי האָבן זיך געלייגט, האָבן די מענטשן פון סדום אַרומגערינגלט דאָס הויז, דאָס גאַנצע פאָלק, פון יונג ביז אַלט, און זיי האָבן גערופן צו לוטן און האָבן צו אים געזאָגט:

—„וווּ זײַנען די מענער, וואָס זײַנען צו דיר געקומען די נאַכט? ברענג זיי אַרויס צו אונדז!"

איז לוט אַרויסגעגאַנגען צו זיי אין אײַנגאַנג, און די טיר האָט ער פאַרשלאָסן הינטער זיך. און ער האָט געזאָגט:

—„איך בעט אײַך, מיינע ברידער, טוט ניט קיין שלעכטס! איך בעט אײַך! די־דאָזיקע מענער זאָלט איר קיין זאַך ניט טאָן, ווײַל זיי זײַנען געקומען אין שאָטן פון מײַן דאַך".

האָבן זיי געזאָגט:

„טרעט אָפּ!" און זיי האָבן געזאָגט: „געקומען איז ער וווינען צווישן אונדז און איצט וויל ער גאָר אונדז מִשפּטן! אַצינד וועלן מיר זיך מיט דיר נאָך ערגער באַגיין ווי מיט זיי". און זיי זײַנען זייער שטאַרק צוגעשטאַנען צו לוטן און האָבן זיך גענענטערט אײַנצוברעכן די טיר.

האָבן די מענער אויסגעשטרעקט זייער האַנט, און אַרײַב

געבראַכט לוטן צו זיך אין הויז און די טיר האָבן זיי פאַר־שלאָסן. און זיי האָבן געשלאָגן די לײַט וואָס בײַם אײַנגאַנג פון הויז מיט בלינדקייט, און זיי האָבן ניט געקענט געפינען דעם אײַנגאַנג.

און די מענער האָבן געזאָגט צו לוטן:

„וועמען נאָך האָסטו דאָ? אַן איידעם, אָדער דײַנע זין און דײַנע טעכטער? וועמען דו האָסט אין דער שטאָט — פיר אַרויס פון דעם אָרט, ווײַל מיר צעשטערן דעם דאָזיקן אָרט; דאָס געשריי וועגן זיי איז גרויס פאַר גאָט, און גאָט האָט אונדז גע־שיקט זיי צו צעשטערן".

איז לוט אַרויסגעגאַנגען און האָט גערעדט צו זײַנע איידעמס, די וואָס האָבן גענומען זײַנע טעכטער, און ער האָט געזאָגט:

—„שטייט אויף, גייט אַרויס פון דעם דאָזיקן אָרט, ווײַל גאָט צעשטערט די שטאָט". אָבער אין די אויגן פון זײַנע איידעמס איז ער געווען ווי איינער וואָס מאַכט שפּאַס.

און ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָבן די מלאָכים צוגעאײַלט לוטן אַזוי צו זאָגן:

„שטיי אויף, נעם דײַן ווײַב און דײַנע צוויי טעכטער וואָס געפינען זיך דאָ, כּדי דו זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך דער זינד פון דער שטאָט".

און אַז ער האָט זיך געזאַמט, האָבן די מענער אָנגענומען זײַן האַנט און די האַנט פון זײַן ווײַב, און די האַנט פון זײַנע צוויי טעכטער און זיי האָבן אים אַרויסגעפירט, און האָבן אים געלאָזט אויסן שטאָט.

און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אים אַרויסגעפירט אויסן שטאָט, אַזוי האָט אַ מַלאך געזאָגט:

–„אַנטלויף מיט דײַן לעבן! זאָלסט זיך ניט אומקוקן הינטער דיר, זאָלסט זיך ניט אָפּשטעלן אין דער גאַנצער געגנט. אַנטלויף צום באַרג, כּדי דו זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן".

האָט לוט צו זיי געזאָגט:

„אָ, ניט אַזוי, מײַנע האַרן! זע, איך בעט דיך, דײַן קנעכט האָט געפונען חן אין דײַנע אויגן און דו האָסט גרויס געמאַכט דײַן חֶסֶד, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר, צו לאָזן לעבן מײַן נֶפש, אָבער איך קען ניט אַנטלויפן ביז צום באַרג, ווײַל דאָס בייז וועט מיך אָניאָגן און איך וועל שטאַרבן. איך בעט דיך, אָט איז יענע שטאָט וואָס איז נאָענט אַהין צו אַנטלויפן; און זי איז דאָך אַ קליינע. לאָמיר, איך בעט דיך, אַהין אַנטלויפן – און מײַן נֶפש וועט בלײַבן לעבן".

האָט ער צו אים געזאָגט:

–„זע, איך נעם אָן וואָס דו בעטסט אויך אין דער דאָזיקער זאַך. איך וועל ניט אומברענגען די שטאָט וואָס דו האָסט געזאָגט. אײַל זיך, אַנטלויף אַהין, ווײַל איך קען ניט טאָן קיין זאַך ביז דו קומסט ניט אַהין".

די זון איז אויפגעגאַנגען אויף דער ערד, און לוט איז אָנגעקומען קיין צוֹעַר.

און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדוֹם און אויף עֲמוֹרָה שוועבל און פײַער. און ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטעט, און די גאַנצע געגנט, און אַלע אײַנוווינער פון די שטעט, און די געוויקסן פון דער ערד.

און זײַן װײַב האָט זיך אומגעקוקט פֿון הינטער אים און איז געװאָרן אַ זײַל זאַלץ.

און אַבֿרהם איז אױפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי און זיך גע־אײַלט צו דעם אָרט, װאָס ער איז דאָרטן געשטאַנען פֿאַר גאָט. און ער האָט אַראָפּגעקוקט אױף סדום און עמורה, און אױף דעם גאַנצן לאַנד פֿון דער געגנט, און ער האָט געזען — נאָר אַ געדיכטער רױך גײט אױף פֿון לאַנד אַזױ װי דער רױך פֿון אַ קאַלכאױװן.

יִצחק װערט געבאָרן

און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן שׂרהן, אַזױ װי ער האָט גע־זאָגט. און שׂרה האָט געבאָרן אַבֿרהמען אַ זון אױף דער עלטער, צו דער צײַט װאָס גאָט האָט אים אָנגעזאָגט. און אַבֿרהם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זײַן זון װאָס שׂרה האָט אים געבאָרן יִצחק.

און אַבֿרהם האָט געמלט זײַן זון יִצחקן צו אַכט טעג, אַזױ װי גאָט האָט אים באַפֿױלן. און אַבֿרהם איז געװען הונדערט יאָר אַלט װען זײַן זון יִצחק איז אים געבאָרן געװאָרן.

און שׂרה האָט געזאָגט:

„אַ געלעכטער האָט מיר גאָט געמאַכט; איטלעכער װאָס הערט עס װעט לאַכן* פֿון מיר. װער װאָלט געזאָגט אַבֿרהמען: שׂרה װעט קינדער זײגן!"

---

*יִצחק — אױף העברעאיש — װעט לאַכן.

און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז אַנטוויינט געוואָרן. און אַבְרָהָם האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצײַט אין דעם טאָג וואָס יִצְחָק איז אַנטווינט געוואָרן.

שָׂרָה טרײַבט אַרויס הָגָרן

און שָׂרָה האָט געזען דעם זון פון הָגָרן, וואָס זי האָט געבאָרן אַבְרָהָמען, ווי ער שפּילט זיך. האָט זי געזאָגט צו אַבְרָהָמען:

„טרײַב אַרויס די דינסט און איר זון, דער זון פון אָט דער דינסט זאָל ניט יַרשען אין איינעם מיט מײַן זון, מיט יִצְחָקן".

און די זאַך איז געווען זייער שלעכט אין די אויגן פון אַבְרָהָמען צוליב זײַן זון. האָט גאָט געזאָגט צו אַבְרָהָמען: „זאָל עס ניט שלעכט זײַן אין דײַנע אויגן איבער דעם יינגל און איבער דער דינסט. אַלץ וואָס שָׂרָה זאָגט דיר—הער זיך אײַן צו אירע רייד, ווײַל פון יִצְחָקן וועלן אַרויסקומען דײַנע קינדער. אָבער אויך דעם זון פון דער דינסט וועל איך מאַכן פאַר אַ פאָלק—ער איז דאָך דײַן קינד".

איז אַבְרָהָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און ער האָט גענומען ברויט און אַ לאָגל וואַסער און געגעבן הָגָרן—אַרויפגעלייגט אויף איר אַקסל—און אויך דאָס קינד, און האָט זי אַוועקגעשיקט.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אומגעבלאָנדזשעט אין דעם מִדבָּר פון בּאֵר־שֶׁבַע. איז דאָס וואַסער אויסגעגאַנגען פון לאָגל, און זי האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קינד אונטער איינעם פון די ביימלעך, און זי איז אַוועק און האָט זיך געזעצט

אַקעגן, ווײַט ווי עס קען גרייכן אַ שאָס פון אַ בויגן. ווײַל זי האָט געזאָגט: „לאָמיך ניט זען ווי דאָס קינד שטאַרבט".

און זי איז געזעסן אַקעגן און האָט אויפגעהויבן איר שטים און זי האָט געוויינט.

האָט גאָט געהערט דעם קָול פון דעם ייִנגל. און אַ מַלאך פון גאָט האָט גערופן צו הָגָרן פון הימל און האָט צו איר געזאָגט:

„וואָס איז דיר, הָגָר? זאָלסט ניט מורא האָבן, ווײַל גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קָול פון דעם ייִנגל. שטיי אויף, הייב אויף דעם ייִנגל און האַלט אים צו מיט דײַן האַנט, ווײַל פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך אים מאַכן".

און גאָט האָט אויפגעעפנט אירע אויגן און זי האָט דער־זען אַ ברונעם מיט וואַסער, און זי איז געגאַנגען און האָט אָנגע־פילט דעם לאָגל מיט וואַסער און געגעבן טרינקען דעם ייִנגל.

און גאָט איז געווען מיטן ייִנגל. און ער איז אויפגעוואַקסן און איז געזעסן אין מִדבָר, און איז געווען אַ בויגן־שיסער. און ער איז געזעסן אין מִדבַר פאָרָן; און זײַן מוטער האָט אים גע־נומען אַ ווײַב פון לאַנד מִצרַיִם.

די עֲקֵדה

און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט גאָט אויסגעפרוווט אַבְרָהָמען און האָט צו אים געזאָגט:

—„אַבְרָהָם!"

האָט ער געענטפערט:

—„דאָ בין איך!"

האָט ער געזאָגט:

—„נעם דײַן זון, דײַן אײנציקן, וואָס דו האָסט ליב, יִצחָקן, און גײ דיר אין לאַנד מוֹריָה, און ברענג אים דאָרטן אויף פאַר אַ קָרבן, אויף אײנעם פון די בערג וואָס איך וועל דיר זאָגן".

איז אַברָהָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט אָנגע־זאָטלט זײַן אײזל און האָט גענומען מיט זיך זײַנע צװײ יונגען און זײַן זון יִצחָקן. און ער האָט צעהאַקט האָלץ פאַרן קָרבן; און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט אים געזאָגט.

אויפן דריטן טאָג האָט אַברָהָם אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען דעם אָרט פון װײַטן. און אַברָהָם האָט געזאָגט צו זײַנע יונגען:

„בלײַבט דאָ מיטן אײזל, און איך און דער יִינגל וועלן גײן ביז אַהין, און מיר וועלן זיך בוקן און זיך אומקערן צו אײַך".

און אַברָהָם האָט גענומען דאָס האָלץ פאַרן קָרבן, און אַרויפגעלײגט אויף זײַן זון יִצחָקן, און ער האָט גענומען אין זײַן האַנט דאָס פײַער און דאָס שעכטמעסער און זײ זײַנען בײדע אין אײנעם געגאַנגען.

האָט יִצחָק זיך אָפּגערופן צו זײַן פאָטער אַברָהָמען און האָט געזאָגט:

—„מײַן פאָטער!"

האָט ער געענטפערט: „דאָ בין איך, מײַן זון!"

האָט ער געזאָגט: „אָט איז דאָס פײַער און דאָס האָלץ, און וווּ איז דאָס לעמעלע פאַר אַ קָרבן?"

האָט אַבֿרהָם געזאָגט: „גאָט װעט זיך שױן אױסזוכן אַ לעמעלע פֿאַר אַ קרבן, מײַן זון!"

און זײ זײַנען בײדע געגאַנגען אין אײנעם. און זײ זײַנען געקומען צו דעם אָרט, װאָס גאָט האָט אים געזאָגט.

און אַבֿרהָם האָט דאָרטן געבױט אַ מזבח און האָט אױסגעלײגט דאָס האָלץ און ער האָט געבונדן זײַן זון יצחקן און אים אַרױפֿגעלײגט אױפֿן מזבח, איבערן האָלץ.

און אַבֿרהָם האָט אױסגעשטרעקט זײַן האַנט און האָט גענומען דאָס שעכטמעסער צו שעכטן זײַן זון.

האָט אַ מלאך פֿון גאָט גערופֿן צו אים פֿון הימל און האָט געזאָגט:

—„אַבֿרהָם, אַבֿרהָם!"

האָט ער געענטפֿערט: „דאָ בין איך!"

האָט ער געזאָגט: „זאָלסט ניט אױסשטרעקן דײַן האַנט אױפֿן ייִנגל, און זאָלסט אים גאָרנישט טאָן. װײַל איצט װײס איך אַז דו ביסט גאָטספֿאָרכטיק, און דו האָסט ניט צוריקגעהאַלטן מיר צו געבן דײַן אײדאײנציקן זון!"

האָט אַבֿרהָם אױפֿגעהױבן זײַנע אױגן און האָט דערזען— אָט האָט אַ װידער זיך אײַנגעדרײט מיט זײַנע הערנער אין די צװײַגן. און אַבֿרהָם איז געגאַנגען און האָט גענומען דעם װידער, און האָט אים געבראַכט פֿאַר אַ קרבן אָנשטאָט זײַן זון.

און דער מלאך פֿון גאָט האָט גערופֿן צו אַבֿרהָמען אַ צװײט מאָל פֿון הימל און האָט געזאָגט:

„איך שװער בײַ זיך, זאָגט גאָט, װײַל דו האָסט געטאָן די דאָזיקע זאַך, און האָסט ניט צוריקגעהאַלטן מיר צו געבן דײַן

זון, דײַן אײדאײנציקן זון — איז בענטשן װעל איך דיך בענטשן און מערן װעל איך מערן דײַנע קינדער: אַזױ װי די שטערן פון הימל און אַזױ װי זאַמד װאָס אױפן ברעג ים. און בענטשן װעלן זיך בענטשן מיט דײַנע קינדער אַלע פעלקער פון דער ערד, דערפאַר װאָס דו האָסט זיך צוגעהערט צו מײַן קול״.

און אַבֿרהָם האָט זיך אומגעקערט צו זײַנע יונגען, און זײ זײַנען אױפגעשטאַנען און זײ זײַנען געגאַנגען אין אײנעם קײן באֵר־שֶבַע.

און אַבֿרהָם איז פאַרבליבן אין באֵר־שֶבַע.

שָׂרה שטאַרבט

און דאָס לעבן פון שָׂרהן איז געװען הונדערט און זיבן און צװאַנציק יאָר. און שָׂרה איז געשטאָרבן אין חֶברון, אין לאַנד כּנַעַן. און אַבֿרהָם איז געקומען באַקלאָגן שָׂרהן און זי באַװײנען.

און אַבֿרהָם האָט זיך אױפגעהױבן און ער האָט גערעדט צו די קינדער פון חֵת, אַזױ צו זאָגן:

אַ פרעמדער אָבער אַ תּושב בין איך בײַ אײַך. גיט מיר אַן אײגן פעלד פאַר קבֿרים און איך װעל באַגראָבן מײַן טױטן״.

האָבן די קינדער פון חֵת געענטפערט אַבֿרהָמען אַזױ צו זאָגן:

„הער אונדז צו, מײַן האַר; אַ געטלעכער פירשט ביסטו צװישן אונדז; אין דעם בעסטן פון אונדזערע קבֿרים באַגראָב דײַן טױטן״.

איז אַבְרָהָם אויפגעשטאַנען און האָט זיך געבוקט צו דעם פאָלק פון לאַנד, צו די קינדער פון חֵת, און ער האָט צו זיי גערעדט אַזוי צו זאָגן:

„אויב עס איז אייַער ווילן צו באַגראָבן מייַן טויטן, בעט פאַר מיר בייַ עפרונען, ער זאָל מיר געבן די הייל פון מַכְפֵּלָה" וואָס געהערט צו אים, וואָס איז אין עק פון זייַן פעלד. אין פולן געלט זאָל ער עס מיר געבן פאַר אַן אייגן פעלד פאַר קְבָרים. און עפרון איז געזעסן צווישן די קינדער פון חֵת.

האָט עפרון געענטפערט אַבְרָהָמען אין די אויערן פון די קינדער פון חֵת אַזוי צו זאָגן:

–„ניין, מייַן האַר, הער מיך צו: דאָס פעלד שענק איך דיר, אויך די הייל וואָס אין דעם פעלד שענק איך דיר, פאַר די אויגן פון די קינדער פון מייַן פאָלק שענק איך עס דיר; באַגראָב דייַן טויטן".

האָט אַבְרָהָם זיך געבוקט פאַר דעם פאָלק פון לאַנד און ער האָט גערעדט צו עפרונען, אין די אויערן פון דעם פאָלק פון לאַנד, אַזוי צו זאָגן:

„ווען דו וואָלסט נאָר זיך צוהערן צו מיר! איך גיב דאָס געלט פאַרן פעלד, נעם עס פון מיר, און איך וועל דאָרטן באַגראָבן מייַן טויטן!"

האָט עפרון געענטפערט אַבְרָהָמען אַזוי צו זאָגן:

„הער מיך צו, מייַן האַר, דאָס לאַנד גייט אין פיר הונדערט זילבער־שֶקל; וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט צווישן מיר און צווישן דיר? און דייַן טויטן באַגראָב!"

האָט אַבְרָהָם זיך צוגעהערט צו עפרוֹנען. און אַבְרָהָם האָט אָפּגעוווֹיגן עפרוֹנען דאָס זילבער, פיר הונדערט זילבער־שֶׁקל.

אַזוי איז געבליבן דאָס פעלד פון עפרוֹנען וואָס איז אין מַכְפֵּלָה מיט דער הייל וואָס אין דעם פעלד, און אַלע ביימער וואָס אויפן פעלד, אַן אייגנטום פון אַבְרָהָמען פאַר די אויגן פון די קינדער פון חֵת.

און דערנאָך האָט אַבְרָהָם באַגראָבן זיין ווייב שָׂרהן אין דער הייל פון דעם פעלד פון מַכְפֵּלָה, ביי חֶברוֹן, אין לאַנד כְּנַעַן.

אַזוי איז געבליבן דאָס פעלד און די הייל וואָס אין אים ביי אַבְרָהָמען פאַר אַן אייגנטום, אַן אייגן פעלד פאַר קְבָרים.

ד. די געשיכטע פון יִצחָקן

אַברָהָם שיקט אֶליעֶזֶרן קיין אֲרַם־נַהֲרַיִם

און אַברָהָם איז אַלט געוואָרן, אַרײַן אין די יאָרן. און גאָט האָט געבענטשט אַברָהָמען מיט אַלצדינג. האָט אַברָהָם געזאָגט צו זײַן קנעכט, דעם עלטסטן פון זײַן הויז, וואָס האָט געוועלטיקט איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט:

—„שווער מיר בײַ גאָט פון הימל און ערד, אַז דו זאָלסט ניט נעמען קיין ווײַב פאַר מײַן זון פון די טעכטער פון דעם כּנַעני, וואָס איך זיץ צווישן אים; נאָר צו מײַן לאַנד און צו מײַן אָפּשטאַם זאָלסטו גיין און נעמען אַ ווײַב פאַר מײַן זון, פאַר יִצחָקן".

האָט דער קנעכט צו אים געזאָגט:

—„טאָמער וועט די פרוי ניט וועלן גיין נאָך מיר אין דעם היגן לאַנד? זאָל איך אומקערן דײַן זון צו דעם לאַנד, וואָס דו ביסט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען?"

האָט אַברָהָם צו אים געזאָגט:

—„היט זיך; זאָלסט ניט אומקערן מײַן זון אַהין! גאָט וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פונעם הויז פון מײַן פאָטער און פונעם לאַנד פון מײַן געבורט און וואָס האָט צו מיר גערעדט, און וואָס האָט מיר געשוואָרן אַזוי צו זאָגן: „צו דײַנע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד"— ער וועט שיקן זײַן מַלאך דיר

פאָרויס, און דו וועסט קריגן אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון פֿון דאָרטן. און אויב די פֿרוי וועט ניט וועלן גיין נאָך דיר, וועסטו זײַן פֿרײַ פֿון דער דאָזיקער שבועה. אָבער מײַן זון זאָלסטו ניט אומקערן אַהין!"

האָט דער קנעכט אים געשוואָרן אויף דער דאָזיקער זאַך.

און דער קנעכט האָט גענומען צען קעמלען פֿון די קעמלען פֿון זײַן האַר און איז אַוועקגעגאַנגען. און דאָס בעסטע פֿון זײַן האַר איז געווען אין זײַן האַנט. ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען קיין אַרם־נַהֲרַיִם, צו דער שטאָט פֿון נָחוֹרן.

און ער האָט געמאַכט קניִען די קעמלען אויסן שטאָט, בײַם ברונעם וואַסער. עס איז געווען אָונטצײַט, ווען די וואַסער־שעפּערינס גייען אַרויס.

און ער האָט געזאָגט:

—„גאָט פֿון מײַן האַר אַבֿרָהָמען, מאַך, מיר זאָל טרעפֿן אַ גליקלעכער צופֿאַל און טו חֶסֶד מיט מײַן האַר אַבֿרָהָמען. אָט שטיי איך בײַם קוואַל וואַסער און די טעכטער פֿון די שטאָט־לײַט קומען אַרויס שעפּן וואַסער. זאָל זײַן, אַז די מיידל וואָס איך וועל איר זאָגן: „בייג אײַן, איך בעט דיך, דײַן קרוג, און לאָמיך טרינקען", און זי וועט זאָגן: „טרינק, און אויך דײַנע קעמלען וועל איך אָנטרינקען"—האָסטו זי באַשערט פֿאַר דײַן קנעכט יִצחָק. און דערמיט וועל איך וויסן אַז דו האָסט געטאָן חֶסֶד מיט מײַן האַר".

אֶליעֶזֶר באַגעגנט רבקהן

און עס איז געווען, איידער נאָך ער האָט געענדיקט ריידן — ערשט רבקה קומט אַרויס, די וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי בתואֵלן, דעם זון פון מִלכָּהן, דער וויַיב פון נָחורן, אַבְרָהָמס ברודער, און איר קרוג איז אויף איר אַקסל. און די מיידל איז געווען זייער שיין אויפן אויסזען. און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל און האָט אָנגעפילט איר קרוג און איז אַרויפגעקומען.

איז דער קנעכט איר געלאָפן אַנטקעגן און האָט געזאָגט:

—„לאָז מיך אַ זופּ טאָן, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פון דיַין קרוג!"

האָט זי געזאָגט:

—„טרינק, מיַין האַר". און זי האָט אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג אויף איר האַנט און האָט אים געגעבן טרינקען. און אַז זי האָט געענדיקט אים געבן טרינקען, האָט זי געזאָגט: „אויך פאַר דיַינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן ביז זיי וועלן ענדיקן טרינקען".

און זי האָט אויף גיך אויסגעליידיקט איר קרוג אין דער קאָרעטע און איז ווידער געלאָפן צום ברונעם אָנשעפּן, און זי האָט אָנגעשעפּט פאַר אַלע זיַינע קעמלען. און דער מאַן קוקט זי אָן פאַרוואונדערט; ער שוויַיגט. ער וויל וויסן, צי גאָט האָט באַגליקט זיַין וועג אָדער ניט.

און עס איז געווען, ווען די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, אַזוי האָט דער מאַן גענומען אַ גילדערנעם נאָזרינג

און צוויי אָרעמבענדער פאַר אירע הענט, און ער האָט געזאָגט:

–„ווּעמעס טאָכטער ביסטו? זאָג מיר, איך בעט דיך, איז דאָ אין דײַן פאָטערס הויז אַן אָרט פאַר אונדז צו נעכטיקן?"

האָט זי צו אים געזאָגט:

–„איך בין די טאָכטער פון בתואֵלן, דעם זון פון מִלְכָּהן". און זי האָט צו אים געזאָגט: „אי שטרוי אי פוטער אַ סך איז דאָ בײַ אונדז, אי אַן אָרט צו נעכטיקן".

האָט דער מאַן זיך גענייגט און זיך געבוקט צו גאָט, און ער האָט געזאָגט:

–„געלויבט איז דער גאָט פון מײַן האַר אַבְרָהָמען, וואָס האָט ניט פאַרלאָזן זײַן חֶסֶד און זײַן געטרײַשאַפט צו מײַן האַר. מיך האָט גאָט געפירט אויפן וועג צום הויז פון מײַן האַרס ברודער".

און די מיידל איז געלאָפן און האָט דערציילט אין איר מוטערס הויז די דאָזיקע זאַכן.

רִבקה פאַרלאָזט איר היים

און רבקה האָט געהאַט אַ ברודער וואָס זײַן נאָמען איז געווען לָבָן. און עס איז געווען ווי ער האָט דערזען דעם נאָזרינג און די אָרעמבענדער אויף די הענט פון זײַן שוועסטער, און ווי ער האָט געהערט די ווערטער פון זײַן שוועסטער רבקה – איז לָבָן אַרויסגעלאָפן צו דעם מאַן אין דרויסן. איז

ער געקומען צו דעם מאַן ווי ער שטייט בײַ די קעמלען לעבן קוואַל.

און לָבָן האָט געזאָגט:

—„קום, געבענטשטער פון גאָט! פאַר וואָס שטייסטו אין דרויסן? איך האָב דאָך אויפגעראַמט דאָס הויז און געמאַכט אַן אָרט פאַר די קעמלען".

איז דער מאַן אַרײַנגעגאַנגען אין הויז; און ער האָט אָפּגעבונדן די קעמלען און האָט דערלאַנגט שטרוי און פוטער פאַר די קעמלען, און וואַסער צו וואַשן זײַנע פיס און די פיס פון די מענטשן וואָס מיט אים. און מע האָט געשטעלט פאַר אים עסן, אָבער ער האָט געזאָגט:

„איך וועל ניט עסן ביז איך וועל ניט האָבן גערעדט מײַנע רייד".

האָט לָבָן געזאָגט: „רייד!"

האָט ער געזאָגט:

—„איך בין דער קנעכט פון אַבְרָהָמען. און גאָט האָט זייער געבענטשט מײַן האַר און ער איז געוואָרן רײַך; און גאָט האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און זילבער און גאָלד, און קנעכט און דינסטן, און קעמלען און אייזלען. און שָׂרָה, מײַן האַרס ווײַב, האָט געבאָרן אַ זון צו מײַן האַר אויף דער עלטער; און ער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. און מײַן האַר האָט מיך באַשוואָרן אַזוי צו זאָגן:

„זאָלסט ניט נעמען אַ ווײַב פאַר מײַן זון פון די טעכטער פון דעם כּנַעני, וואָס איך זיץ אין זײַן לאַנד. ניט אַנדערש נאָר

צו מײַן פֿאָטערס הויז זאָלסטו גײן און צו מײַן מִשפּחה, און נעמען אַ װײַב פֿאַר מײַן זון׳.

„האָב איך געזאָגט צו מײַן האַר:

„,טאָמער װעט די פֿרוי ניט װעלן גײן מיט מיר?׳

„האָט ער צו מיר געזאָגט:

„,גאָט װאָס איך גײ פֿאַר אים, װעט שיקן זײַן מַלאך מיט דיר, און װעט באַגליקן דײַן װעג, און דו װעסט קריגן אַ װײַב פֿאַר מײַן זון פֿון מײַן מִשפּחה און פֿון מײַן פֿאָטערס הויז׳.

„בין איך געקומען הײַנט צום קװאַל און האָב געזאָגט:

„,גאָט פֿון מײַן האַר אַבֿרָהָמען, אויב דו װילסט, איך בעט דיך, באַגליקן מײַן װעג, װאָס איך גײ אויף אים — איז אָט שטײ איך בײַם קװאַל װאַסער; און עס זאָל זײַן, אַז די מײדל װאָס קומט אַרויס שעפּן, און איך װעל זאָגן צו איר: ,גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך, אַ ביסל װאַסער פֿון דײַן קרוג׳, און זי װעט זאָגן צו מיר: ,אי דו טרינק, אי פֿאַר דײַנע קעמלען װעל איך אָנשעפּן׳, זאָל זי זײַן די װײַב, װאָס גאָט האָט באַשערט פֿאַר מײַן האַרס זון׳.

„אײדער נאָך איך ענדיק רײדן צו מײַן האַרצן — אָט קומט רבֿקה אַרויס און איר קרוג איז אויף איר אַקסל; און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קװאַל און האָט אָנגעשעפּט. האָב איך צו איר געזאָגט:

„,גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך׳.

„האָט זי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג און האָט געזאָגט:

„,טרינק, און אויך דײַנע קעמלען װעל איך אָנטרינקען'.
האָב איך געטרונקען און אויך די קעמלען האָט זי אָנגע־
טרונקען.

„האָב איך זי געפרעגט און האָב געזאָגט:

„,װעמעס טאָכטער ביסטו?'

„האָט זי געזאָגט: ,די טאָכטער פון בתואֵלן, דעם זון פון
נָחורן, װאָס מִלכָּה האָט געבאָרן צו אים'.

„און איך האָב אָנגעטאָן דעם נאָזרינג אויף איר נאָז און די
אָרעמבענדער אויף אירע הענט. און איך האָב זיך געבויגט
און זיך געבוקט צו גאָט, און איך האָב געלויבט דעם גאָט פון
מײַן האַר אַבְרָהָמען, װאָס האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן
װעג צו קריגן די טאָכטער פון מײַן האַרס ברודער פאַר זײַן
זון. און איצט — װילט איר טאָן חֶסֶד און געטרײַשאַפט מיט מײַן
האַר, זאָגט מיר; און אויב ניט —, זאָגט מיר; און איך װעל מיך
קערן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס".

האָבן געענטפערט לָבָן און בתואֵל און זײ האָבן געזאָגט:

„די זאַך קומט אַרויס פון גאָט. מיר קאָנען ניט ריידן צו
דיר שלעכטס אָדער גוטס. אָט איז רבקה פאַר דיר, נעם און
גײ, און זאָל זי זײַן אַ װײַב צו דעם זון פון דײַן האַר, אַזוי װי גאָט
האָט גערעדט".

און עס איז געװען װי דער קנעכט פון אַבְרָהָמען האָט גע־
הערט זײערע װערטער, אַזוי האָט ער זיך געבוקט צו דער
ערד פאַר גאָט.

און דער קנעכט האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן און

גילדערנע זאַכן און קליידער און געגעבן רבֿקהן. אויך איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן טײַערע מתּנות.

און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, ער און די מענטשן וואָס מיט אים, און זיי האָבן איבערגענעכטיקט און זיי זײַנען אויפגעשטאַנען אין דער פֿרי און ער האָט געזאָגט:

—„שיקט מיך אַוועק צו מײַן האַר". האָבן געזאָגט איר ברודער און איר מוטער:—„זאָל די מיידל בלײַבן בײַ אונדז אַ יאָר אָדער צען חדשים. דערנאָך וועט זי גיין". האָט ער צו זיי געזאָגט:

—„האַלט מיך ניט אויף, אַז גאָט האָט שוין באַגליקט מײַן וועג. שיקט מיך אַוועק און לאָמיך גיין צו מײַן האַר". האָבן זיי געזאָגט:

—„מיר וועלן רופֿן די מיידל און מיר וועלן פֿרעגן בײַ איר".

האָבן זיי גערופֿן רבֿקהן און האָבן צו איר געזאָגט:

—„ווילסטו גיין מיט דעם דאָזיקן מאַן?"

האָט זי געזאָגט: „איך וויל גיין!"

האָבן זיי אַרויסבאַגלייט זייער שוועסטער רבֿקהן און אַבֿרהמס קנעכט און זײַנע מענטשן. און זיי האָבן געבענטשט רבֿקהן און האָבן צו איר געזאָגט:

„שוועסטער אונדזערע! דו זאָלסט ווערן—טויזנטער מאָל צען טויזנט! און דײַנע קינדער זאָלן יַרשענען די שטעט פֿון זייערע פֿײַנד!"

און דער קנעכט האָט גענומען רבֿקהן און איז אַוועקגעגאַנגען.

רבקה ווערט יִצחָקס ווײַב

און יִצחָק איז אַרויס זיך דורכצוגײן אין פעלד אַקעגן אָוונט. און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט אַ קוק געטאָן — ערשט קעמלען קומען אָן! און רבקה האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און האָט דערזען יִצחָקן, און זי האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט פון קעמל און זי האָט געזאָגט צום קנעכט:

—„ווער איז יענער מאַן וואָס גייט אין פעלד אונדז אַנטקעגן?"

האָט דער קנעכט געזאָגט:

—„דאָס איז מײַן האַר".

האָט זי גענומען דעם שלייער און האָט זיך פאַרדעקט.

און דער קנעכט האָט דערציילט יִצחָקן אַלע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן.

און יִצחָק האָט זי אַרײַנגעבראַכט אין דעם געצעלט פון זײַן מוטער שָׂרה. און ער האָט גענומען רבקהן, און זי איז גע־וואָרן זײַן ווײַב. און ער האָט זי ליב געהאַט. און יִצחָק האָט זיך געטרייסט נאָך זײַן מוטער.

אַברָהָם שטאַרבט

און דאָס זײַנען די טעג פון אַברָהָמס לעבן: הונדערט און פינף און זיבעציק יאָר — האָט ער געלעבט. און אַברָהָם איז געשטאָרבן אין אַ גוטער עלטער, אַלט און זאַט מיט יאָרן. און יִצחָק און יִשמָעאֵל, זײַנע זין, האָבן אים באַגראָבן אין דער הייל פון מַכפֵּלָה, אין פעלד וואָס אַברָהָם האָט אָפּגעקויפט פון די

קינדער פון חֵת. דאָרטן איז באַגראָבן געוואָרן אַבְרָהָם און זײַן װײַב שָׂרָה.

און עס איז געווען נאָך דעם טויט פון אַבְרָהָמען, האָט גאָט געבענטשט זײַן זון יצחָקן.

עֵשָׂו און יַעקב ווערן געבאָרן

יִצחָק איז געווען פערציק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך גע־נומען רבקהן פאַר אַ װײַב. און יִצחָק האָט געבעטן צו גאָט פאַר זײַן װײַב, ווײַל זי איז געווען אַן עֲקָרה, און גאָט האָט אָנגע־נומען זײַן געבעט.

און איידער רבקה האָט געבאָרן, האָבן די קינדער זיך גע־שטויסן אין איר.

איז זי געגאַנגען פרעגן בײַ גאָט. און גאָט האָט צו איר געזאָגט:

„צוויי אומות זײַנען אין דײַן לײַב,
און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיר צעשיידן,
איין פאָלק וועט זײַן שטאַרקער פון אַ צווייט פאָלק,
און דער עלטערער וועט דינען דעם יִינגערן".

און אַז עס איז געקומען איר צײַט צו געבערן—אָט, אַ צווילינג איז אין איר לײַב! און דער ערשטער איז געווען אַ רויטער, אין גאַנצן אַזוי ווי אַ האָריקער מאַנטל, און מען האָט גערופן זײַן נאָמען עֵשָׂו*. און דערנאָך איז געבאָרן געוואָרן זײַן

* עשו, פון וואָרט עשה — מאַכן, אַ פאַרטיקער.

ברודער, און זײַן האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם פּוסטריט פֿון עֵשָׂון, און מען האָט גערופֿן זײַן נאָמען יַעקבֿ*. און יִצחָק איז געווען זעכציק יאָר אַלט, ווען זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן.

און די יִינגלעך זײַנען אויפֿגעוואַקסן; און עֵשָׂו איז געווען אַ מענטש געניט אין געיעג, אַ פֿעלדמענטש. און יַעקבֿ איז געווען אַ שטילער מענטש, וואָס זיצט אין געצעלטן. און יִצחָק האָט ליב געהאַט עֵשָׂון, ווײַל דאָס געפֿאַנג איז אים געווען געשמאַק. און רבֿקה האָט ליב געהאַט יַעקבֿן.

עֵשָׂו פֿאַרקויפֿט זײַן בכורה

איין מאָל האָט יַעקבֿ געקאָכט אַ געקעכטס און עֵשָׂו איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד. און ער איז געווען פֿאַרשמאַכט.

האָט עֵשָׂו געזאָגט צו יַעקבֿן: „איך בעט דיך, לאָז מיך זיך אָנזופּן פֿון דעם רויטן, פֿון אָט דעם רויטן, ווײַל איך בין פֿאַרשמאַכט".

האָט יַעקבֿ געזאָגט:

—„פֿאַרקויף מיר אַקאָרשט דײַן בכורה!"

האָט עֵשָׂו געזאָגט:

—„זע, איך האַלט בײַם שטאַרבן! איז צו וואָס דאַרף איך די בכורה?"

האָט יַעקבֿ געזאָגט:

—„שווער מיר אַקאָרשט". האָט ער אים געשוואָרן, און ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן בכורה צו יַעקבֿן.

---

*יעקבֿ, פֿון וואָרט עקבֿ — טריט.

און יַעקב האָט געגעבן עֵשָׂוון ברויט און דאָס געקעכטס פון לינדזן. און ער האָט געגעסן און געטרונקען און איז אויפ־געשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען.
אַזוי האָט עֵשָׂו פאַרשעמט די בכוֹרה.

יִצחָק אין לאַנד פון די פּלִשתּים

איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד. און גאָט האָט זיך באַוויזן צו יִצחָקן און האָט געזאָגט:
„זאָלסט ניט אַראָפּגיין קיין מִצרַיִם; האַלט זיך אויף אין אָט דעם לאַנד, און איך וועל זײַן מיט דיר און וועל דיך בענטשן, ווײַל צו דיר און צו דײַנע קינדער וועל איך געבן דאָס לאַנד. דערפאַר וואָס אַברָהָם האָט זיך צוגעהערט צו מײַן קָול און האָט געהיט מײַן געבאָט".
און יִצחָק איז געגאַנגען צו אַבימֶלֶך דעם מֶלך פון די פּלִשתּים קיין גְרָר. און יִצחָק האָט זיך באַזעצט אין גְרָר.
און יִצחָק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט געקראָגן אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פיל; און גאָט האָט אים גע־בענטשט. און ער איז געוואָרן רײַך, און איז נאָך אַנאַנד רײַכער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן זייער רײַך. און ער האָט געהאַט שאָף און רינדער: און די פּלִשתּים האָבן אים מקנא געווען. און אַלע ברינעמער וואָס די קנעכט פון זײַן פאָטער האָבן גע־גראָבן אין די טעג פון זײַן פאָטער אַברָהָמען—האָבן די פּלִשתּים זיי פאַרשטאָפּט און זיי אָנגעפילט מיט ערד. און אַבימֶלֶך האָט געזאָגט צו יִצחָקן:

„גיי אַוועק פון אונדז, ווײַל דו ביסט אַ סך שטאַרקער פון אונדז".

איז יִצחָק אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן און האָט געלאַגערט אין טאָל פון גְרָר און האָט זיך דאָרטן באַזעצט.

און די קנעכט פון יִצחָקן האָבן געגראָבן אין טאָל, און האָבן דאָרטן געפונען אַ ברונעם קוואַלנדיק וואַסער: האָבן זיך געקריגט די פּאַסטעכער פון גְרָר מיט די פּאַסטעכער פון יִצחָקן אַזוי צו זאָגן:

„אונדז געהערט דאָס וואַסער!"

און זיי האָבן געגראָבן אַן אַנדער ברונעם און האָבן זיך איבער אים אויך געקריגט.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן קיין בְאֵר־שֶבַע. און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים און האָט געזאָגט:

„איך בין דער גאָט פון דײַן פאָטער אַבְרָהָמען, זאָלסט ניט מוֹרא האָבן, איך בין מיט דיר און איך וועל דיך בענטשן, און וועל מערן דײַנע קינדער".

און אַבימֶלֶך איז געקומען צו אים פון גְרָר מיט זײַנע פרײַנד.

האָט יִצחָק צו זיי געזאָגט:

—„צו וואָס זײַט איר געקומען צו מיר, אַז איר זײַט מיר שׂוֹנאים, און האָט מיך אַרויסגעשיקט פון אײַך?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„זען האָבן מיר געזען אַז גאָט איז מיט דיר, און מיר האָבן געזאָגט: ,זאָל־זשע זײַן אַ שבועה צווישן אונדז און צווישן דיר, און לאָמיר שליסן אַ בונד מיט דיר'".

האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ מאָלצייַט, און זיי האָבן גע־
געסן און געטרונקען. און זיי זייַנען אויפגעשטאַנען פרי און זיי
האָבן געשוואָרן איינער צום אַנדערן. און יִצחק האָט זיי אַרויס־
באַגלייט, און זיי זייַנען אַוועקגעגאַנגען פון אים אין פרידן.

און אַז עֵשָׂו איז געווען פערציק יאָר אַלט, האָט ער גענומען
פאַר אַ ווייַב יהודית, די טאָכטער פון בְּאֵרִי דעם חִתִּי, און
בָּשְׂמַת די טאָכטער פון אֵילון דעם חִתִּי, און זיי ביידע האָבן
פאַרביטערט דאָס האַרץ פון יִצחָקן און פון רבקהן.

יַעקב קריגט אַרויס זייַן פאָטערס בְּרָכה

און עס איז געווען, אַז יִצחָק איז אַלט געוואָרן און זייַנע
אויגן זייַנען געוואָרן צו טונקל צו זען, האָט ער גערופן זייַן
עלטערן זון עֵשָׂון און האָט צו אים געזאָגט:

—„מייַן זון!"

האָט ער צו אים געזאָגט: „דאָ בין איך!"

האָט ער געזאָגט: „זע נאָר, איך בין אַלט, איך ווייס ניט
דעם טאָג פון מייַן טויט. נעם־זשע איצט, איך בעט דיך, דייַנע
וואָפן, דייַן פייַלדבייַטל און דייַן בויגן, און גיי אַרויס אין פעלד
און פאַנג מיר אַ געפאַנג; און מאַך מיר אַ מאַכל אַזוי ווי איך
האָב ליב, און ברענג מיר און איך וועל עסן; כּדי איך זאָל
דיך בענטשן איידער איך שטאַרב".

און עֵשָׂו איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד, צו פאַנגען אַ
געפאַנג.

און רבֿקה האָט געהערט ווי יִצחָק רעדט צו זײַן זון עֵשָׂו.
האָט רבֿקה געזאָגט צו איר זון יַעקבֿן אַזוי צו זאָגן:
—„זע, איך האָב געהערט ווי דײַן פֿאָטער רעדט צו דײַן ברודער עֵשָׂון אַזוי צו זאָגן: ‚ברענג מיר אַ געפֿאַנג און מאַך מיר אַ מאַכל, און איך וועל עסן, און איך וועל דיך בענטשן איידער איך שטאַרבּ', איז איצט, מײַן זון, הער זיך צו צו מײַן קָול, אַזוי ווי איך באַפֿעל דיר. גיי אַקאָרשט צו די שאָף און ברענג מיר פֿון דאָרטן צוויי גוטע ציגנבעקלעך, און איך וועל פֿון זיי מאַכן אַ מאַכל פֿאַר דײַן פֿאָטער, אַזוי ווי ער האָט ליב, און דו וועסט ברענגען צו דײַן פֿאָטער, ער זאָל עסן, כּדי ער זאָל דיך בענטשן פֿאַר זײַן טויט".
האָט יַעקבֿ געזאָגט צו זײַן מוטער רבֿקה:
—„זע, מײַן ברודער עֵשָׂו איז אַ מענטש אַ האָריקער, און איך בין אַ מענטש אַ גלאַטער. טאָמער וועט מיך מײַן פֿאָטער אָנטאַפּן, וועל איך זײַן אין זײַנע אויגן ווי אַן אָפּנאַרער, און איך וועל ברענגען אויף זיך אַ קללה און ניט אַ בּרָכה".
האָט זײַן מוטער צו אים געזאָגט:
—„אויף מיר דײַן קללה, מײַן זון! נאָר הער צו צו מײַן קָול — און גיי ברענג!"
איז ער געגאַנגען און האָט גענומען און געבראַכט צו זײַן מוטער. און זײַן מוטער האָט געמאַכט אַ מאַכל אַזוי ווי זײַן פֿאָטער האָט ליב געהאַט.
און רבֿקה האָט גענומען די שענסטע בגדים פֿון איר עלטערן זון עֵשָׂון, וואָס זײַנען געווען בײַ איר אין הויז, און האָט

זי אָנגעטאָן איר יִנגערן זון יַעקב. און די פעלכלעך פון די ציגנבעקלעך האָט זי אָנגעטאָן אויף זײַנע הענט און אויף זײַן גלאַטן האַלדז. און זי האָט געגעבן דעם מאַכל און דאָס ברויט װאָס זי האָט געמאַכט אין דער האַנט פון איר זון יַעקב.

און ער איז געקומען צו זײַן פאָטער און האָט געזאָגט:

—„פאָטער מײַנער!"

האָט ער געזאָגט: „דאָ בין איך! װער ביסטו, מײַן זון?"

האָט יַעקב געזאָגט צו זײַן פאָטער:

—„איך בין עֵשָׂו דײַן בכוֹר. איך האָב געטאָן אַזױ װי דו האָסט מיר געהײסן. הײב זיך אויף, איך בעט דיך, זעץ זיך און עס פון מײַן געפאַנג, כּדי דו זאָלסט מיך בענטשן".

האָט יִצחָק געזאָגט צו זײַן זון:

—„װי האָסטו עפּעס אַזױ גיך געפונען, מײַן זון?" האָט ער געזאָגט:

—„װײַל גאָט דײַן האַר האָט עס מיר צוגעשיקט".

האָט יִצחָק געזאָגט צו יַעקבן:

—„קום צו נענטער, איך בעט דיך, און לאָמיך דיך אָנטאַפּן, מײַן זון, צי דו ביסט דאָס מײַן זון עֵשָׂו, אָדער ניט".

האָט יַעקב זיך גענענטערט צו זײַן פאָטער יִצחָק, און ער האָט אים אָנגעטאַפּט און האָט געזאָגט:

—„דער קָול — איז דער קָול פון יַעקבן. אָבער די הענט — זײַנען די הענט פון עֵשָׂון". און ער האָט אים ניט דערקענט װײַל זײַנע הענט זײַנען געװען האָריק אַזױ װי די הענט פון זײַן ברודער עֵשָׂו.

האָט ער געזאָגט:

—„דערלאַנג מיר און איך וועל עסן פון מײַן זונס געפאַנג כּדי איך זאָל דיך בענטשן!"

האָט ער אים דערלאַנגט און ער האָט געגעסן. און ער האָט אים געבראַכט וויַין און ער האָט געטרונקען.

און זײַן פאָטער יִצחָק האָט געזאָגט צו אים:

—„קום צו נענטער, איך בעט דיך, און גיב מיר אַ קוש, מײַן זון!"

האָט ער זיך גענענטערט און האָט אים אַ קוש געטאָן און יִצחָק האָט געשמעקט דעם רֵיח פון די קליידער און האָט אים געבענטשט און געזאָגט:

„דער רֵיח פון מײַן זון
איז ווי דער רֵיח פון אַ פעלד
וואָס גאָט האָט עס געבענטשט!
און גאָט זאָל דיר געבן
פון דעם טוי פון הימל
און פון די פעטקײַטן פון דער ערד,
און אַ סַך תבואה און ווײַן!
פעלקער זאָלן דיר דינען,
און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר!
זײַ אַ האַר איבער דײַנע ברידער,
און די זין פון דײַן מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
פאַרשאָלטן זאָלן זײַן די וואָס שילטן דיך
און געבענטשט זאָלן זײַן די וואָס בענטשן דיך".

און עס איז געווען אַז יִצחָק האָט געענדיקט בענטשן יַעקבן, און ווי נאָר יַעקב איז אַרויס פון זײַן פאָטער, אַזוי איז זײַן ברודער עֵשָׂו אָנגעקומען פון געיעג. און ער האָט אויך געמאַכט אַ מאַכל און געבראַכט צו זײַן פאָטער. און ער האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער:

—„זאָל מײַן פאָטער אויפשטיין און עסן פון זײַן זונס געפאַנג, כּדי ער זאָל מיך בענטשן!"

האָט זײַן פאָטער יִצחָק צו אים געזאָגט:

—„ווער ביסטו?"

האָט ער געזאָגט:

—„איך בין דײַן זון, דײַן בכור עֵשָׂו!"

האָט יִצחָק געציטערט זייער אַ גרויס ציטערניש און ער האָט געזאָגט:

—„טאָ ווער איז דער וואָס האָט געפאַנגען אַ געפאַנג און מיר געבראַכט, און איך האָב געגעסן פון אַלץ איידער דו ביסט געקומען, און איך האָב אים געבענטשט? ער וועט אויך בלײַבן געבענטשט!"

ווי עֵשָׂו האָט דערהערט די ווערטער פון זײַן פאָטער, אַזוי האָט ער אויסגעשריען אַ זייער גרויס און ביטער געשריי און ער האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער:

—„בענטש מיך אויך, מײַן פאָטער!"

האָט ער געזאָגט:

—„דײַן ברודער איז געקומען מיט פאַלשקײַט און האָט צוגענומען דײַן בְרָכה".

האָט ער געזאָגט:

—„ער האָט מיך שוין צוויי מאָל אָפּגענאַרט. מײַן בכורה האָט ער צוגענומען, און אָט האָט ער איצט צוגענומען מײַן בּרָכה!"

און ער האָט געזאָגט: „האָסטו ניט איבּערגעלאָזן פאַר מיר קיין בּרָכה?"

האָט יִצחָק געענטפערט און האָט געזאָגט צו עֵשָׂון:

„זע, איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבּער דיר, און מיט תּבואה און מיט ווײַן האָב איך אים פאַרזאָרגט, און פאַר דיר—וואָס קען איך דען טאָן, מײַן זון?"

האָט עֵשָׂו געזאָגט צו זײַן פאָטער:

„איז דאָס די איינציקע בּרָכה בײַ דיר, מײַן פאָטער? בּענטש מיך אויך, מײַן פאָטער!"

און עֵשָׂו האָט אויפגעהויבּן זײַן קָול און האָט געוויינט.

האָט זײַן פאָטער יִצחָק זיך אָפּגערופן און האָט צו אים געזאָגט:

„זע, ווײַט פון די פעטקײַטן פון דער ערד וועט זײַן דײַן וווינאָרט,
און אָן דעם הימלס טוי פון אויבּן,
און אויף דײַן שווערד וועסטו לעבּן,
און דײַן בּרודער וועסטו דינען.
און עס וועט זײַן—אַז דו וועסט זיך אָפּרײַסן,
וועסטו אַראָפּוואַרפן זײַן יאָך פון דײַן האַלדז!"

און עֵשָׂו האָט פײַנט געקראָגן יַעקבן איבּער דער בּרָכה

וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים געבענטשט. און עֵשָׂו האָט געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן:

„זאָלן אָנקומען די טרויערטעג נאָך מײַן פֿאָטער, און איך וועל דערהרגענען מײַן ברודער יַעקבֿ!"

האָט מען דערציילט רִבֿקהן די ווערטער פֿון איר עלטערן זון עֵשָׂו. און זי האָט געשיקט און האָט גערופֿן איר ייִנגערן זון יַעקבֿן און האָט צו אים געזאָגט:

„זע, דײַן ברודער עֵשָׂו טרייסט זיך מיט דעם אַז ער וועט דיך דערהרגענען. און איצט, מײַן זון, הער זיך צו צו מײַן קָול, און שטיי אויף, אַנטלויף דיר צו מײַן ברודער לָבָן קײַן חָרָן. און דו וועסט זיצן בײַ אים עטלעכע יאָר, ביז וואַנען דער גרימצאָרן פֿון דײַן ברודער וועט אָפּגיין, ביז דער כַּעַס פֿון דײַן ברודער וועט זיך אָפּקערן פֿון דיר, און ער וועט פֿאַרגעסן וואָס דו האָסט אים געטאָן. און איך וועל שיקן און וועל דיך אָפּנעמען פֿון דאָרטן. צו וואָס זאָל איך פֿאַרלירן אײַך ביידן אין איין טאָג?"

און רִבֿקה האָט געזאָגט צו יִצחָקן:

„מײַן לעבן איז מיר נִמאס צוליב די טעכטער פֿון חֵת; אויב יַעקבֿ נעמט אויך אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון חֵת, אַזוי ווי עס זײַנען אָט די טעכטער פֿון דעם לאַנד — וואָס טויג מיר מײַן לעבן?"

האָט יִצחָק גערופֿן יַעקבֿן און האָט אים געבענטשט און האָט אים באַפֿוילן און האָט צו אים געזאָגט:

„זאָלסט ניט נעמען קיין ווײַב פֿון די טעכטער פֿון כּנַעַן. שטיי אויף, גיי קײַן פַּדַן־אַרָם, צו דעם הויז פֿון בתואֵלן, דײַן

מוטערס פּאָטער, און נעם דיר פֿון דאָרטן אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון לָבָנען, דײַן מוטערס ברודער. און גאָט וועט דיך בענטשן און וועט דיך מערן, און וועט דיר געבן די בְּרָכה פֿון אַבְרָהָמען, דיר און דײַנע קינדער מיט דיר, כּדי דו זאָלסט יַרשענען דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט געגעבן אַבְרָהָמען".

און יִצחָק האָט אַוועקגעשיקט יַעקבן, און ער איז געגאַנגען קיין פַּדַן־אַרָם, צו לָבָנען דעם זון פֿון בתוּאֵלן, דעם ברודער פֿון רִבקהן, דער מוטער פֿון יַעקבן און עֵשָׂון.



ה. די געשיכטע פון יַעקבן

יַעקבס חָלום

און יַעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באֵר־שֶבַע און איז גע־גאַנגען קיין חָרָן. און ער האָט געטראָפן אַן אָרט און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, ווײַל די זון איז אונטערגעגאַנגען.

און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט און געמאַכט זיך אַ צוקאָפּנס, און האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט. האָט זיך אים געחָלומט:

אָט שטייט אַ לייטער אויף דער ערד, און זײַן שפּיץ גרייכט ביזן הימל. און זע! מַלאָכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. און גאָט שטייט איבער אים און ער זאָגט:

„איך בין יהוה דער גאָט פון דײַן פאָטער אַבְרָהָמען און דער גאָט פון יִצחָקן. דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף — צו דיר וועל איך עס געבן און צו דײַנע קינדער. און דײַנע קינדער וועלן זײַן אַזוי ווי שטויב פון ערד, און וועסט זיך אויס־שפּרייטן קיין מַעֲרָב און קיין מִזרח און קיין צָפון און קיין דָרום. און בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דײַנע קינדער אַלע מִשפָּחות פון דער ערד. און זע, איך וועל זײַן מיט דיר, און איך וועל דיך היטן אומעטום וווּ דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דעם דאָזיקן לאַנד, ווײַל איך וועל דיך

ניט פאַרלאָזן, ביז וואַנען איך וועל טאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט".

האָט יַעקב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט געזאָגט:

„באֱמת, גאָט איז אין דעם דאָזיקן אָרט און איך האָב ניט געוווּסט!" און ער האָט מוֹרא געהאַט און האָט געזאָגט:

„ווי מוֹראדיק איז אָט דער אָרט! ניט אַנדערש – אַז דאָס איז דאָס הויז פון גאָט און דאָס איז דער טויער פון הימל!"

און יַעקב איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און ער האָט גענומען דעם שטיין וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיַין צוקאָפּנס און האָט אים געמאַכט פאַר אַ זיַיל, און ער האָט אַרויפגעגאָסן אייל אויף זיַין שפּיץ. און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בֵית־אֵל*.

און יַעקב האָט זיך אַ נֶדֶר געטאָן אַזוי צו זאָגן:

„אויב גאָט וועט זיַין מיט מיר און וועט מיך היטן אויף דעם דאָזיקן וועג וואָס איך גיי, און ער וועט מיר געבן ברויט צום עסן און אַ בֶגֶד אָנצוטאָן, און איך וועל זיך אומקערן בשָלום צו מיַין פאָטערס הויז, וועט יהוה זיַין מיַין גאָט. און אָט דער שטיין וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אַ זיַיל, וועט זיַין אַ הויז פון גאָט; און פון אַלץ וואָס דו וועסט מיר געבן – וועל איך אַ צענט־חֵלֶק אָפּגעבן דיר".

---

* בֵית־אֵל – דאָס הויז פון גאָט.

יַעקב באַגעגנט רָחלען

און יַעקב האָט אויפגעהויבן זײַנע פיס און איז געגאַנגען צו דעם לאַנד פון די קינדער פון מִזרח.

און ער האָט אַ קוק געטאָן — ערשט אַ ברונעם איז אין פעלד, און דרײַ סטאַדעס שאָף וואַרטן דאָרטן בײַ אים; ווײַל פון יענעם ברונעם פלעגט מען אָנטרינקען די סטאַדעס, און דער שטיין אויפן מויל פון ברונעם איז געווען גרויס. און אַז דאָרטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע סטאַדעס, פלעגט מען אַראָפּ־קײַקלען דעם שטיין פון דער עפענונג פון ברונעם און מען פלעגט אָנטרינקען די שאָף, און ווידער אַרויפלייגן דעם שטיין אויף דער עפענונג פון דעם ברונעם, אויף זײַן אָרט.

האָט יַעקב צו זיי געזאָגט:

— „פון וואַנען זײַט איר, מײַנע ברידער?"

האָבן זיי געזאָגט:

— „פון חָרָן זײַנען מיר".

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— „קענט איר לָבָנען, דעם זון פון נָחורן?"

האָבן זיי געזאָגט:

— „מיר קענען!"

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— „איז פריד צו אים?"

האָבן זיי געזאָגט:

— „פריד; און אָט קומט זײַן טאָכטער רָחל מיט די שאָף".

האָט ער צו זיי געזאָגט:

—„זעט, דער טאָג איז נאָך גרויס, עס איז נאָך ניט צײַט אַרײַנצוטרײַבן די שאָף; טרינקט אָן די שאָף און גייט פּיטערט".

האָבן זיי געזאָגט:

—„מיר קענען ניט, ביז וואַנען אַלע סטאַדעס וועלן זיך צונויפּזאַמלען, און מען וועט אַראָפּקײַקלען דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם; און מיר וועלן אָנטרינקען די שאָף".

ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, אַזוי איז רָחל אונטערגעקומען מיט איר פּאָטערס שאָף. און עס איז געווען, ווי יַעקב האָט דערזען רָחלען, די טאָכטער פון לָבָנען, זײַן מוטערס ברודער, אַזוי האָט יַעקב זיך גענענטערט און האָט אַראָפּגעקײַקלט דעם שטיין פון דער עפענונג פון ברונעם, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף פון לָבָנען, זײַן מוטערס ברודער. און יַעקב האָט געקושט רָחלען און האָט אויפגעהויבן זײַן קָול און געוויינט. און יַעקב האָט דערציילט רָחלען אַז ער איז איר פּאָטערס אַ קָרוב און אַז ער איז רבקהס אַ זון. און זי איז געלאָפן און האָט אָנגעזאָגט איר פּאָטער.

און עס איז געווען ווי לָבָן האָט געהערט וועגן יַעקבן, זײַן שוועסטערס זון, אַזוי איז ער אים געלאָפן אַנטקעגן, און ער האָט אים געהאַלדזט און אים געקושט — און ער האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין זײַן הויז.

און יַעקב האָט דערציילט לָבָנען אַלע יענע געשעענישן. און לָבָן האָט צו אים געזאָגט:

—„דו ביסט דאָך מײַן אייגן ביין און פלייש!"

און ײַעקב איז געזעסן בײַ אים אַ חודש צײַט. האָט לָבָן געזאָגט צו ײַעקבן:

—„ווײַל דו ביסט מײַנער אַן אײגענער, זאָלסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג מיר, וואָס זאָל זײַן דײַן לוין?"

לָבָן נאַרט אָפּ ײַעקבן

און לָבָן האָט געהאַט צוויי טעכטער: דער נאָמען פון דער עלטערער איז געווען לֵאָה, און דער נאָמען פון דער ייִנגערער—רָחל. און לֵאהס אויגן זײַנען געווען שלאַפע, און רָחל איז געווען שיין אויפן געשטאַלט און שיין אויפן פנים, און ײַעקב האָט ליב געקראָגן רָחלען. און ער האָט געזאָגט:

—„איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פאַר רָחלען, פאַר דײַן ייִנגערער טאָכטער".

האָט לָבָן געזאָגט:

—„בעסער איך זאָל זי דיר געבן, אײדער איך זאָל זי געבן צו אַן אַנדער מאַן. בלײַב בײַ מיר!"

און ײַעקב האָט געדינט פאַר רָחלען זיבן יאָר, און זיי זײַנען געווען אין זײַנע אויגן אַזוי ווי עטלעכע טעג איבער זײַן ליבשאַפט צו איר.

און ײַעקב האָט געזאָגט צו לָבָנען:

—„גיב מיר מײַן ווײַב, ווײַל מײַנע טעג זײַנען פאַרפולט געוואָרן".

האָט לָבָן צונויפגעזאַמלט אַלע מענטשן פון דעם אָרט, און ער האָט געמאַכט אַ סעודה. און עס איז געווען אין אָוונט, האָט ער גענומען זײַן טאָכטער לֵאה און האָט זי געבראַכט צו

אים. און לָבָן האָט איר געגעבן זײַן דינסט זִלפָּה – פֿאַר אַ דינסט צו זײַן טאָכטער לֵאה.

און אַז יַעקב האָט דערזען, אַז דאָס איז גאָר לֵאה, האָט ער געזאָגט צו לָבָנען:

–„וואָס האָסטו מיר געטאָן? האָב איך ניט געדינט בײַ דיר פֿאַר רָחלען, און פֿאַר וואָס האָסטו מיך גענאַרט?"

האָט לָבָן געזאָגט:

–„עס ווערט ניט געטאָן אַזוי בײַ אונדז, מע גיט ניט אויס די ייִנגערע פֿאַר דער עלטערער. וואַרט אָפּ די וואָך, און מיר וועלן דיר אויך יענע געבן, פֿאַר דעם דינען וואָס דו וועסט דינען בײַ מיר נאָך זיבן אַנדערע יאָר".

האָט יַעקב אַזוי געטאָן. און לָבָן האָט אים געגעבן זײַן טאָכטער רָחל פֿאַר אַ ווײַב. און לָבָן האָט געגעבן צו זײַן טאָכטער רָחלען זײַן דינסט בִּלהָה פֿאַר אַ דינסט צו איר.

און יַעקב האָט רָחלען מער ליב געהאַט פֿון לֵאהן. און ער האָט געדינט בײַ לָבָנען נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

יַעקבס קינדער

און לֵאה האָט געבאָרן אַ זון און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען ראובן, ווײַל זי האָט געזאָגט:

„גאָט האָט געזען מײַן פּײַן; איצט וועט מיך מײַן מאַן ליב האָבן".

און זי האָט ווידער געבאָרן אַ זון און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען שִמעון.

און זי האָט ווידער געבאָרן אַ זון און זי האָט גערופן זײַן נאָמע לֵוִי.

און זי האָט ווידער געבאָרן אַ זון און זי האָט גערופן זײַן נאָמען יהודה.

און זי האָט אויפגעהערט געבערן.

און רָחל האָט מקַנא געווען איר שוועסטער.

און יַעקב האָט גענומען בִּלְהָהן פֿאַר אַ ווײַב.

און בִּלְהָה האָט יַעקבן געבאָרן אַ זון און רָחל האָט גערופן זײַן נאָמען דָן.

און בִּלְהָה האָט יַעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. און רָחל האָט גערופן זײַן נאָמען נַפתָּלי.

און יַעקב האָט גענומען זִלְפָּהן פֿאַר אַ ווײַב. און זִלְפָּה האָט יַעקבן געבאָרן אַ זון. האָט לֵאה גערופן זײַן נאָמען גָד.

און זִלְפָּה האָט יַעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. האָט לֵאה גערופן זײַן נאָמען אָשֵׁר.

און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו לֵאהן און זי האָט יַעקבן געבאָרן אַ פֿינפֿטן זון. און לֵאה האָט גערופן זײַן נאָמען יִשָׂשכָר.

און לֵאה האָט יַעקבן געבאָרן אַ זעקסטן זון. און לֵאה האָט גערופן זײַן נאָמען זבולון.

און דערנאָך האָט זי געבאָרן אַ טאָכטער און זי האָט גערופן איר נאָמען דינה.

און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן רָחלען און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר. און זי האָט געבאָרן אַ זון און זי האָט געזאָגט: „גאָט האָט אָפּגעטאָן מײַן חֶרפּה". און זי האָט גערופן זײַן נאָמען יוסף.

יַעקב וויל זיך אומקערן אַהיים

און עס איז געווען, אַז רָחל האָט געבאָרן יוסֵפן, האָט יַעקב געזאָגט צו לָבָנען:

—„לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין צו מײַן אָרט און צו מײַן לאַנד; גיב מיר מײַנע ווײַבער און מײַנע קינדער, וואָס איך האָב פֿאַר זיי געדינט, און איך וועל גיין!"

האָט לָבָן צו אים געזאָגט:

—„איך האָב געזען אַז גאָט האָט מיך געבענטשט פֿון דײַנט־וועגן. זאָג מיר דײַן לוין — און איך וועל געבן!"

האָט יַעקב צו אים געזאָגט:

—„דו ווייסט ווי איך האָב דיר געדינט, און וואָס דײַנע שאָף זײַנען געוואָרן אונטער מיר. ווײַל ווינציק־וואָס האָסטו געהאַט פֿאַר מיר, און עס האָט זיך פֿאַרמערט. און גאָט האָט דיך געבענטשט צוליב מיר. און איצט — ווען וועל איך אויך טאָן פֿאַר מײַן הויזגעזינד?"

האָט ער געזאָגט:

—„וואָס זאָל איך דיר געבן?"

האָט יַעקב געזאָגט:

—„זאָלסט מיר גאָרנישט געבן. אויב דו וועסט מיר טאָן די דאָזיקע זאַך, וועל איך ווידער פּיטערן דײַנע שאָף און היטן: איך וועל דורכגיין הײַנט דורך אַלע דײַנע שאָף, אָפּצוטײלן פֿון דאָרטן איטלעך געשפּרינקלט און געפּלעקט לעמעלע, און איטלעך טונקל שעפּעלע צווישן די שעפּסן, און די געפּלעקטע און געשפּרינקלטע צווישן די ציגן. איטלעך געשפּרינקלט,

געשטרײַפּט און געפּלעקט שעפּעלע וואָס וועט געבאָרן ווערן בײַ די ווײַסע שעפּסן וואָס וועלן זײַן בײַ מיר, וועט זײַן מײַן לוין.

האָט לָבָן געזאָגט:

—„יאָ, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט".

און לָבָן האָט אָפּגעטײלט אין יענעם טאָג די געשטרײַפּטע און געפּלעקטע בעק, און אַלע געשפּרינקלטע און געפּלעקטע ציגן, און איטלעך טונקל שעפּעלע צווישן די שעפּסן. און לָבָן האָט זײ איבערגעגעבן אין דער האַנט פֿון זײַנע זין. און ער האָט געמאַכט אַ וועג פֿון דרײַ טעג צווישן זיך און צווישן יַעקבן.

און יַעקב האָט געפּיטערט לָבָנס איבעריקע שאָף. און די שאָף האָבן געבאָרן געשטרײַפּטע, געשפּרינקלטע און געפּלעקטע!

און יַעקב האָט זיך געמאַכט סטאַדעס באַזונדער. און דער מאַן איז געוואָרן זײער רײַך, און ער האָט געהאַט אַ סך שאָף און דינסטן און קנעכט און קעמלען און אײזלען.

יַעקב אַנטלויפֿט פֿון לָבָנען

און יַעקב האָט געהערט די ווערטער פֿון לָבָנס זין אַזוי צו זאָגן:

„יַעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס אונדזער פֿאָטער האָט געהאַט, און פֿון דעם וואָס געהערט צו אונדזער פֿאָטער האָט ער די דאָזיקע גאַנצע רײַכקײַט". און יַעקב האָט געזען נאָך לָבָנס פּנים— ער איז ניט צו אים אַזוי ווי נעכטן אָדער אײערנעכטן.

און גאָט האָט געזאָגט צו יַעקבן:

„קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דײַנע עלטערן, און צו דײַן אָפּשטאַם, און איך װעל זײַן מיט דיר!"

האָט יַעקב געשיקט און גערופן רָחלען און לֵאהן אין פעלד, צו זײַנע שאָף. און ער האָט צו זײ געזאָגט:

„איך זע נאָך אײַער פאָטערס פּנים, אַז ער איז ניט צו מיר אַזױ װי נעכטן אָדער אײערנעכטן; אָבער דער גאָט פון מײַן פאָטער איז געװען מיט מיר. און איר װײסט אַז מיט מײַן גאַנצן כּוח האָב איך געדינט אײַער פאָטער. און אײַער פאָטער האָט געשפּאָט פון מיר און האָט געביטן מײַן לױן צען מאָל, נאָר גאָט האָט אים ניט געלאָזט מיר שלעכטס טאָן. אַז ער האָט אַזױ געזאָגט: געשפּרינקלטע זאָלן זײַן דײַן לױן, האָבן אַלע שאָף געבאָרן געשפּרינקלטע! און אַז ער האָט געזאָגט: געשטרײַפטע זאָלן זײַן דײַן לױן, האָבן אַלע שאָף געבאָרן געשטרײַפטע! און אַ מַלאך פון גאָט האָט געזאָגט צו מיר אין חָלום: —„יַעקב!" און איך האָב געזאָגט: —„דאָ בין איך!" האָט ער צו מיר געזאָגט: —„איך בין דער גאָט פון בֵּית־אֵל, װאָס דו האָסט דאָרטן געזאַלבט אַ זײַל, װאָס דו האָסט דאָרטן געטאָן אַ נֶדר צו מיר. און איצט שטײ אויף, גײ אַרױס פון אָט דעם לאַנד, און קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דײַן געבורט".

האָבן רָחל און לֵאה געענטפערט און געזאָגט צו אים:

„האָבן מיר דען נאָך אַ חֵלֶק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פאָטערס הויז? זײַנען מיר ניט אַזױ װי פרעמדע פאַררעכנט בײַ אים? װײַל ער האָט אונדז פאַרקױפט, און אױפעסן האָט ער אויך אױפגעגעסן דאָס געלט פאַר אונדז. װײַל די גאַנצע

רײַכקײַט וואָס גאָט האָט אַוועקגענומען פֿון אונדזער פֿאָטער — דאָס איז אונדזערס און אונדזערע קינדערס. איז איצט אַלץ וואָס גאָט האָט דיר געהייסן — טו!"

איז יַעקב אויפֿגעשטאַנען און האָט אַרויפֿגעזעצט זײַנע קינדער און זײַנע װײַבער אויף קעמלען. און ער האָט אַוועק געפֿירט אַלע שאָף זײַנע און זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין פַּדן־אַרָם, כּדי צו גיין צו זײַן פֿאָטער יִצחָקן, קיין כּנַען. און לָבָן איז געווען אַוועקגעגאַנגען שערן זײַנע שאָף.

און יַעקב איז אַנטלאָפֿן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך און געגאַנגען פֿאָרויס צום באַרג גִלעָד.

לָבָן יאָגט נאָך יַעקבן

האָט מען אָנגעזאָגט לָבָנען אויפֿן דריטן טאָג אַז יַעקב איז אַנטלאָפֿן. האָט ער גענומען זײַנע ברידער מיט זיך, און האָט אים נאָכגעיאָגט אַ וועג פֿון זיבן טעג, און האָט אים אָנגעיאָגט אויפֿן באַרג גִלעָד.

און גאָט איז געקומען צו לָבָנען אין אַ חָלום פֿון דער נאַכט און האָט צו אים געזאָגט:

„היט זיך, זאָלסט ניט ריידן מיט יַעקבן פֿון גוטס ביז שלעכטס".

און לָבָן האָט אָנגעיאָגט יַעקבן.

און יַעקב האָט אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט אויפֿן באַרג.

איך לָבָן און זײַנע ברידער האָבן אויפֿגעשטעלט זייערע געצעלטן אויפֿן באַרג גִלעָד.

האָט לָבָן געזאָגט צו יַעקבן:

—„וואָס האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעגנבעט, און האָסט אַוועקגעפֿירט מײַנע טעכטער אַזוי ווי געפֿאַנגענע פֿון שווערד? פֿאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן באַהאַלטענערהייט, און האָסט זיך אַוועקגעגנבעט פֿון מיר, און האָסט מיר ניט אויסגעזאָגט, אַז איך זאָל דיך באַגלייטן מיט שׂמחה און מיט געזאַנגען, מיט פּויק און מיט האַרף? און האָסט מיך ניט געלאָזן קושן מײַנע זין און מײַנע טעכטער! נאַריש האָסטו געטאָן!

האָט יַעקב געענטפֿערט און האָט געזאָגט צו לָבָנען:

—„איך האָב מורא געהאַט, ווײַל איך האָב געקלערט: טאָמער וועסטו אַוועקרויבן דײַנע טעכטער פֿון מיר. פֿאַר אונדזערע ברידער אין די אויגן, דערקען וואָס איז דײַנע בײַ מיר, און נעם זיך צו!"

איז לָבָן אַרײַנגעגאַנגען אין דעם געצעלט פֿון יַעקבן, און אין דעם געצעלט פֿון לֵאהן, און אין דעם געצעלט פֿון די צוויי דינסטן, און ער האָט ניט געפֿונען. און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם געצעלט פֿון רָחלען. און לָבָן האָט אַרומגעטאַפּט דאָס גאַנצע געצעלט און האָט ניט געפֿונען.

האָט יַעקבן פֿאַרדראָסן און ער האָט זיך געקריגט מיט לָבָנען. און יַעקב האָט זיך אָפּגערופֿן און האָט געזאָגט צו לָבָנען:

—„וואָס איז מײַן פֿאַרברעכן, וואָס איז מײַן חֵטא, וואָס דו האָסט מיך נאָכגעיאָגט? אַז דו האָסט דורכגעטאַפּט אַלע מײַנע

זאַכן, וואָס האָסטו געפונען פון אַלע דײַנע הויזזאַכן? רייד
דײַנע רייד פאַר מײַנע ברידער און דײַנע ברידער און זאָלן
זיי אַנטשיידן צווישן אונדז ביידן. די גאַנצע צוואַנציק יאָר וואָס
איך בין געווען מיט דיר האָב איך די ווידערס פון דײַנע שאָף
ניט געגעסן. אַ פאַרצוקטע שאָף האָב איך ניט געבראַכט צו
דיר; איך פלעג לײַדן איר שאָדן. פון מײַן האַנט פלעגסטו עס
אויפמאָנען, צי מען האָט צוגעגנבעט בײַ טאָג, צי מען האָט צו־
געגנבעט בײַ נאַכט. בײַ טאָג פלעגט מיך אויפעסן די היץ און
דער פראָסט בײַ נאַכט. און דער שלאָף האָט געוויַכט פון
מײַנע אויגן. צוואַנציק יאָר צײַט בין איך געווען אין דײַן הויז;
פערצן יאָר האָב איך דיר געדינט פאַר דײַנע צוויי טעכטער,
און זעקס יאָר פאַר דײַנע שאָף. און דו האָסט געביטן מײַן לוין
צען מאָל. ווען ניט דער גאָט פון מײַן פאָטער, דער גאָט פון
אַבֿרהָמען, און דער גאָט פון יִצחָקן, וואָלסטו מיך איצט
אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן. גאָט האָט געזען מײַן פּײַן און די
מאַטערניש פון מײַנע הענט!"

האָט לָבן געענטפערט און האָט געזאָגט צו יַעקבן:

—„די טעכטער זײַנען מײַנע טעכטער, און די קינדער—
מײַנע קינדער, און די שאָף—מײַנע שאָף, און אַלץ וואָס דו
זעסט איז מײַנס! און וואָס קען איך הײַנט טאָן צו די דאָזיקע
טעכטער מײַנע אָדער צו זייערע קינדער וואָס זיי האָבן גע־
באָרן? און איצט קום לאָמיר שליסן אַ בונד, איך און דו, און
זאָל עס זײַן אַן עֵדות צווישן מיר און צווישן דיר".

האָט יַעקב גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפגעשטעלט
פאַר אַ זײַל. און יַעקב האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער: „קלײַבט

אָן שטיינער!" האָבן זיי גענומען שטיינער און געמאַכט אַ הויפן, און זיי האָבן דאָרטן געגעסן.

און לָבָן האָט געזאָגט:

„אָט דער הויפן איז היינט אַן עֵדות צווישן מיר און צווישן דיר, אַז איך וועל ניט אַריבערגיין אָט דעם הויפן – צו דיר, און אַז דו וועסט ניט אַריבערגיין אָט דעם הויפן און אָט דעם זייל – צו מיר, כּדי צו טאָן בייז.

און יַעקב האָט געשוואָרן ביי דעם גאָט פון זיין פאָטער יִצחָק.

און יַעקב האָט געשאָכטן אַ קָרבן אויפן באַרג, און ער האָט גערופן זיינע ברידער צו עסן ברויט. און זיי האָבן געגעסן ברויט און האָבן גענעכטיקט אויפן באַרג.

און לָבָן איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און ער האָט גע־קושט זיינע זין און זיינע טעכטער און האָט זיי געבענטשט. און לָבָן איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.
און יַעקב איז געגאַנגען אויף זיין וועג.

יַעקב שיקט שלוחים צו עֵשָׂו

און יַעקב האָט געשיקט שלוחים פאָרויס פאַר זיך צו זיין ברודער עֵשָׂו אין שֵׂעִיר. און ער האָט זיי באַפוילן אַזוי צו זאָגן:

„אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר, צו עֵשָׂו. אַזוי האָט גע־זאָגט דיין קנעכט יַעקב: ביי לָבָנען האָב איך געוווינט, און איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביז איצט. און איך האָב אָקסן

און אייזלען, שאָף און קנעכט און דינסטן. האָב איך געשיקט אָנזאָגן מײַן האַר, כּדי צו געפינען חן אין דײַנע אויגן".

האָבן די שלוחים זיך אומגעקערט צו יַעקבן אַזוי צו זאָגן: „מיר זײַנען געקומען צו דײַן ברודער, צו עֵשָׂון, און ער גייט דיר אַנטקעגן, און פיר הונדערט מאַן מיט אים".

האָט יַעקב זייער מורא געקראָגן, און ער איז געווען זייער באַקלעמט. און ער האָט צעטיילט די מענטשן וואָס מיט אים, און די שאָף און די רינדער און די קעמלען — אין צוויי מַחנות.

און ער האָט געזאָגט:

„אויב עֵשָׂו וועט קומען אויף איין מַחנה און וועט זי שלאָגן, וועט די אַנדערע מַחנה אַנטלויפן".

און יַעקב האָט געזאָגט:

„גאָט פון מײַן פאָטער אַבֿרָהָם, און גאָט פון מײַן פאָטער יצחָק וואָס האָט געזאָגט צו מיר: קער זיך אום צו דײַן לאַנד און צו דײַן אָפּשטאַם, און איך וועל גוטס טאָן מיט דיר! איך בין צו קליין פאַר אַל דעם חֶסֶד און פאַר אַל דער געטרײַשאַפט וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן קנעכט; ווײַל מיט מײַן שטעקן בין איך אַריבערגעגאַנגען אָט דעם יַרדן, און איצט בין איך געוואָרן צוויי מַחנות. ראַטעווע מיך, איך בעט דיך, פון דער האַנט פון מײַן ברודער, פון דער האַנט פון עֵשָׂון, ווײַל איך האָב מורא פאַר אים, ער זאָל ניט קומען און דערשלאָגן מיך, די מוטערס מיט די קינדער. דו האָסט דאָך געזאָגט: גוטס טאָן וועל איך מיט דיר, און איך וועל מאַכן דײַנע קינדער אַזוי ווי זאַמד פון ים, וואָס קאָן ניט געציילט ווערן ווײַל עס איז אַזוי פיל."

און ער האָט דאָרטן גענעכטיקט יענע נאַכט. און ער האָט גענומען פון וואָס עס איז אים געקומען צו דער האַנט — אַ מתּנה פאַר זײַן ברודער עשׂו: צוויי הונדערט ציגן און צוואַנציק בעק, צוויי הונדערט שעפּסן און צוואַנציק ווידערס. דרײַסיק קעמלען, מיט זייערע יונגע; פערציק קי און צען אָקסן, צוואַנציק אייזעלינס און צען יונגע אייזלען. און ער האָט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זײַנע קנעכט אין באַזונדערע סטאַדעס. און ער האָט אָנגעזאָגט זײַנע קנעכט:

„גייט מיר פאָרויס און אַ פרײַען אָרט זאָלט איר לאָזן צווישן סטאַדע און סטאַדע". און ער האָט באַפוילן דעם ערשטן אַזוי צו זאָגן:

„אַז דיך וועט באַגעגענען עשׂו, מײַן ברודער, און וועט דיך פרעגן אַזוי צו זאָגן: וועמעס ביסטו? וווהין גייסטו? און וועמעס זײַנען אָט די סטאַדעס? זאָלסטו זאָגן: דײַן קנעכט יעקבס, אַ מתּנה איז דאָס געשיקט צו מײַן האַר, צו עשׂון; און אָן איז ער אויך הינטער אונדז".

און ער האָט באַפוילן אויך דעם צווייטן און דעם דריטן, און אַלע וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער די סטאַדעס אַזוי צו זאָגן: „די דאָזיקע רייד זאָלט איר ריידן צו עשׂון". ווײַל יעקב האָט געזאָגט: לאָמיך אים איבערבעטן מיט דער מתּנה, וואָס גייט פאָרויס, און דערנאָך וועל איך זיך טרעפן מיט אים, אפשר וועט ער מיך גוט אויפנעמען.

איז די מתּנה אַוועק פאָרויס, און ער האָט גענעכטיקט יענע נאַכט אין לאַגער. און ער איז אויפגעשטאַנען יענע נאַכט, און האָט גענומען זײַנע צוויי ווײַבער און זײַנע צוויי דינסטן, און

זײַנע עלף קינדער, און ער איז אַריבערגעפֿאָרן דעם איבערפֿאָר פֿון יַבוק. ער האָט זײ גענומען און האָט זײ אַריבערגעפֿירט איבערן טײַך און האָט אַריבערגעפֿירט וואָס ער האָט געהאַט.

יַעקב באַגעגנט עֵשָׂון

און די זון איז אויפֿגעגאַנגען. און יַעקב האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און האָט אַ קוק געטאָן — ערשט עֵשָׂו קומט אָן! און פֿיר הונדערט מאַן — מיט אים. האָט ער אײַנגעטײלט די קינדער צו לֵאהן, און צו רָחלען, און צו די צווײ דינסטן. און ער האָט געשטעלט די דינסטן און זײערע קינדער צו ערשט, און לֵאהן און אירע קינדער הינטער זײ, און רָחלען און יוֹספֿן די לעצטע. און ער איז אַוועק פֿאָרויס, און ער האָט זיך געבוקט צו דער ערד זיבן מאָל ביז ער האָט זיך גענענטערט צו זײַן ברודער.

איז עֵשָׂו אים געלאָפֿן אַנטקעגן, און ער האָט אים אַרומגענומען, און ער איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און האָט אים געקושט, און זײ האָבן געוויינט. און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און האָט געזען די ווײַבער און די קינדער, און ער האָט געזאָגט:

—„ווער זײַנען די דאָזיקע בײַ דיר?"

האָט ער געזאָגט:

—„די קינדער מיט וואָס גאָט האָט באַגליקט דײַן קנעכט".

האָבן זיך גענענטערט די דינסטן, זײ און זײערע קינדער און האָבן זיך געבוקט; און אויך לֵאה און אירע קינדער האָבן זיך גענענטערט און האָבן זיך געבוקט. און דערנאָך האָבן זיך גענענטערט יוֹסף און רָחל און האָבן זיך געבוקט.

האָט ער געזאָגט:

—„וואָס איז בײַ דיר די דאָזיקע גאַנצע מַחנה וואָס איך האָב באַגעגנט?"

האָט יַעקב געזאָגט:

—„צו געפינען חֵן אין די אויגן פון מײַן האַר".

האָט עֵשָׂו געזאָגט:

—„איך האָב גענוג, מײַן ברודער. וואָס עס איז בײַ דיר, זאָל בלײַבן בײַ דיר!"

האָט יַעקב געזאָגט:

—„ניין, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חֵן אין דײַנע אויגן, זאָלסטו אָננעמען די מַתָּנה פון מײַן האַנט, ווײַל גאָט האָט מיך באַגליקט, און ווײַל בײַ מיר איז דאָ פון אַלץ". און ער איז צוגעשטאַנען צו אים, ביז ער האָט אָנגענומען.

האָט עֵשָׂו געזאָגט:

—„לאָמיר ציען און גיין, און איך וועל גיין לעבן דיר".

האָט ער צו אים געזאָגט:

—„מײַן האַר זעט, אַז די קינדער זײַנען יונג, און די שאָף און רינדער זײַנען בײַ מיר זייגעדיקע און אַז מען וועט זיי צוטרײַבן אין איין טאָג, וועלן אויסשטאַרבן אַלע שאָף. זאָל, איך בעט דיך, מײַן האַר אַוועקגיין פאָרויס פאַר זײַן קנעכט, און איך וועל זיך ציען פּאַמעלעך נאָך די טריט פון די שאָף וואָס פאַר מיר, און נאָך די טריט פון די קינדער, ביז וואַנען איך וועל קומען צו מײַן האַר קיין שֵׂעִיר.

און עֵשָׂו האָט זיך אומגעקערט אין יענעם טאָג אויף זײַן וועג קיין שֵׂעִיר. און יַעקב האָט אַוועקגעצויגן קיין סוכּות, און

ער האָט געבויט פֿאַר זיך אַ הויז, און פֿאַר זײַנע שאָף און רינדער האָט ער געמאַכט בײַדלעך. דעריבער האָט מען גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט סוכּות*.

און יַעקבֿ איז געקומען בשלום אין דער שטאָט שכֶם וואָס אין לאַנד כּנַען, און ער האָט געלאַגערט פֿאַר דער שטאָט. און ער האָט אָפּגעקויפֿט דאָס שטיק פֿעלד, וואָס ער האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט. און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מִזבֵּח.

גאָט בײַט יַעקבֿס נאָמען

און גאָט האָט געזאָגט צו יַעקבֿן:

—„שטיי אויף, גיי אַרויף קיין בֵּית־אֵל און זיץ דאָרטן און מאַך דאָרטן אַ מִזבֵּח צו גאָט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו דיר בײַ דײַן אַנטלויפֿן פֿון דײַן ברודער עֵשָׂו".

האָט יַעקבֿ געזאָגט צו זײַן הויזגעזינד און צו אַלע וואָס מיט אים:

„רייניקט זיך, און בײַט איבער אײַערע קליידער. און לאָמיר אויפֿשטיין און אַרויפֿגיין קיין בֵּית־אֵל, און איך וועל דאָרטן מאַכן אַ מִזבֵּח צו גאָט וואָס האָט מיר געענטפֿערט אין טאָג פֿון מײַן נויט, און איז געווען מיט מיר אויף דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען".

און יַעקבֿ איז געקומען קיין בֵּית־אֵל — ער און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים. און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מִזבֵּח,

---

* סוכּות — בײַדלעך.

ווײַל דאָרטן האָט זיך גאָט באַוויזן צו אים, ווען ער איז אַנט־לאָפֿן פֿון זײַן ברודער.

און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן צו יַעקבֿן און האָט אים געבענטשט. און גאָט האָט צו אים געזאָגט:

„דײַן נאָמען איז יַעקבֿ. זאָל מער ניט גערופֿן ווערן דײַן נאָמען יַעקבֿ, נאָר יִשׂרָאֵל זאָל זײַן דײַן נאָמען!" און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען יִשׂרָאֵל.

און גאָט האָט צו אים געזאָגט:

„איך בין גאָט. מער זיך, אַ פֿאָלק זאָל ווערן פֿון דיר! דאָס לאַנד וואָס איך האָב געגעבן אַבֿרָהָמען און יִצחָקן — דיר וועל איך עס געבן, און דײַנע קינדער נאָך דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד".

און יַעקבֿ האָט אויפֿגעשטעלט אַ זײַל אויף דעם אָרט, וווּ גאָט האָט מיט אים גערעדט, אַ זײַל פֿון שטיין, און ער האָט אַרויפֿגעגאָסן אויף אים אייל.

רָחל שטאַרבט

און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פֿון בֵּית־אֵל. און ווען עס איז נאָך געווען אַ שטיק וועג צו קומען קיין אֶפֿרָת, איז רָחל גע־גאַנגען צו קינד און זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט. און עס איז געווען אין איר שווערער געבורט, האָט די הייבאַם צו איר געזאָגט:

„זאָלסט ניט מורא האָבן, ווײַל אויך דאָס קינד איז אַ זון".

און עס איז געווען ווען איר נשמה איז אויסגעגאַנגען, ווען זי האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן, האָט זי גערופן זײַן נאָמען בֶּן אוני*, אָבער זײַן פֿאָטער האָט אים גערופן בִּניָמין.

און רָחל איז געשטאָרבן און זי איז באַגראָבן געוואָרן אויפֿן וועג קיין אֶפֿרָת, דאָס איז בֵּית־לֶחֶם. און יַעקב האָט געשטעלט אַ מַצֵבה אויף איר קֶבר. דאָס איז די מַצֵבה פֿון רָחלס קֶבר ביז אויף הײַנט.

און די זין פֿון יַעקבן זײַנען געווען צוועלף:
ראובן, שִמעון, לֵוִי, יהודה, יִשָׂשׂכָר, זבולון.
דָן, נַפתָּלי, גָד, אָשֵר,
יוסף און בִּניָמין.

יִצחָקס טויט

און יַעקב איז געקומען צו זײַן פֿאָטער יצחָק קיין מַמרֵא, דאָס איז חֶברוֹן, וואָס דאָרטן האָבן געוווינט אַברָהָם און יִצחָק. און די טעג פֿון יִצחָקן זײַנען געווען הונדערט און אַכציק יאָר. און יִצחָק איז געשטאָרבן, אַלט און זאַט מיט יאָרן. און עֵשָׂו און יַעקב זײַנע זין האָבן אים באַגראָבן.

* דאָס הייסט — זון פֿון מײַן טרויער.



ו. יוסף און זײַנע ברידער

יוספס חלומות

צו זיבעצן יאָר איז יוסף געווען אַ פּאַסטעך מיט זײַנע ברידער בײַ די שאָף. און יוסף האָט געבראַכט בייזע רייד אויף זיי צו זייער פּאָטער.

און ישׂראל האָט ליב געהאַט יוספן מער פון אַלע זײַנע זין, ווײַל ער איז בײַ אים געווען אַ בן־זקונים און ער האָט אים געמאַכט אַ געשטרײַפט העמדל. און אַז זײַנע ברידער האָבן געזען אַז זײַן פּאָטער האָט אים מער ליב פון אַלע זײַנע ברידער, האָבן זיי אים פײַנט געקראָגן, און ניט געקענט ריידן צו אים פרידלעך.

און יוספן האָט זיך געחלומט אַ חלום. און ער האָט דער־ציילט זײַנע ברידער און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„הערט אַקאָרשט דעם דאָזיקן חלום וואָס מיר האָט זיך געחלומט: מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פעלד — ערשט מײַן גאַרב האָט זיך אויפגעהויבן און איז געבליבן שטיין; און זע — אײַערע גאַרבן האָבן זיך אַרומגעשטעלט און האָבן זיך געבוקט צו מײַן גאַרב".

האָבן זײַנע ברידער צו אים געזאָגט:

„קיניגן ווילסטו קיניגן איבער אונדז? אָדער הערשן ווילסטו הערשן איבער אונדז?"

און זיי האָבן אים נאָך מער פײַנט געקראָגן פאַר זײַנע חלומות און פאַר זײַנע רייד.

און אים האָט זיך ווידער געחלומט אַן אַנדער חלום. און ער האָט דערציילט זײַנע ברידער און האָט געזאָגט:

„אָט האָט זיך מיר ווידער געחלומט אַ חלום: זעט — די זון און די לבנה און די עלף שטערן בוקן זיך צו מיר!"

און ער האָט עס דערציילט זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, און זײַן פֿאָטער האָט אָנגעשריִען אויף אים און האָט צו אים געזאָגט:

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חלום וואָס דיר האָט זיך געחלומט? זאָל איך און דײַן מוטער און דײַנע ברידער גאָר קומען זיך בוקן פֿאַר דיר צו דער ערד?"

און די ברידער האָבן אים מקנא געווען. און זײַן פֿאָטער האָט די זאַך געהאַלטן אין זינען.

די ברידער פֿאַרקויפֿן יוספֿן

און זײַנע ברידער זײַנען געגאַנגען פּיטערן די שאָף פֿון זייער פֿאָטער אין שכם. האָט ישׂראֵל געזאָגט צו יוספֿן:

—„דײַנע ברידער פּיטערן דאָך אין שכם. קום, איך וועל דיך שיקן צו זיי".

האָט ער געזאָגט:

—„דאָ בין איך!"

האָט ער צו אים געזאָגט:

—„גיי אַקאָרשט, זע וואָס מאַכן דײַנע ברידער און די שאָף, און ברענג מיר אַן ענטפֿער".

און ער האָט אים אַוועקגעשיקט פון דעם טאָל פון חֶברון, און ער איז געקומען קיין שכֶם. האָט אים געטראָפן אַ מאַן, און יוסף בלאָנדזשעט גאָר אום אין פעלד. און דער מאַן האָט אים געפרעגט אַזוי צו זאָגן:

–„וואָס זוכסטו?"

האָט ער געזאָגט:

–„מײַנע ברידער זוך איך. זאָג מיר, איך בעט דיך, ווו פּיטערן זיי?"

האָט דער מאַן געזאָגט:

–„זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון דאַנען, ווײַל איך האָב געהערט ווי זיי זאָגן: ,לאָמיר גיין קיין דותָן'".

איז יוסף געגאַנגען נאָך זײַנע ברידער, און ער האָט זיי געפונען אין דותָן. און ווי זיי האָבן אים דערזען פון ווײַטן (איידער נאָך ער האָט זיך גענענטערט צו זיי), האָבן זיי געטראַכט ווי אים צו טייטן. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

„אָט קומט דער דאָזיקער בַּעל־חלומות! און איצט קומט און לאָמיר אים דערהרגענען, און אים אַרײַנוואַרפן אין איינער פון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן: אַ בייזע חַיָה האָט אים אויפגעגעסן! און מיר וועלן זען וואָס עס וועט ווערן פון זײַנע חלומות!"

האָט ראובן דערהערט, און ער האָט אים געזוכט צו ראַטעווען פון זייער האַנט, און האָט צו זיי געזאָגט:

„איר זאָלט ניט פאַרגיסן קיין בלוט! וואַרפט אים אַרײַן אין יענער גרוב וואָס אין מִדבָּר, אָבער אַ האַנט זאָלט איר ניט

אויסשטרעקן אויף אים!" (כּדי אים צו ראַטעווען פון זייער האַנט און אים אומצוקערן צו זײַן פּאָטער).

און עס איז געווען, ווי נאָר יוסף איז צוגעקומען צו זײַנע ברידער, אַזוי האָבן זיי אויסגעטאָן יוסׂפן זײַן העמדל, דאָס געשטרײַפטע העמדל וואָס אויף אים. און זיי האָבן גענומען און האָבן אים אַרײַנגעוואָרפן אין דער גרוב. און די גרוב איז געווען ליידיק, קיין וואַסער איז אין איר ניט געווען.

און זיי האָבן זיך געזעצט עסן ברויט. און זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייערע אויגן, און האָבן אַ קוק געטאָן — ערשט אַ קאַראַוואַן יִשמָעאֵלים קומט אָן, און זייערע קעמלען זײַנען באַלאָדן מיט געווירץ און באַלזאַם וואָס זיי ברענגען אַראָפּ קיין מִצרַיִם.

האָט יהודה געזאָגט צו זײַנע ברידער: „וואָס וועט אַרויסקומען אַז מיר וועלן דערהַרגען אונדזער ברודער, און מיר וועלן פֿאַרדעקן זײַן בלוט? קומט און לאָמיר אים פֿאַרקויפֿן צו די ישמעאֵלים, און אונדזער האַנט זאָל ניט זײַן אויף אים; ווײַל אונדזער ברודער, אונדזער פֿלייש איז ער דאָך!"

און זײַנע ברידער האָבן זיך צוגעהערט. און זיי האָבן אַרויסגעצויגן און אַרויפֿגעבראַכט יוסׂפן פון דער גרוב, און זיי האָבן פֿאַרקויפֿט יוסׂפן צו די ישמעאֵלים פֿאַר צוואַנציק זילבערשטיק.

און די יִשמעאֵלים האָבן אַוועקגעפֿירט יוסׂפן קיין מִצרַיִם.

און ראובן האָט זיך אומגעקערט צו דער גרוב — און זע, יוסף איז ניטאָ אין גרוב! האָט ער צעריסן זײַנע קליידער. און

ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַנע ברידער און האָט געזאָגט:

„דער ייִנגל איז ניטאָ, און ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן?"

און זיי האָבן גענומען יוספס העמדל, און האָבן געשאָכטן אַ ציגנבאָק, און האָבן אײַנגעטונקט דאָס העמדל אין דעם בלוט. און זיי האָבן אַוועקגעשיקט דאָס געשטרײַפטע העמדל און געלאָזט ברענגען צו זייער פאָטער און געלאָזט זאָגן:

„דאָס האָבן מיר געפונען. דערקען אַקאָרשט, צי דאָס איז דײַן זונס העמדל אָדער ניט?"

האָט ער עס דערקענט און ער האָט געזאָגט:

„מײַן זונס העמדל! אַ בייזע חַיָה האָט אים אויפגעגעסן! פאַרצוקן איז פאַרצוקט געוואָרן יוסף!"

און יַעקב האָט צעריסן זײַנע קליידער און אָנגעטאָן זאַק אויף זײַנע לענדן, און ער האָט געטרויערט אויף זײַן זון אַ סך טעג. און אַלע זײַנע זין און אַלע זײַנע טעכטער זײַנען אויפגעשטאַנען אים צו טרייסטן, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן.

און זײַן פאָטער האָט אים באַוויינט.

מע ברענגט יוספן קיין מִצרַיִם

און מען האָט יוספן געבראַכט קיין מִצרַיִם. און פּוֹטיפַר, אַ הויפדינער פון פַּרעהן, דער אייבער־לײַבוועכטער, אַ מִצרישער מאַן, האָט אים אָפּגעקויפט פון דער האַנט פון די יִשמעאֵלים.

און גאָט איז געווען מיט יוספֿן, און ער איז געווען אַ באַ־גליקטער מענטש. און ער איז געווען אין הויז פֿון זײַן האַר דעם מִצרי. און זײַן האַר האָט געזען, אַז גאָט איז מיט אים, און אַלץ וואָס ער טוט באַגליקט גאָט אין זײַן האַנט. האָט יוסף געפֿונען חֵן אין זײַנע אויגן, און ער האָט אים אויפֿגעזעצט איבער זײַן הויז, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט האָט ער איבערגעגעבן אין זײַן האַנט.

און עס איז געווען, פֿון זינט ער האָט אים אויפֿגעזעצט איבער זײַן הויז און איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט גאָט געבענטשט דעם מִצריס הויז פֿון יוספֿס וועגן, און אַ בְּרָכה פֿון גאָט איז געווען אויף אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פֿעלד. און פּוֹטיפַר האָט איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין יוספֿס האַנט, און ער האָט ניט געוווּסט פֿון קיין זאַך, אַחוץ דעם ברויט וואָס ער האָט געגעסן. און יוסף איז געווען שיין אויפֿן געשטאַלט און שיין אויפֿן פּנים.

און עס איז געווען נאָך אָט די געשעענישן האָט די פֿרוי פֿון זײַן האַר אויסגעטראַכט אויף אים אַ מִיאוּסע זאַך. און עס איז געווען, ווי זײַן האַר האָט געהערט די ווערטער פֿון זײַן ווײַב, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

„אַזעלכע זאַכן האָט געטאָן צו מיר דײַן קנעכט!" האָט זײַן צאָרן געבערנט. און יוספֿס האַר האָט אים גענומען און האָט אים אַרײַנגעזעצט אין געפֿענגעניש, אין דעם אָרט ווו דעם מֶלכס געפֿאַנגענע זײַנען אײַנגעשפּאַרט.

יוסף אין געפענגעניש

און יוסף איז דאָרטן געווען, אין געפענגעניש. און גאָט איז געווען מיט יוספן און אים געגעבן חן אין די אויגן פון דעם אויפזעער און ער האָט איבערגעגעבן אין יוספס האַנט אַלע געפאַנגענע. און דער אויפזעער פון געפענגעניש האָט ניט נאָכגעקוקט קיין שום זאַך אונטער זײַן האַנט, ווײַל גאָט איז געווען מיט אים, און וואָס ער האָט געטאָן—האָט גאָט באַגליקט.

און עס איז געווען נאָך אָט די געשעענישן, האָבן דער געטראַנק־מײַסטער פון דעם מֶלך פון מִצרַיִם און דער בעקער זיך פאַרזינדיקט אַקעגן זייער האַר, דעם מֶלך פון מִצרַיִם. און פַּרעה האָט געצאָרנט אויף זײַנע צוויי הויפדינער, אויף דעם געטראַנק־מײַסטער און אויף דעם אייבער־בעקער. און ער האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין געפענגעניש, אין דעם אָרט וואָס יוסף איז דאָרטן געווען אײַנגעשפּאַרט. און יוסף האָט זיי באַדינט. און זיי זײַנען געווען אַ צײַט אין וואַך.

האָט זיך ביידן געחָלומט אַ חָלום אין איין נאַכט, דעם געטראַנק־מײַסטער און דעם בעקער פון דעם מֶלך פון מִצרַיִם, וואָס זײַנען געווען אײַנגעשפּאַרט אין געפענגעניש. און יוסף איז געקומען צו זיי אין דער פרי, און האָט זיי אָנגעקוקט, ערשט, זיי זײַנען צעטראָגן. האָט ער געפרעגט די הויפדינער פון פַּרעהן וואָס מיט אים אין דער וואַך, אַזוי צו זאָגן:

—„פאַר וואָס זײַנען אײַערע פּנימער הײַנט אומעטיק?"
האָבן זיי צו אים געזאָגט:
—„אונדז האָט זיך געחלומט אַ חלום און עס איז ניטאָ ווער זאָל אים באַשיידן".
האָט יוסף צו זיי געזאָגט:
—„אויסלייגן אַ חלום איז אַ גאָט־זאַך; דערציילט מיר, איך בעט אײַך".
האָט דער געטראַנק־מײַסטער דערציילט זײַן חלום צו יוספן, און ער האָט צו אים געזאָגט:
„מיר חלומט זיך, ווי פאַר מיר איז אַ ווײַנשטאָק, און אויפן ווײַנשטאָק—דרײַ צווײַגן, און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן שפּראָצן, אַזוי איז אויפגעגאַנגען זײַן בליאונג און זײַנע הענגלעך האָבן געצײַטיקט ווײַנטרויבן. און פּרעהס בעכער איז געווען אין מײַן האַנט. האָב איך גענומען די ווײַנטרויבן און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין פּרעהס בעכער און דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעהס האַנט".
האָט יוסף געזאָגט:
„דאָס איז דער באַשייד דערפון:
„די דרײַ צווײַגן דאָס זײַנען דרײַ טעג. אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה דיך אומקערן אויף דײַן שטאַנד, און דו וועסט דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זײַן האַנט אַזוי ווי פריער, ווען דו ביסט געווען זײַן געטראַנק־מײַסטער.
„אָבער דו זאָלסט מיך געדענקען, אַז דיר וועט גוט זײַן, און דו זאָלסט טאָן, איך בעט דיך, אַ חסד מיט מיר און מיך

דערמאָנען פאַר פּרעהן און מיך אַרויסציען פון דעם דאָזיקן הויז. ווײַל איך בין געגנבעט געוואָרן פון דעם לאַנד פון די עבֿרים. און דאָ האָב איך אויך קיין זאַך ניט געטאָן, וואָס מען האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה".

האָט דער אײבער־בעקער געזען אַז ער האָט צום גוטן אויסגעלייגט און ער האָט געזאָגט צו יוספֿן:

„מיר האָט זיך אויך געחלומט. אָט זײַנען דרײַ געפלאָכ־טענע קערב אויף מײַן קאָפּ. און אין דעם אייבערשטן קאָרב איז פון אַלערליי עסנווארג פאַר פּרעהן, געבעקזאַכן, און די פויגלען עסן זיי פון דעם קאָרב איבער מײַן קאָפּ".

האָט יוסף געענטפערט און געזאָגט:

„דאָס איז דער באַשייד דערפון:

„די דרײַ קערב דאָס זײַנען דרײַ טעג. אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה אַראָפּנעמען דײַן קאָפּ פון דיר, און וועט דיך אויפֿ־הענגען אויף אַ בוים, און די פויגלען וועלן עסן דײַן פלייש פון דיר".

און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, אין פּרעהס געבורטס־טאָג, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצײַט פאַר אַלע זײַנע קנעכט. און ער האָט דעם געטראַנק־מײַסטער אומגעקערט צו זײַן שטאַנד; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעהס האַנט. און דעם אייבער־בעקער האָט ער אויפגעהאַנגען, אַזוי ווי יוסף האָט זיי אויסגעלייגט.

אָבער דער געטראַנק־מײַסטער האָט אין יוספן פאַרגעסן.

פּרעהס חלום

און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צײַט, האָט זיך פּרעהן געחלומט, אַז ער שטייט בײַם טײַך. און אָט גייען אַרויף פון טײַך זיבן קי, שיין אויפן אויסזען און פעט אויפן לײַב. און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין דעם טײַכגראָז. און אָט גייען אַרויף נאָך זיי פון טײַך זיבן אַנדערע קי, מיאוס אויפן אויסזען און מאָגער אויפן לײַב. און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי בײַם ברעג טײַך. און די קי וואָס זײַנען מיאוס אויפן אויסזען און מאָגער אויפן לײַב האָבן אויפגעגעסן די זיבן קי, די שיינע אויפן אויסזען און די פעטע. און פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

און ער איז אײַנגעשלאָפן. און אים האָט זיך געחלומט אַ צווייט מאָל. אָט גייען אויף זיבן זאַנגען אויף איין שטענגל, געזונטע און גוטע. און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען, דינע און פאַרברענטע פון מזרח־ווינט. און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן געזונטע און פולע זאַנגען. און ... פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט, ערשט, עס איז אַ חלום!

און עס איז געווען אין דער פרי, איז זײַן געמיט געווען צערודערט, און ער האָט געשיקט און גערופן אַלע חרטומים פון מצרַיִם און אַלע אירע חכמים; און פּרעה האָט זיי דערציילט זײַנע חלומות. אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט באַשיידן פאַר פּרעהן.

האָט דער געטראַנק־מײַסטער גערעדט צו פּרעהן אַזוי צו זאָגן:

„מיינע זינד מוז איך הײַנט דערמאָנען. פּרעה האָט גע־

צאָרנט אויף זײַנע קנעכט, און האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך, מיך און דעם אײבער־בעקער. האָט זיך אונדז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר און אים. און דאָרטן איז מיט אונדז געווען אַ יונג אַן עבֿרי. האָבן מיר אים דערציילט, און ער האָט אונדז אויסגעלייגט אונדזערע חלומות. און עס איז געווען אַזוי ווי ער האָט אויסגעלייגט, אַזוי איז געשען: מיך האָט מען אומ־געקערט אויף מײַן שטאַנד און אים האָט מען אויפגעהאַנגען".

האָט פּרעה געשיקט און גערופן יוספֿן. און מען האָט אים אויף גיך אַרויסגענומען פֿון דער תּפֿיסה. און ער האָט זיך אָפּ־געשאָרן און האָט איבערגעביטן זײַנע קליידער און איז געקומען צו פּרעהן.

האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן:

—„מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אים באַשיידן. און איך האָב געהערט זאָגן אויף דיר אַז דו פֿאַרשטייסט אַ חלום".

האָט יוסף געענטפֿערט פּרעהן אַזוי צו זאָגן:

—„ניט איך, גאָט וועט באַשיידן דעם פֿריד פֿון פּרעהן!"

האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן:

„מיר חלומט זיך: אָט שטיי איך בײַם ברעג טײַך. און אָט גייען אַרויף פֿון טײַך זיבן קי, פֿעט אויפֿן לײַב און שיין אויפֿן געשטאַלט. און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין גראָז. און אָט גייען אַרויף נאָך זיי זיבן אַנדערע קי, מאָגער און זייער מיאוס אויפֿן געשטאַלט און דאַר אויפֿן לײַב, וואָס אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם האָב איך ניט געזען זייער גלײַכן אין מיאוסקייט. און די דאַרע און מיאוסע קי האָבן אויפֿגעגעסן די ערשטע זיבן פֿעטע קי.

און זיי זײַנען אַרײַן אין זיי, און עס איז ניט געווען קענטיק אַז זיי זײַנען אין זיי אַרײַן, און זייער אויסזען איז געווען אַזוי מיאוס ווי אין אָנהייב. און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

„און איך האָב געזען אין מײַן חלום: אַט גייען אויף זיבן זאַנגען אויף איין שטענגל, פולע און גוטע. און אַט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען אײַנגעטריקנטע, דינע, פאַרברענטע פון מזרח־ווינט. און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען. האָב איך דערציילט די חרטומים, אָבער קיינער קאָן מיר ניט זאָגן".

האָט יוסף געזאָגט צו פּרעהן:

—„דער חלום פון פּרעהן איז איינער. וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער אָנגעזאָגט פּרעהן. די זיבן גוטע קי דאָס זײַנען זיבן יאָר, און די זיבן גוטע זאַנגען דאָס זײַנען זיבן יאָר; איין חלום איז דאָס. און די זיבן דאַרע און מיאוסע קי, וואָס זײַנען אַרויפגעקומען נאָך זיי—דאָס זײַנען זיבן יאָר. און די זיבן ליידיקע זאַנגען פאַרברענט פון מזרח־ווינט—דאָס זײַנען זיבן יאָר. וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער באַוויזן פּרעהן. זע, עס קומען זיבן יאָר פון גרויס זאַטקײַט אין גאַנץ לאַנד מצרים. און נאָך זיי וועלן אויפשטיין זיבן הונגעריאָרן, און די גאַנצע זאַטקײַט וועט זײַן פאַרגעסן אין לאַנד מצרים; און דער הונגער וועט אומברענגען דאָס לאַנד. און פון דער זאַטקײַט וועט ניט זײַן צו מערקן אין לאַנד צוליב דעם הונגער וואָס נאָך דעם. און וואָס דער חלום האָט זיך איבערגעחזרט? ווײַל די זאַך איז פעסט פון גאָט, און גאָט אײַלט זיך דאָס צו טאָן.

„און דאָס איז די זאַך וואָס איך וועל זאָגן פּרעהן: זאָל פּרעה איצט זען אַ קלוגן מאַן, און אים שטעלן איבערן לאַנד מִצרַיִם. זאָל פּרעה אָט וואָס טאָן: זאָל ער אויפזעצן אויפזעערס איבערן לאַנד און זאָל מען אויפזאַמלען די גאַנצע שפּײַז פון די גוטע יאָרן וואָס קומען, און זאָל מען אָנקלײַבן תּבואה אונטער דער האַנט פון פּרעהן, פאַר שפּײַז אין די שטעט, און היטן. און די שפּײַז וועט זײַן אַוועקגעלייגט פאַרן לאַנד אויף די זיבן הונגעריאָרן וואָס וועלן זײַן אין לאַנד מִצרַיִם און דאָס לאַנד וועט ניט פאַרשניטן ווערן פון הונגער".

און די זאַך איז געפעלן פּרעהן און אַלע זײַנע קנעכט. און פּרעה האָט געזאָגט צו זײַנע קנעכט:

„קענען מיר דען געפינען אַזאַ ווי דער דאָזיקער, אַ מאַן וואָס דער גײַסט פון גאָט איז אין אים?" און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספן:

„נאָך דעם ווי גאָט האָט דיך געלאָזט וויסן דאָס אַלץ, איז ניטאָ אַזאַ קלוגער אַזוי ווי דו. דו וועסט זײַן איבער מײַן הויז, און נאָך דײַנע רייד זאָל געפירט ווערן מײַן גאַנץ פאָלק; נאָר מיטן טראָן וועל איך זײַן גרעסער פון דיר".

און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספן:

„זע, איך האָב דיך אויפגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם".

און פּרעה האָט אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג פון דער האַנט און האָט אים אָנגעטאָן אויף דער האַנט פון יוספן און האָט אים אָנגעקליידט אין טײַערע קליידער און אים אָנגעטאָן אַ

גילדערנע קייט אויפן האַלדז. און ער האָט אים אַרײַנגעזעצט אין דעם רײַטוואָגן פון דעם צווייטן צום מֶלך. און מען האָט אויסגערופן פאַר אים: „זיך קניִען!"

יוספס דערהייבונג

און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספן:

„איך בין פּרעה, אָבער אָן דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן אַ האַנט אָדער אַ פוס אין גאַנץ לאַנד מִצרַיִם!"

און פּרעה האָט גערופן דעם נאָמען פון יוספן צָפנַת־פַּענֵחַ און ער האָט אים געגעבן פאַר אַ ווײַב אָסנַת, די טאָכטער פון פּוטי־פֶרַע, דעם פּריסטער.

און יוסף איז געווען דרײַסיק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר פּרעהן דעם מֶלך פון מִצרַיִם.

און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר פּרעהן, און איז דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. און דאָס לאַנד האָט געבראַכט אין די זיבן זאַטע יאָרן הויפנסווײַז. און ער האָט אויפגעזאַמלט די גאַנצע שפּײַז פון די זיבן יאָר וואָס זײַנען געווען אין לאַנד מִצרַיִם און האָט אַרײַנגעבראַכט די שפּײַז אין די שטעט; די שפּײַז פון די פעלדער פון אַרום יעדער שטאָט האָט ער אין איר אַרײַנגעבראַכט. און יוסף האָט אָנגעקליבן תּבואה אַזוי ווי זאַמד פון ים, זייער אַ סך — ביז מען האָט אויפגעהערט צו ציילן, ווײַל עס איז געווען אָן אַ צאָל!

און בײַ יוספן זײַנען געבאָרן געוואָרן, איידער דאָס הונגער־יאָר איז געקומען, צוויי זין. און יוסף האָט גערופן דעם נאָמען

פון דעם בכור מנשה, און דעם נאָמען פון דעם צווייטן האָט ער גערופן אֶפרַיִם.

און עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן יאָר פון דער זאַטקייט וואָס איז געווען אין לאַנד מִצרַיִם. און עס האָבן אָנגעהויבן קומען די זיבן הונגעריאָרן, אַזוי ווי יוסף האָט פאָרויסגעזאָגט. און עס איז געווען אַ הונגער אין אַלע לענדער, נאָר אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז געווען ברויט.

און אַז דאָס גאַנצע לאַנד מִצרַיִם האָט אָנגעהויבן הונגערן און דאָס פאָלק האָט געשריִען צו פַּרעהן נאָך ברויט, האָט פַּרעה געזאָגט צו גאַנץ מִצרַיִם: „גייט צו יוספן, וואָס ער וועט אייַך זאָגן – זאָלט איר טאָן!"

און יוסף האָט געעפנט אַלע שפּייַכלערס און האָט פאַרקויפט צו מִצרַיִם.

און דער הונגער איז געווען איבער דער גאַנצער ערד. און פון דער גאַנצער ערד איז מען געקומען קיין מִצרַיִם צו יוספן קויפן תבואה. ווייַל דער הונגער איז געווען שטאַרק אויף דער גאַנצער ערד.

יוספס ברידער קומען קיין מִצרַיִם

און יַעקב האָט געזען אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם און יַעקב האָט געזאָגט צו זייַנע זין:

„אָט האָב איך געהערט אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם. נידערט אַראָפּ אַהין און קויפט אונדז אייַן פון דאָרטן, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן".

האָבן יוספס צען ברידער אַראָפּגענידערט קויפן תבואה פון מִצרַיִם. אָבער בּנימינען, יוספס ברודער, האָט יַעקב ניט מיטגעשיקט. ווײַל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט אים טרעפן אַן אומגליק.

זײַנען געקומען אויך די זין פון יִשׂרָאֵלן אײַנקויפן צווישן די וואָס זײַנען געקומען, ווײַל דער הונגער איז געווען אין לאַנד כּנַעַן. און יוסף איז געווען דער הערשער איבערן לאַנד; ער איז געווען דער וואָס האָט פאַרקויפט צום גאַנצן פאָלק פון לאַנד.

זײַנען געקומען יוספס ברידער און האָבן זיך צו אים גע־בוקט מיטן פּנים צו דער ערד. און יוסף האָט דערזען זײַנע ברידער, און האָט זיי דערקענט, אָבער זיי האָבן אים ניט דער־קענט. און ער האָט זיך געמאַכט פרעמד צו זיי און האָט גערעדט מיט זיי שטרענג, און האָט צו זיי געזאָגט:

—„פון וואַנען קומט איר?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„פון לאַנד כּנַעַן, אײַנצוקויפן שפּײַז".

און יוסף האָט זיך דערמאָנט אין די חלומות, וואָס האָבן זיך אים געחלומט וועגן זיי. און ער האָט צו זיי געזאָגט:

—„אויסקוקערס זײַט איר! צו זען די נאַקעטקײַט פון לאַנד זײַט איר געקומען!"

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

—„ניין, מײַן האַר, נאָר צו קויפן שפּײַז זײַנען געקומען דײַנע קנעכט. מיר אַלע זײַנען זין פון איין מאַן; ערלעכע מענטשן זײַנען מיר; דײַנע קנעכט זײַנען קיין מאָל ניט געווען קיין אויס־קוקערס".

האָט ער צו זיי געזאָגט:

–„ניין, די נאַקעטקייט פון לאַנד זייט איר געקומען זען!"

האָבן זיי געזאָגט:

–„צוועלף ברידער זײַנען מיר, דײַנע קנעכט, זין פון איין מאַן אין לאַנד כּנען, און אָט איז דער ייִנגסטער הײַנט מיט אונדזער פאָטער, און איינער איז ניט געוואָרן".

האָט יוסף צו זיי געזאָגט:

–„דאָס איז דאָך וואָס איך האָב צו אײַך גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויסקוקערס זײַט איר! און דערמיט וועט איר געפּרוווט ווערן: אַזוי ווי פּרעה לעבט–אויב איר וועט פון דאַנען אַרויס־גיין, סײַדן אײַער ייִנגסטער ברודער וועט קומען אַהער! שיקט פון אײַך איינעם, ער זאָל ברענגען אײַער ברודער, און איר זאָלט בלײַבן פאַרשפּאַרט, כּדי אײַערע ווערטער זאָלן אויס־געפּרוווט ווערן, צי דער אֱמת איז מיט אײַך; און אויב ניט–אַזוי ווי פּרעה לעבט, זײַט איר אויסקוקערס!"

און ער האָט זיי גענומען אין וואַך אויף דרײַ טעג.

און יוסף האָט צו זיי געזאָגט אויפן דריטן טאָג:

„טוט אָט וואָס, און איר וועט בלײַבן לעבן, ווײַל איך האָב מוֹרא פאַר גאָט. אויב איר זײַט ערלעכע מענטשן, זאָל איין ברודער אײַערער בלײַבן פאַרשפּאַרט אין וואַכהויז, און איר גייט און ברענגט תּבֿואה פאַר דעם הונגער אין אײַערע הײַזער. און אײַער ייִנגסטן ברודער זאָלט איר ברענגען צו מיר! וועלן אײַערע ווערטער באַווייזן ווערן, און איר וועט ניט שטאַרבן".

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

—„באמת, מיר זײַנען שולדיק ווענן אונדזער ברודער, וואָס מיר האָבן צוגעזען זײַן צַעַר, ווען ער האָט זיך געבעטן בײַ אונדז, און מיר האָבן ניט צוגעהערט. דעריבער איז אויף אונדז געקומען די דאָזיקע צָרה".

און ראובן האָט זיך אָפּגערופן צו זיי, אַזוי צו זאָגן:

—„האָב איך אײַך ניט געזאָגט: פאַרזינדיקט זיך ניט אין דעם ייִנגל?! אָבער איר האָט ניט צוגעהערט. און אָט ווערט זײַן בלוט אויפגעמאָנט!"

און זיי האָבן ניט געוווּסט אַז יוסף פאַרשטייט ווײַל אַ טאָלמעטשער איז געווען צווישן זיי. האָט ער זיך אָפּגעקערט פון זיי און האָט געוויינט. און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי און האָט צו זיי גערעדט. און ער האָט גענומען פון זיי שִמעונען און האָט אים פאַרשפּאַרט פאַר זייערע אויגן.

און יוסף האָט באַפוילן, מע זאָל אָנפילן זייערע זעק מיט תבואה און אומקערן זייער געלט איטלעכן אין זײַן זאַק, און זיי געבן שפּײַז אויפן וועג. און מען האָט מיט זיי אַזוי געטאָן. און זיי האָבן אויפגעלאָדן זייער תבואה אויף די אייזלען און זײַנען אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן.

האָט איינער געעפנט זײַן זאַק צו געבן זײַן אייזל פוטער אין הארבעריק, און האָט דערזען זײַן געלט. האָט ער געזאָגט צו זײַנע ברידער:

—„מען האָט מיר אומגעקערט דאָס געלט, און אָט איז עס אויך אין מײַן זאַק!"

איז זיי אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ און זיי האָבן ציטערנדיק געזאָגט איינער צום אַנדערן:

„וואָס האָט אונדז דאָ גאָט געטאָן?"

יוספֿס ברידער קומען צוריק קיין כּנַען

און זיי זיַינען געקומען צו זייער פֿאָטער יַעקבן אין לאַנד כּנַען, און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפֿן, אַזוי צו זאָגן:

„דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, האָט מיט אונדז גערעדט שטרענג. און ער האָט אונדז געמאַכט פֿאַר אויסקוקערס. האָבן מיר צו אים געזאָגט: ערלעכע מענטשן זיַינען מיר, מיר זיַינען קיין מאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס. צוועלף ברידער זיַינען מיר, זין פֿון אונדזער פֿאָטער. איינער איז ניט געוואָרן, און דער ייִנגסטער איז היַינט מיט אונדזער פֿאָטער אין לאַנד כּנַען. האָט דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, צו אונדז געזאָגט: דערמיט וועל איך וויסן אַז איר זיַיט ערלעכע מענטשן—איין ברודער איַיערן לאָזט איבער ביַי מיר און נעמט גענוג פֿאַר דעם הונגער אין איַיערע היַיזער און גייט. און ברענגט איַיער ייִנגסטן ברודער צו מיר, און איך וועל וויסן אַז איר זיַיט ניט קיין אויסקוקערס, נאָר איר זיַיט ערלעכע מענטשן. וועל איך איַיך אָפּגעבן איַיער ברודער און איר וועט מעגן פֿריַי פֿאַר־קערן אין לאַנד".

און עס איז געווען, ווי זיי ליידיקן אויס זייערע זעק—ערשט, איטלעכנס בינטל געלט איז אין זיַין זאַק! און ווי זיי און זייער

פאָטער האָבן דערזען זייערע בינטלעך געלט, אַזוי האָבן זיי מורא געקראָגן.

און זייער פאָטער יַעקב האָט צו זיי געזאָגט:

„איר האָט מיך באַרויבט פון מײַנע קינדער! יוסף איז ניטאָ, און שמעון איז ניטאָ, און בנימינען ווילט איר צונעמען! דאָס אַלץ גייט דאָך אויס צו מיר!"

האָט ראובן געזאָגט צו זײַן פאָטער אַזוי צו זאָגן:

—„מײַנע בײדע זין זאָלסטו טייטן, אויב איך וועל דיר אים ניט צוריקברענגען. גיב אים אויף מײַן האַנט, און איך וועל אים אומקערן צו דיר".

האָט יַעקב געזאָגט:

—„מײַן זון וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אײַך, ווײַל זײַן ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן, און אַז אים וועט טרעפן אַן אומגליק אויף דעם וועג וואָס איר וועט גיין דערויף, וועט איר מאַכן, אַז מײַנע גראָע האָר וועלן נידערן מיט טרויער אין קֶבר".

און דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. און עס איז געווען, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן די תּבואה, וואָס זיי האָבן גע־בראַכט פון מִצרַיִם, האָט זייער פאָטער צו זיי געזאָגט:

—„גייט ווידער, קויפט אונדז אַ ביסל שפּײַז!"

האָט יהודה געזאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן:

—„וואָרענען האָט אונדז געוואָרנט דער מאַן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט מײַן פּנים ניט זען, אויב אײַער ברודער איז ניט מיט אײַך. אויב דו שיקסט אונדזער ברודער מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, און וועלן דיר אײַנקויפן שפּײַז. אויב אָבער דו

שיקסט ניט, ווען מיר ניט אַראָפּנידערן, ווײַל דער מאַן האָט אונדז אָנגעזאָגט: איר זאָלט מײַן פּנים ניט זען, אויב אײַער ברודער איז ניט מיט אײַך!"

האָט יִשׂרָאֵל געזאָגט:

—„נאָך וואָס האָט איר מיר געטאָן די רָעה, און געזאָגט דעם מאַן, אַז איר האָט נאָך אַ ברודער?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„דער מאַן האָט זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגן אונדז און וועגן אונדזער מִשפָּחה, אַזוי צו זאָגן: לעבט נאָך אײַער פאָטער? האָט איר נאָך אַ ברודער? האָבן מיר אים דערציילט. זאָלן מיר גאָר וויסן, אַז ער וועט זאָגן: ,ברענגט אַראָפּ אײַער ברודער'!?"

און יהודה האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער יִשׂרָאֵל:

—„שיק דעם יִינגל מיט מיר, און מיר וועלן אויפשטיין און וועלן גיין, כְּדֵי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, אי מיר, אי דו, אי אונדזערע קליינע קינדער. איך בין עָרֵב פאַר אים. פון מײַן האַנט זאָלסטו אים מאָנען! אויב איך וועל דיר אים ניט ברענגען און אים אַוועקשטעלן פאַר דיר, זאָל איך זײַן אַ פאַר־זינדיקטער צו דיר אַלע טעג. ווײַל אַז מיר וואָלטן זיך ניט אויפגעהאַלטן, וואָלטן מיר שוין איצט זיך געהאַט אומגעקערט צום צווייטן מאָל".

האָט זייער פאָטער יִשׂרָאֵל צו זיי געזאָגט:

„אויב שוין יאָ אַזוי, טוט אָט וואָס: נעמט פון די בעסטע פּרוכטן פון לאַנד אין אײַערע כֵּלים, און ברענגט אַראָפּ צו דעם מאַן אַ מַתָּנה, אַ ביסל באַלזאַם, און אַ ביסל האָניק, גע־

ווירץ, ניס און מאַנדלען. און טאָפּל געלט נעמט מיט אין אײַער האַנט; דאָס געלט וואָס איז אומגעקערט געוואָרן אין אײַערע זעק, זאָלט איר אומקערן מיט אײַער האַנט. אֶפשר איז דאָס געווען אַ פאַרזען. און נעמט אײַער ברודער און שטייט אויף, גייט ווידער צו דעם מאַן. און גאָט זאָל געבן דער מאַן זאָל זיך דערבאַרעמען און זאָל אַוועקלאָזן אײַער אַנדער ברודער און בּנימינען; און איך, אויב איך מוז אָנווערן מײַנע קינדער — וועל איך אָנווערן".

די ברידער צום צווייטן מאָל אין מִצרַיִם

האָבן די מענער גענומען די מתּנה און טאָפּל געלט האָבן זיי מיטגענומען אין זייער האַנט, און בּנימינען. און זיי זײַנען אויפגעשטאַנען און האָבן געניִדערט קיין מִצרַיִם און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר יוספֿן.

און ווי יוסף האָט דערזען בּנימינען מיט זיי, אַזוי האָט ער געזאָגט צו דעם וואָס איז איבער זײַן הויז: „ברענג אַרײַן די מענטשן אין הויז, ווײַל די מענטשן וועלן עסן מיט מיר מיטאָג".

האָט דער מענטש געטאָן אַזוי ווי יוסף האָט געהייסן; און דער מענטש האָט אַרײַנגעבראַכט די מענער אין יוספֿס הויז.

און די מענער האָבן מורא געהאַט, ווײַל מען האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אין יוספֿס הויז, און זיי האָבן געזאָגט:

„איבער דעם געלט וואָס מען האָט אומגעקערט אין אונדזערע זעק דאָס ערשטע מאָל, ווערן מיר אַרײַנגעבראַכט,

כּדי זיך אַרויפצוּוואַרפן אויף אונדז און אָנפאַלן אויף אונדז און אונדז נעמען פאַר קנעכט מיט אונדזערע אייזלען".

האָבן זיי זיך גענענטערט צו דעם מענטש וואָס איבער יוספס הויז און האָבן גערעדט צו אים אין אײַנגאַנג פון הויז און זיי האָבן געזאָגט:

„איך בעט דיך, מײַן האַר, מיר האָבן אַראָפּגענידערט דאָס ערשטע מאָל צו קויפן שפּײַז. און עס איז געווען, אַז מיר זײַנען געקומען צום אָפּרו־אָרט און האָבן געעפנט אונדזערע זעק, ערשט–איטלעכנס געלט איז אין זײַן זאַק. האָבן מיר עס צוריקגעבראַכט אין אונדזער האַנט. און נאָך אַנדער געלט האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט, צו קויפן שפּײַז. מיר ווייסן ניט ווער עס האָט אַרײַנגעלייגט אונדזער געלט אין אונדזערע זעק".

האָט ער געזאָגט:

„פריד צו אײַך! איר זאָלט ניט מורא האָבן! אײַער גאָט און דער גאָט פון אײַער פאָטער האָט אײַך געשאָנקען אַן אוצר אין אײַערע זעק. אײַער געלט איז מיר אַרײַנגעקומען". און ער האָט אַרויסגעבראַכט צו זיי שמעונען.

און דער מענטש האָט אַרײַנגעבראַכט די מענער אין יוספס הויז, און ער האָט געגעבן וואַסער און זיי האָבן געוואַשן זייערע פיס. און ער האָט געגעבן פוטער פאַר זייערע אייזלען. און זיי האָבן צוגעגרייט די מתּנה, איידער יוסף וועט קומען מיטאָג־צײַט, ווײַל זיי האָבן געהערט אַז דאָרטן וועלן זיי עסן ברויט.

און ווי יוסף איז געקומען אין הויז, אַזוי האָבן זיי אַרײַנגע־בראַכט צו אים די מתּנה וואָס אין זייער האַנט, און זיי האָבן

זיך געבוקט פאַר אים צו דער ערד. און ער האָט זיי געפרעגט און ער האָט צו זיי געזאָגט:

—„איז פריד צו אײַער אַלטן פאָטער, וואָס איר האָט פון אים דערציילט? לעבט ער נאָך?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„פריד איז צו דײַן קנעכט, אונדזער פאָטער. ער לעבט נאָך". און זיי האָבן זיך גענייגט און זיך געבוקט.

האָט ער אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען זײַן ברודער בִנְיָמינען, זײַן מוטערס זון, און ער האָט געזאָגט:

„איז דאָס אײַער ייִנגסטער ברודער, וואָס איר האָט מיר פון אים דערציילט?" און ער האָט געזאָגט: „זאָל גאָט זײַן דער־באַרעמדיק צו דיר, מײַן זון".

און יוסף האָט זיך געאײַלט, ווײַל זײַן האַרץ האָט אים פאַר־קלעמט אויף זײַן ברודער, און יוסף האָט זיך געוואָלט פונאַנ־דערוויינען. איז ער אַרײַן אין קאַמער און האָט דאָרטן געוויינט. און ער האָט אָפּגעוואַשן זיין פּנים און איז אַרויסגע־גאַנגען. און ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און האָט געזאָגט:

„לייגט ברויט!"

האָט מען געלייגט פאַר אים באַזונדער און פאַר זיי באַ־זונדער, און פאַר די מִצרים וואָס האָבן געגעסן בײַ אים באַזונדער, ווײַל די מִצרִים עסן ניט ברויט מיט די עִברים.

און מען האָט זיי אויסגעזעצט פאַר אים נאָך זייער עלטער. און די מענער האָבן זיך געוואונדערט. און ער האָט זיי געהייסן

צוטראָגן חֲלָקים פֿאַר זיי, און בִנָמינס חֵלֶק איז געווען פינף מאָל אזוי פיל ווי די חֲלָקים פֿאַר די אַנדערע. און זיי האָבן געטרונקען און זײַנען געווען פריילעך מיט אים.

און ער האָט באַפוילן דעם וואָס איבער זײַן הויז אַזוי צו זאָגן:

„פיל אָן די זעק פון די מענטשן מיט שפּײַז וויפל זיי קאָנען טראָגן, און לייג אַרײַן איטלעכנס געלט אין זײַן זאַק. און מײַן בעכער, דעם זילבערנעם בעכער, זאָלסטו אַרײַנלייגן אין זאַק פון דעם ייִנגסטן, צוזאַמען מיט דעם געלט פאַר זײַן תּבואה".

און יענער האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט וואָס יוסף האָט גערעדט.

ווי דער מאָרגן האָט אויפגעלײַכט, אַזוי האָט מען די מענער אַוועקגעשיקט, זיי און זייערע אייזלען. זיי זײַנען נאָר וואָס אַרויס פון שטאָט, נאָך ניט געווען ווײַט אַוועק — אַזוי האָט יוסף געזאָגט צו דעם וואָס איבער זײַן הויז:

„שטיי אויף, יאָג נאָך די מענטשן, און אַז דו וועסט זיי אָניאָגן, זאָלסטו זאָגן צו זיי: פאַר וואָס האָט איר אָפּגעצאָלט אַ רָעה פאַר אַ טובה? דאָס איז דאָך דער בעכער וואָס מײַן האַר טרינקט פון אים, און צויבערן צויבערט ער מיט אים. איר האָט שלעכט געטאָן!"

און ער האָט זיי אָנגעיאָגט און האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע ווערטער.

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

„פאַר וואָס רעדט מײַן האַר אַזעלכע ווערטער? באַהיט זאָלן ווערן דײַנע קנעכט פון טאָן אַזאַ זאַך! זע, דאָס געלט,

וואָס מיר האָבן געפֿונען אין אונדזערע זעק, האָבן מיר דיר אומגעקערט פֿון לאַנד כּנען — הײַנט ווי וועלן מיר גנבֿען פֿון דײַן האַרס הויז זילבער אָדער גאָלד? דער פֿון דײַנע קנעכט וואָס דער בעכער וועט בײַ אים געפֿונען ווערן — זאָל שטאַרבן, און אויך מיר וועלן זײַן קנעכט צו דײַן האַר!"

האָט ער געזאָגט:

„הגם עס האָט איצט געדאַרפֿט זײַן אַזוי ווי אײַערע ווער־טער, זאָל נאָר דער וואָס וועט בײַ אים געפֿונען ווערן דער בעכער זײַן אַ קנעכט צו מיר, און איר וועט זײַן ריין!"

האָבן זיי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איטלעכער זײַן זאַק אויף דער ערד, און זיי האָבן געעפֿנט איטלעכער זײַן זאַק. און ער האָט געזוכט. מיטן עלטסטן האָט ער אָנגעהויבן און מיטן יינגסטן האָט ער געענדיקט. און דער בעכער איז געפֿונען גע־וואָרן אין בנימינס זאַק!

האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און איטלעכער האָט אויפֿגעלאָדן זײַן אייזל, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט. און יהודה איז געקומען מיט זײַנע ברידער אין יוספֿס הויז; און ער איז נאָך דאָרטן געווען. און זיי זײַנען געפֿאַלן פֿאַר אים צו דער ערד.

האָט יוסף צו זיי געזאָגט:

— „וואָס האָט איר געטאָן? האָט איר ניט געוואוסט אַז צויבערן טוט צויבערן אַזאַ מאַן ווי איך?"

האָט יהודה געזאָגט:

— „וואָס זאָלן מיר זאָגן צו מײַן האַר? וואָס זאָלן מיר ריידן און וואָס זאָלן מיר זיך פֿאַרענטפֿערן? גאָט האָט געפֿונען די

זינד פון דײַנע קנעכט! אָט זײַנען מיר קנעכט צו מײַן האַר, אי מיר, אי דער וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זײַן האַנט!"

האָט ער געזאָגט:

–„חלילה, איך זאָל טאָן אַזוינס! דער וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זײַן האַנט – ער זאָל זײַן אַ קנעכט צו מיר, און איר גייט אײַך בשָלום צו אײַער פאָטער".

יוסף דערקענט זיך צו זײַנע ברידער

האָט יהודה זיך גענענטערט צו אים, און האָט געזאָגט:

–„איך בעט דיך, מײַן האַר, זאָל אַקאָרשט דײַן קנעכט ריידן אַ וואָרט אין די אויערן פון מײַן האַר, און זאָל דײַן צאָרן ניט ברענען אויף דײַן קנעכט, ווײַל דו ביסט אַזוי ווי פּרעה.

„מײַן האַר האָט געפרעגט זײַנע קנעכט אַזוי צו זאָגן: האָט איר אַ פאָטער, אַ ברודער? און מיר האָבן געזאָגט צו מײַן האַר: מיר האָבן אַן אַלטן פאָטער און אַ קליינעם בֶּןזקונים, וואָס זײַן ברודער איז טויט און ער אַליין איז געבליבן פון זײַן מוטער, און זײַן פאָטער האָט אים ליב. האָסטו געזאָגט צו דײַנע קנעכט: ברענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל אויף אים אַ קוק טאָן מיט מײַנע אויגן. האָבן מיר געזאָגט צו מײַן האַר: דער ייִנגל קען ניט פאַרלאָזן זײַן פאָטער, ווײַל אַז ער וועט פאַרלאָזן זײַן פאָטער, וועט דער פאָטער שטאַרבן. האָסטו געזאָגט צו דײַנע קנעכט: אויב אײַער ייִנגסטער ברודער וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אײַך, זאָלט איר מער מײַן פּנים ניט זען.

„און עס איז געווען, אַז מיר זײַנען אַרױפֿגעקומען צו דײַן קנעכט, אונדזער פֿאָטער, האָבן מיר אים דערצײלט די װערטער פֿון אונדזער האַר. און אַז אונדזער פֿאָטער האָט געזאָגט: גײט װידער קױפֿט אונדז אַ ביסל שפּײַז, האָבן מיר געזאָגט: מיר קענען ניט אַראָפּנידערן, װײַל מיר קענען ניט זען דעם מאַנס פּנים, סײַדן אונדזער ייִנגסטער ברודער איז מיט אונדז. האָט דײַן קנעכט, אונדזער פֿאָטער, צו אונדז געזאָגט: איר װײסט אַז צװײ האָט מיר מײַן װײַב געבאָרן און אײנער איז אַװעקגעגאַנגען פֿון מיר, און איך האָב געזאָגט: פֿאַרצוקן איז ער פֿאַרצוקט געװאָרן, און איך האָב אים ניט געזען ביז איצט. און אַז איר װעט צונעמען אױך דעם דאָזיקן פֿון מיר און עס װעט טרעפֿן מיט אים אַן אומגליק, װעט איר מאַכן, אַז מײַנע גראָע האָר װעלן נידערן מיט טרויער אין קבֿר.

„און איצט אַז איך װעל קומען צו דײַן קנעכט, מײַן פֿאָטער, און דער ייִנגל איז מיט אונדז ניטאָ, איז װי ער װעט זען אַז דער ייִנגל איז ניטאָ — אַזױ װעט ער שטאַרבן; און דײַנע קנעכט װעלן מאַכן, אַז די גראָע האָר פֿון אונדזער פֿאָטער װעלן נידערן מיט טרויער אין קבֿר.

„דײַן קנעכט איז עָרבֿ געװען פֿאַר דעם ייִנגל. און איצט, איך בעט דיך, זאָל דײַן קנעכט בלײַבן אָנשטאָט דעם ייִנגל אַ קנעכט צו מײַן האַר, און דער ייִנגל זאָל אַרױפֿגײן מיט זײַנע ברידער, װײַל װי קען איך אַרױפֿגײן צו מײַן פֿאָטער, אַז דער ייִנגל איז ניט מיט מיר? איך װעל חלילה צוזען דאָס בײז װאָס װעט טרעפֿן מײַן פֿאָטער!"

און יוסף האָט זיך מער ניט געקענט אײַנהאַלטן און ער האָט אויסגערופן:

„פירט אַרויס אַלע מענטשן פון מיר!"

און קיין מענטש איז ניט געשטאַנען לעבן אים, ווען יוסף האָט זיך דערקענט צו זײַנע ברידער. און ער האָט אַרויסגעלאָזט זײַן קָול אין געוויין און יוסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער:

„איך בין יוסף! לעבט נאָך מײַן פאָטער?"

און זײַנע ברידער האָבן אים ניט געקענט ענטפערן, ווײַל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים.

האָט יוסף געזאָגט צו זײַנע ברידער:

—„קומט צו נאָענט צו מיר, איך בעט אײַך!"

זײַנען זיי צוגעקומען נאָענט צו אים און ער האָט געזאָגט:

—„איך בין אײַער ברודער יוסף, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט קיין מִצרַיִם. און איצט זאָלט איר זיך ניט קלעמען, און זאָל אײַך ניט פאַרדריסן אין אײַערע אויגן, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט אַהער, ווײַל צו דערהאַלטן לעבנס האָט מיך גאָט געשיקט פאַר אײַך פאָרויס. ווײַל עס איז שוין צוויי יאָר, אַז דער הונגער איז אין לאַנד, און נאָך פינף יאָר וועלן ניט זײַן קיין אַקער און קיין שניט.

„און—ניט איר האָט מיך אַהער געשיקט, נאָר גאָט. און ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פאָטער צו פַּרעהן, און פאַר אַ האַר איבער זײַן גאַנצן הויז, און פאַר אַ הערשער איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

„אײַלט זיך און גײט אַרויף צו מײַן פֿאָטער און איר זאָלט אים זאָגן:

„אַזוי האָט געזאָגט דײַן זון יוסף: גאָט האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ האַר איבער גאַנץ מִצרַיִם. נידער אַראָפּ צו מיר, זאָלסט זיך ניט אויפֿהאַלטן. און דו וועסט זיצן אין לאַנד גושֶן, און דו וועסט זײַן נאָענט צו מיר, דו און דײַנע קינדער, און דײַנע קינדערס קינדער, און אַלץ וואָס דו האָסט. און איך וועל דיך דאָרטן אויסהאַלטן, כּדי דו זאָלסט ניט אומקומען, דו און דײַן הויזגעזינד און אַלץ וואָס דו האָסט, ווײַל נאָך פֿינף יאָר וועט זײַן דער הונגער.

„און אָט זעען אײַערע אויגן און די אויגן פֿון מײַן ברודער בִּנְיָמין, אַז מײַן מויל רעדט צו אײַך. און איר זאָלט דערציילן מײַן פֿאָטער מײַן גאַנצן כָּבוד אין מִצרַיִם, און אַלץ וואָס איר האָט געזען, און איר זאָלט זיך אײַלן און אַראָפּברענגען מײַן פֿאָטער אַהער!"

און ער איז געפֿאַלן אויפֿן האַלדז פֿון זײַן ברודער בִּנְיָמין און האָט געוויינט, און בִּנְיָמין האָט געוויינט אויף זײַן האַלדז. און ער האָט געקושט אַלע זײַנע ברידער און האָט געוויינט אויף זיי. און דערנאָך האָבן זײַנע ברידער גערעדט מיט אים.

און יוסף האָט זיי געגעבן וועגענער פֿאַר די קליינע קינדער און פֿאַר די ווײַבער, און ער האָט זיי געגעבן שפּײַז אויפֿן וועג. ער האָט געגעבן קליידער פֿאַר איטלעכן, און בִּנְיָמינען האָט ער געגעבן דרײַ הונדערט זילבערשטיק און פֿינף מאָל אַזוי פֿיל קליידער. און צו זײַן פֿאָטער האָט ער געשיקט צען אייזלען,

באַלאָדן מיטן בעסטן פון מִצרַיִם, און צען אייזעלינס, באַלאָדן מיט תּבואה און ברויט, און שפּײַז פֿאַר זײַן פֿאָטער אויפֿן וועג.

און ער האָט זיי אָנגעזאָגט:

„איר זאָלט זיך ניט קריגן אויפֿן וועג!"

און ער האָט אַוועקגעשיקט זײַנע ברידער און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

און זיי זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם און זײַנען געקומען אין לאַנד כּנַעַן צו זייער פֿאָטער יַעקבֿן. און זיי האָבן אים דערציילט אַזוי צו זאָגן: „יוסף לעבט נאָך! און ער הערשט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם". איז יַעקבֿס האַרץ פֿאַרקילט געוואָרן, ווײַל ער האָט זיי ניט געגלויבט. האָבן זיי אים דערציילט אַלע ווערטער פֿון יוספֿן, וואָס ער האָט צו זיי גערעדט, און ער האָט געזען די וועגענער וואָס יוסף האָט געשיקט אים צו פֿירן. און דער גײַסט פֿון זייער פֿאָטער יַעקבֿן האָט אָפּגעלעבט. און יִשׂרָאֵל האָט געזאָגט:

„גענוג! מײַן זון יוסף לעבט נאָך! איך וועל גיין און וועל אים זען איידער איך שטאַרבּ!"

יַעקבֿ קומט קיין מִצרַיִם

און יִשׂרָאֵל האָט אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און איז געקומען קיין בּאֵר־שֶׁבַע, און ער האָט געבראַכט אַ קָרבּן צום גאָט פֿון זײַן פֿאָטער יִצחָק. און גאָט האָט גערעדט צו יִשׂרָאֵלן אין זעאונגען פֿון דער נאַכט און האָט געזאָגט:

—„יַעקבֿ, יַעקבֿ!"

האָט ער געזאָגט:

—„דאָ בין איך!"

האָט ער געזאָגט:

—„איך בין גאָט, דער גאָט פון דײַן פאָטער; זאָלסט ניט מורא האָבן אַראָפּצונידערן קיין מִצרַיִם, ווײַל פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך דיך דאָרטן מאַכן. איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר קיין מִצרַיִם, און אויך אַרויפברענגען וועל איך דיך אַרויפברענגען".

און יַעקב איז אויפגעשטאַנען פון באֵר־שֶבַע, און די קינדער פון ישׂרָאֵל האָבן געפירט זייער פאָטער יַעקבן, און זייערע קליינע קינדער, און זייערע ווײַבער אויף די וועגענער וואָס יוסף האָט געשיקט. און זיי האָבן גענומען זייער פי און זייער פאַרמעגן וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן אין לאַנד כּנַעַן, און זיי זײַנען געקומען קיין מִצרַיִם, יַעקב און אַלע זײַנע קינדער מיט אים.

אַלע נפָשות פון יַעקבן וואָס זײַנען געקומען קיין מִצרַיִם זײַנען געווען זעקס און זעכציק. און יוספס זין, וואָס זײַנען געבאָרן אין מִצרַיִם זײַנען צוויי. אַזוי זײַנען אַלע נפָשות פון יַעקבס הויז אין מִצרַיִם געווען זיבעציק*.

און יהודהן האָט ער געשיקט פאָרויס פאַר זיך, צו יוספן, צו ווײַזן דעם וועג קיין גוֹשֶן; און זיי זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד גוֹשֶן.

און יוסף האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן רײַטוואָגן און איז אַרויס־

*זעקס און זעכציק און די צוויי זין פון יוספן און יוסף אַליין, און יַעקב — אַלע צוזאַמען זיבעציק.

געפֿאָרן אַנטקעגן זײַן פֿאָטער יִשׂרָאֵל קיין גושֶן. און ווי ער האָט זיך געוויזן פֿאַר אים, איז ער אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און ער האָט לאַנג געוויינט.

און יִשׂרָאֵל האָט געזאָגט צו יוספֿן:

„איצט מעג איך שוין שטאַרבן, נאָך דעם ווי איך האָב געזען אַז דו לעבסט נאָך".

יַעקב פֿאַר פַּרעהן

און יוסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער און צו זײַן פֿאָטערס הויזגעזינד:

„איך וועל אַרויפֿגיין און וועל דערציילן פַּרעהן, און איך וועל אים זאָגן: מײַנע ברידער און מײַן פֿאָטערס הויזגעזינד, וואָס זײַנען געווען אין לאַנד כּנַען, זײַנען געקומען צו מיר. און די מענטשן זײַנען פֿאַסטעכער פֿון שאָף. און זייערע שאָף און זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן — האָבן זיי מיטגע־בראַכט. און עס וועט זײַן אַז פַּרעה וועט אײַך רופֿן און וועט זאָגן: ,וואָס איז אײַער טאָן?' זאָלט איר זאָגן: ,פֿאַסטעכער פֿון שאָף זײַנען דײַנע קנעכט פֿון אונדזער יוגנט אָן און ביז איצט, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן' — כּדי איר זאָלט זיצן אין לאַנד גושֶן, ווײַל די מִצרים מיאוסן זיך מיט יעטוועדער פֿאַסטעך פֿון שאָף".

און יוסף איז געקומען און האָט דערציילט פַּרעהן און האָט געזאָגט:

„מײַן פֿאָטער און מײַנע ברידער, מיט זייערע שאָף און

מיט זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן, זײַנען געקומען פֿון לאַנד כּנַעַן, און זיי זײַנען אין לאַנד גושֶן״.

און פֿון צווישן זײַנע ברידער האָט ער גענומען פֿינף מאַן, און האָט זיי געשטעלט פֿאַר פּרעהן.

האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿס ברידער:

—„וואָס איז אײַער טאָן?״

האָבן זיי געזאָגט צו פּרעהן:

—„פּאַסטעכער פֿון שאָף זײַנען דײַנע קנעכט, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן. צו וווינען אין לאַנד זײַנען מיר געקומען, ווײַל עס איז ניטאָ קיין פֿוטער פֿאַר די שאָף פֿון דײַנע קנעכט, ווײַל דער הונגער איז שווער אין לאַנד כּנַעַן, און איצט בעטן מיר דיך, לאָז דײַנע קנעכט זיצן אין לאַנד גושֶן״.

האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן אַזוי צו זאָגן:

—„דײַן פֿאָטער און דײַנע ברידער זײַנען געקומען צו דיר; דאָס לאַנד מִצרַיִם ליגט פֿאַר דיר, אין בעסטן טייל פֿון לאַנד באַזעץ דײַן פֿאָטער און דײַנע ברידער. זאָלן זיי זיצן אין לאַנד גושֶן. און אויב דו ווייסט אַז צווישן זיי זײַנען דאָ טויגלעכע מענטשן, זאָלסטו זיי מאַכן פֿאַר איבערלײַט איבער די שאָף וואָס איך האָב״.

און יוסף האָט געבראַכט זײַן פֿאָטער יַעקבֿ, און ער האָט אים געשטעלט פֿאַר פּרעהן און יַעקבֿ האָט געבענטשט פּרעהן.

און פּרעה האָט געזאָגט צו יַעקבֿן:

—„וויפֿל זײַנען די טעג פֿון די יאָרן פֿון דײַן לעבן?״

האָט יַעקבֿ געזאָגט צו פּרעהן:

—„די טעג פֿון די יאָרן פֿון מײַן וואַנדערן זײַנען הונדערט

און דרײַסיק יאָר. װינציק און שלעכט זײַנען די טעג פֿון די יאָרן פֿון מײַן לעבן, און זײ קומען ניט צו די טעג פֿון די יאָרן פֿון מײַנע עלטערנס לעבן, און די טעג פֿון זײער װאַנדערן".

און יַעקבֿ האָט געבענטשט פַּרעהן, און איז אַרױסגעגאַנגען פֿון פַּרעהן.

און יוֹסף האָט באַזעצט זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, און ער האָט זײ געגעבן אײגנטום אין לאַנד מִצרַיִם, אין בעסטן טײל פֿון לאַנד, אַזױ װי פַּרעה האָט געהײסן. און יוֹסף האָט אױסגע־האַלטן זײַן פֿאָטער און זײַנע ברידער, און דאָס גאַנצע הױז פֿון זײַן פֿאָטער, מיט ברױט.

און יִשׂרָאֵל איז געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין לאַנד גוֹשֶׁן; און זײ האָבן זיך דאָרטן אײַנגעפֿעסטיקט, און זײ האָבן זיך זײער און זײער געמערט.

יַעקבֿס טױט

און יַעקבֿ האָט געלעבט אין לאַנד מִצרַיִם זיבעצן יאָר.

און אַז די טעג פֿון יִשׂרָאֵלן האָבן זיך גענענטערט צום שטאַרבן, האָט ער גערופֿן זײַן זון יוֹספֿן און האָט צו אים געזאָגט:

— „איך בעט דיך, אויב איך האָב געפֿונען חֵן אין דײַנע אױגן, זאָלסטו טאָן מיט מיר אַ חֶסֶד און אַ טרײַשאַפֿט. זאָלסט מיך, איך בעט דיך, ניט באַגראָבן אין מִצרַיִם! אַז איך װעל זיך לײגן צו מײַנע עלטערן, זאָלסטו מיך אַװעקטראָגן פֿון מִצרַיִם און מיך באַגראָבן אין זײער קֶבֿר . . . און איך, אַז

איך בין געקומען פון פּדן, איז מיר געשטאָרבן רָחל אין לאַנד כּנַעַן אין מיטן וועג, ווען עס איז נאָך געווען אַ שטיק וועג צו קומען קיין אֶפְרָת. און איך האָב זי דאָרטן באַגראָבן, אויפן וועג קיין אֶפְרָת, דאָס איז בֵּית־לֶחֶם".

האָט יוסף געזאָגט: „איך וועל טאָן אַזוי ווי דײַן וואָרט".

האָט יַעקב געזאָגט: „שווער מיר!"

און יוסף האָט אים געשוואָרן.

און יַעקב האָט גערופן זײַנע זין און האָט געזאָגט: „זאַמלט זיך צונויף, קלײַבט זיך אויף און הערט, קינדער פון יַעקב, און הערכט צו אײַער פאָטער יִשׂרָאֵל!"

און זייער פאָטער האָט צו זיי גערעדט און זיי געבענטשט, איטלעכן נאָך זײַן בְּרָכה נאָך האָט ער זיי געבענטשט.

און ער האָט זיי באַפוילן און זיי אָנגעזאָגט: „איך וועל אײַך געזאַמלט צו מײַן פאָלק. באַגראָבט מיך לעבן מײַנע עלטערן, אין דער הייל וואָס איז אין דעם פעלד פון מַכְפֵּלָה, וואָס אַבְרָהָם האָט אָפּגעקויפט פון עפרוֹן דעם חִתּי ווי אַן אייגנטום פאַר קבָרים. דאָרטן האָט מען באַגראָבן אַבְרָהָמען און זײַן ווײַב שָׂרהן, דאָרטן האָט מען באַגראָבן יִצחָקן און זײַן ווײַב רבקהן, און דאָרטן האָב איך באַגראָבן לֵאהן".

און יוסף האָט גענומען מיט זיך זײַנע צוויי זין, מנַשהן און אֶפְרַיִמען. און יִשׂרָאֵל האָט אויסגעשטרעקט זײַן רעכטע האַנט און אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון אֶפְרַיִמען וואָס איז געווען דער ייִנגערער, און זײַן לינקע האַנט אויפן קאָפּ פון מנַשהן וואָס איז געווען דער בְּכוֹר. און יוסף האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער: „ניט אַזוי, מײַן פאָטער, ווײַל דער איז דער בְּכוֹר; לייג אַרויף

די רעכטע האַנט אויף זײַן קאָפּ". אָבער זײַן פֿאָטער האָט ניט געוואָלט און האָט געזאָגט: „איך ווייס, מײַן זון, איך ווייס!" ער וועט אויך זײַן גרויס, אָבער זײַן ייִנגערער ברודער וועט זײַן גרעסער פֿון אים!"

און ער האָט זיי געבענטשט אין יענעם טאָג.

און אַז יַעקב האָט געענדיקט די רייד צו זײַנע זין, האָט ער אַרײַנגענומען זײַנע פֿיס אין בעט און איז פֿאַרגאַנגען, און איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק.

און די טעג פֿון יַעקבן, די יאָרן פֿון זײַן לעבן, זײַנען געווען–הונדערט און זיבן און פֿערציק יאָר.

און יוסף איז געפֿאַלן אויף זײַן פֿאָטערס פּנים און ער האָט געוויינט איבער אים און האָט אים געקושט. און יוסף האָט באַפֿוילן זײַנע קנעכט די רופֿאים אײַנצובאַלזאַמירן זײַן פֿאָטער. און די רופֿאים האָבן אײַנגעבאַלזאַמירט יִשׂרָאֵלן.

און אַז די טעג פֿון באַוויינען זײַנען אַריבער, האָט יוסף גערעדט צו פּרעהן אַזוי צו זאָגן: „מײַן פֿאָטער האָט מיך באַשוואָרן–זע, איך שטאַרב. אין דעם קֶבר וואָס איך האָב געגראָבן אין לאַנד כּנַעַן, דאָרטן זאָלסטו מיך באַגראָבן. טאָ לאָז מיך איצט אַרויפֿגיין, איך בעט דיך, און באַגראָבן מײַן פֿאָטער און זיך אומקערן!"

האָט פּרעה געזאָגט: „גיי אַרויף און באַגראָב דײַן פֿאָטער, אַזוי ווי ער האָט דיך באַשוואָרן".

איז יוסף אַרויפֿגעגאַנגען צו באַגראָבן זײַן פֿאָטער, און מיט אים זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אַלע קנעכט פֿון פּרעהן, די עלטסטע פֿון זײַן הויז, און אַלע עלטסטע פֿון לאַנד מִצרַיִם. און דאָס

גאַנצע הויזגעזינד פון יוספן, און זײַנע ברידער, און זײַן פאָטערס הויזגעזינד; בלויז זייערע קליינע קינדער און די שאָף און רינדער האָבן זיי איבערגעלאָזן אין לאַנד גושן.

און זײַנע זין האָבן געטאָן אַזוי ווי ער האָט זיי באַפוילן. זײַנע זין האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין לאַנד כּנען און אים באַגראָבן אין דער הייל פון דעם פעלד פון מַכפֵּלָה, וואָס אַבְרָהָם האָט אָפּגעקויפט פון עפרון דעם חִתּי ווי אַן אייגנטום פאַר קבָרים.

יוספס צוָואָה

און יוסף האָט זיך אומגעקערט קיין מִצְרַיִם, נאָך דעם ווי ער האָט באַגראָבן זײַן פאָטער, ער און זײַנע ברידער און אַלע וואָס זײַנען אַרויפגעגאַנגען מיט אים צו באַגראָבן זײַן פאָטער.

און ווי יוספס ברידער האָבן געזען אַז זייער פאָטער איז טויט, אַזוי האָבן זיי געזאָגט: „אֶפשר וועט יוסף טראָגן קעגן אונדז אַ שִׂנאה און וועט אונדז אומקערן אַל דאָס שלעכטס וואָס מיר האָבן אים געטאָן". און זיי האָבן געשיקט זאָגן יוספן: „דײַן פאָטער האָט באַפוילן פאַר זײַן טויט אַזוי צו זאָגן:–

„,אַזוי זאָלט איר זאָגן צו יוספן: פאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פאַרברעכן פון דײַנע ברידער און זייער חֵטא וואָס זיי האָבן דיר שלעכטס געטאָן'".

און זײַנע ברידער זײַנען אויך געגאַנגען און זײַנען אַנידער־געפאַלן פאַר אים און האָבן געזאָגט: „זע, מיר זײַנען דײַנע קנעכט!"

האָט יוסף צו זיי געזאָגט: „איר זאָלט ניט מורא האָבן. איר האָט געמיינט אַ רָעה פֿאַר מיר אָבער גאָט האָט געמיינט אַ טובֿה, כּדי צו מאַכן אַזוי ווי עס איז אַרויסגעקומען איצט, צו דערהאַלטן בײַם לעבן אַ פֿאָלק. און איר זאָלט איצט ניט מורא האָבן – איך וועל אויסהאַלטן אײַך און אײַערע געזינדן״.
און ער האָט זיי געטרייסט און גערעדט צום האַרצן.

און יוסף איז געבליבן אין מִצרַיִם, ער און זײַן פֿאָטערס הויזגעזינד. און יוסף האָט געלעבט הונדערט און צען יאָר.
און יוסף האָט געזען אוראייניקלעך.

און יוסף האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער:
„איך שטאַרבּ, אָבער דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך, און ער וועט אײַך אַרויסברענגען פֿון דעם היגן לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרן אַבֿרָהָמען, יִצחָקן און יַעקבֿן. איז ווען דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך, זאָלט איר אַרויפֿברענגען מײַנע ביינער פֿון דאַנען״.

און יוסף איז געשטאָרבן צו הונדערט און צען יאָר. און מען האָט אים אײַנגעבאַלזאַמירט, און מען האָט אים אַרײַנגעלייגט אין אַן אָרון אין מִצרַיִם.

ז. די קינדער פון יִשׂרָאֵל ווערן קנעכט אין מִצרַיִם

עס איז אויפגעשטאַנען אַ נײַער פַּרעה

איז געשטאָרבן יוסף און אַלע זײַנע ברידער און יענער גאַנצער דָור. און די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן זיך געמערט, און זיי זײַנען געוואָרן זייער, זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי.

איז אויפגעשטאַנען אַ נײַער מֶלך איבער מִצרַיִם, וואָס האָט ניט געקענט יוספן. און דער מֶלך האָט געזאָגט צו זײַן פאָלק:

„זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל איז מערער און שטאַרקער פון אונדז. קומט לאָמיר זיך קליגן איבער אים! אַניט וועט ער זיך מערן, און עס וועט זײַן אַז עס וועט זיך טרעפן אַ מִלחָמה, וועט ער צושטיין צו אונדזערע פײַנד און ער וועט מִלחָמה האַלטן קעגן אונדז, און וועט אַרויסגיין פון לאַנד".

האָבן זיי געמאַכט איבער דעם פאָלק צינזהאַרן, כּדֵי אים צו פּײַניקן מיט זייער לאַסטאַרבעט, און דאָס פאָלק האָט גע־בויט שפּײַכלער־שטעט פאַר פַּרעהן, פּתוֹם און רַעמסֵס. אָבער וואָס מער זיי האָבן אים געפּײַניקט, אַלץ מער האָט עס זיך געמערט, און אַזוי האָט עס זיך צעשפּרייט. און זיי זײַנען גע־ווען אין שרעק פאַר די קינדער פון יִשׂרָאֵל. און די מִצרים

האָבן געמאַכט אַרבעטן די קינדער פון ישׂראל און זיי האָבן פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט בײַ ליים און בײַ ציגל און בײַ אַלערליי אַרבעט אין פעלד.

אַ באַפעל צו טייטן אַלע ייִדישע ייִנגלעך

און דער מלך פון מצרים האָט גערעדט צו די ייִדישע הייבאַמען:

„אַז איר העלפט די ייִדישע ווײַבער געבערן, זאָלט איר זען: אויב דאָס איז אַ זון — זאָלט איר אים טייטן, און אויב דאָס איז אַ טאָכטער — זאָל זי בלײַבן לעבן".

אָבער די הייבאַמען האָבן מורא געהאַט פאַר גאָט, און זיי האָבן ניט געטאָן אַזוי ווי דער מלך פון מצרים האָט זיי אָנגעזאָגט, און זיי האָבן געלאָזט לעבן די ייִנגלעך.

האָט דער מלך פון מצרים גערופן די הייבאַמען, און האָט צו זיי געזאָגט:

—„פאַר וואָס האָט איר געטאָן די דאָזיקע זאַך און געלאָזט לעבן די ייִנגלעך?"

האָבן די הייבאַמען געזאָגט צו פּרעהן:

—„ניט אַזוי ווי די מצרישע ווײַבער זײַנען די ייִדישע: איידער די הייבאַם קומט צו זיי, האָבן זיי שוין געבאָרן!"

און פּרעה האָט באַפוילן זײַן גאַנץ פאָלק אַזוי צו זאָגן:

—„יעטוועדער זון וואָס וועט געבאָרן ווערן בײַ די קינדער פון ישׂראל — זאָלט איר אים אין טײַך אַרײַנוואַרפן און יעטוועדער טאָכטער זאָלט איר לאָזן לעבן!"

משה ווערט געבאָרן

און אַ מאַן פון דעם הויז פון לֵוִי איז געגאַנגען און האָט גענומען אַ טאָכטער פון לֵוִי, און די פרוי האָט געבאָרן אַ זון. און זי האָט געזען אַז ער איז שיין, און זי האָט אים באַהאַלטן דריַי חדָשים און זי האָט אים מער ניט געקענט באַהאַלטן.

האָט זי פאַר אים גענומען אַ קעסטל פון יאַמש און האָט עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פּעך; און זי האָט אַריַיַנגעלייגט דערין דאָס קינד, און האָט עס אַוועקגעשטעלט אין די ריטלעך בײַם ברעג טײַך. און זײַן שוועסטער האָט זיך געשטעלט פון דער ווײַטן, צו וויסן וואָס מיט אים וועט געשען.

און די טאָכטער פון פּרעהן האָט אַראָפּגענידערט, זיך צו באָדן אין טײַך, האָט זי דערזען דאָס קעסטל צווישן די ריטלעך און זי האָט געשיקט איר דינסט און האָט עס געלאָזט נעמען. און זי האָט עס געעפנט און האָט דערזען דאָס קינד — אַ יינגל וואָס וויינט! האָט זי זיך דערבאַרעמט אויף אים, און האָט געזאָגט:

„אָט דער איז פון די קינדער פון די עִברים".

האָט זײַן שוועסטער געזאָגט צו פּרעהס טאָכטער:

—„זאָל איך גיין און דיר רופן אַ פרוי פון די ייִדישע ווײַבער, אַז זי זאָל זייגן פאַר דיר דאָס קינד?"

האָט פּרעהס טאָכטער צו איר געזאָגט:

—„גיי!"

איז די מיידל געגאַנגען און האָט גערופן די מוטער פון דעם קינד. און פּרעהס טאָכטער האָט צו איר געזאָגט:

„נעם צו אָט דאָס דאָזיקע קינד און זייג עס פאַר מיר, און איך וועל דיר געבן דײַן לוין".

האָט די פרוי גענומען דאָס קינד און האָט עס געזייגט.

און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט זי אים געבראַכט צו פּרעהס טאָכטער, און ער איז געוואָרן אַזוי ווי איר זון. און זי האָט גערופן זײַן נאָמען משה און האָט געזאָגט:

„ווײַל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן"*.

משה זעט די לײַדן פון זײַנע ברידער

און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז משה איז אויסגעוואַקסן, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זײַנע ברידער, און האָט זיך צוגעקוקט צו זייער לאַסטאַרבעט.

און ער האָט געזען ווי אַ מאַן אַ מִצרי שלאָגט אַ ייִדן. האָט ער זיך אומגעקוקט אַהער און אַהין, און אַז ער האָט געזען אַז קיין מענטש איז ניטאָ, האָט ער דערשלאָגן דעם מִצרי און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג — ערשט צוויי ייִדן שלאָגן זיך! האָט ער געזאָגט צום אומגערעכטן:

— „פאַר וואָס שלאָגסטו דײַן חבר?"

האָט יענער געזאָגט:

— „ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונדז? צי מיינסטו מיך צו דערהרגענען ווי דו האָסט געהרגעט דעם מִצרי?"

---

* משה — ציען; משיתיהו — אים אַרויסגעצויגן.

האָט משה מורא געקראָגן און ער האָט געזאָגט:
„באמת, מע ווייס וועגן דער זאַך!"

און פּרעה האָט געהערט פון דער דאָזיקער זאַך און ער האָט געוואָלט דערהרגענען משהן. און משה איז אַנטלאָפן פאַר פּרעהן.

משה באַזעצט זיך אין מדין

און ער איז געקומען אין לאַנד מדין. און ער איז געזעסן בײַ אַ ברונעם.

און דער פּריסטער פון מדין האָט געהאַט זיבן טעכטער. זײַנען זיי געקומען און האָבן אָנגעשעפּט און אָנגעפּילט די קאָרעטעס, כּדי אָנצוטרינקען די שאָף פון זייער פאָטער. אָבער די פּאַסטעכער זײַנען געקומען און האָבן זיי אַוועקגע־טריבן. איז משה אויפגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפן און האָט אָנגעטרונקען זייערע שאָף. און אַז זיי זײַנען געקומען צו זייער פאָטער, האָט ער געזאָגט:

—„פאַר וואָס זײַט איר הײַנט געקומען אַזוי גיך?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„אַ מאַן אַ מצרי האָט אונדז געהאָלפן פון דער האַנט פון די פּאַסטעכער, און אָנשעפּן האָט ער אויך אָנגעשעפּט פאַר אונדז און האָט אָנגעטרונקען די שאָף".

האָט ער געזאָגט צו זײַנע טעכטער:

—„און וווּ איז ער? פאַר וואָס האָט איר דעם מאַן איבער־געלאָזט? רופט אים און זאָל ער עסן ברויט!"

און משה האָט איינגעוויליקט צו בלייבן ביי דעם מאַן. און ער האָט געגעבן משהן זיין טאָכטער צפּורהן. און זי האָט געבאָרן אַ זון און ער האָט גערופן זיין נאָמען גרשום*–ווייל ער האָט געזאָגט: „איך בין אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד".

אַ דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט

און משה האָט געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער יִתרו, דעם פּריסטער פון מִדיָן.

און ער האָט געפירט די שאָף צום מִדבָר צו, און ער איז געקומען צום באַרג פון גאָט, צו חוֹרֵב.

האָט זיך באַוויזן צו אים אַ מַלאך פון גאָט אין אַ פלאַם־פייער פון מיטן פון אַ דאָרן, און משה האָט געזען–אָט ברענט דער דאָרן אין פייער, און דער דאָרן ווערט ניט פאַרברענט.

האָט משה געזאָגט:

„לאָמיך אַקאָרשט צוגיין נענטער און זען די דאָזיקע גרויסע זעאונג, פאַר וואָס דער דאָרן ווערט ניט פאַרברענט".

און ווי גאָט האָט געזען אַז משה איז צוגעקומען נענטער צו זען, אַזוי האָט ער גערופן צו אים פון מיטן דאָרן און האָט געזאָגט:

–„משה! משה!"

האָט ער געענטפערט:

–„דאָ בין איך!"

* גרשום–פון צוויי ווערטער: גֵר–אַ פרעמדער, שָם–דאָרטן.

האָט ער געזאָגט:

–„זאָלסט זיך ניט דערנענטערן אַהער! טו אויס דײַנע שיך פון די פיס, ווײַל דער אָרט וווּ דו שטייסט אויף אים–דאָס איז הייליקע ערד! איך בין דער גאָט פון דײַן פאָטער און דער גאָט פון אַבֿרָהָמען, דער גאָט פון יִצחָקן און דער גאָט פון יַעקבֿן".

און משה האָט פאַרבאָרגן זײַן פּנים, ווײַל ער האָט מורא געהאַט צו קוקן.

גאָט שיקט משהן צו פּרעהן

און גאָט האָט געזאָגט:

„זען האָב איך געזען די פּײַן פון מײַן פאָלק וואָס אין מִצרַיִם און איך ווייס זײַנע ווייטאָגן. דאָס געשריי פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל איז געקומען צו מיר; איך האָב אויך געזען די דריקונג וואָס די מִצרים דריקן זיי. דעריבער שטיי אויף אַצינד און איך וועל דיך שיקן צו פּרעהן און צי אַרויס מײַן פאָלק, די קינדער פון יִשׂרָאֵל, פון מִצרַיִם".

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

–„ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פּרעהן און אַז איך זאָל אַרויסציִען די קינדער פון יִשׂרָאֵל פון מִצרַיִם?"

האָט גאָט געזאָגט:

–„אָבער איך וועל זײַן מיט דיר!"

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

–„אָט קום איך צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל, און איך וועל זאָגן צו זיי: דער גאָט פון אײַערע עלטערן האָט מיך געשיקט

צו אײַך, און זײ װעלן זאָגן צו מיר: װאָס איז זײַן נאָמען? װאָס זאָל איך זאָגן צו זײ?"

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

—„אַזױ זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל: יהוה, דער גאָט פֿון אײַערע עלטערן, דער גאָט פֿון אַברָהָמען, דער גאָט פֿון יִצחָקן, און דער גאָט פֿון יַעקבֿן האָט מיך געשיקט צו אײַך. גײ און זאָלסט צונױפֿזאַמלען די עלטסטע פֿון יִשׂרָאֵל און זאָגן צו זײ: יהוה, דער גאָט פֿון אײַערע עלטערן, דער גאָט פֿון אַברָהָם, יִצחָק און יַעקבֿ, האָט זיך באַװיזן צו מיר, אַזױ צו זאָגן: דערמאָנען האָב איך זיך דערמאָנט אָן אײַך און געזען דאָס שלעכטס װאָס װערט אײַך געטאָן אין מִצרַיִם. איך װעל אײַך אַרױסנעמען פֿון דער פּײַן פֿון מִצרַיִם און אײַך אַרױפֿברענגען אין לאַנד כּנַעַן, אין אַ לאַנד װאָס פֿליסט מיט מילך און האָניק".

האָט געענטפֿערט משה און האָט געזאָגט:

—„אָבער זײ װעלן דאָך מיר ניט גלױבן, און װעלן ניט צוהערן צו מײַן קָול, װײַל זײ װעלן זאָגן: גאָט האָט זיך ניט באַװיזן צו דיר!"

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

—„װאָס איז דאָס אין דײַן האַנט?"

האָט ער געזאָגט:

—„אַ שטעקן".

האָט גאָט געזאָגט:

—„טו אים אַ װאָרף אױף דער ערד!"

האָט ער אים אַ װאָרף געטאָן אױף דער ערד און ער איז געװאָרן אַ שלאַנג. און משה איז אַנטלאָפֿן פֿאַר איר.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

–„שטרעק אויס דײַן האַנט און נעם זי אָן פֿאַרן עק!"

האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און האָט זי אָנגענומען, און זי איז געוואָרן אַ שטעקן אין זײַן האַנט.

און גאָט האָט ווידער צו אים געזאָגט:

–„לייג אַרײַן דײַן האַנט אין בוזעם!"

האָט ער אַרײַנגעלייגט די האַנט אין בוזעם. און ווי ער האָט זי אַרויסגענומען–ערשט, זײַן האַנט איז קרעציק, ווײַס ווי שניי!

האָט גאָט געזאָגט:

–„לייג ווידער אַרײַן דײַן האַנט אין בוזעם!"

האָט ער ווידער אַרײַנגעלייגט די האַנט אין בוזעם. און ווי ער האָט זי אַרויסגענומען פֿון זײַן בוזעם–זע, זי איז ווידער געוואָרן אַזוי ווי זײַן לײַב.

און גאָט האָט געזאָגט:

–„און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן דיר ניט גלויבן און וועלן זיך ניט צוהערן צו דעם קָול פֿון ערשטן צייכן, וועלן זיי גלויבן דעם קָול פֿון לעצטן צייכן. און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן די דאָזיקע ביידע צייכנס אויך ניט גלויבן, זאָלסטו נעמען פֿון די וואַסערן פֿון טײַך און אויסגיסן אויף דער יבָשה, און דאָס וואַסער וואָס דו וועסט נעמען פֿון טײַך–וועט ווערן בלוט אויף דער יבָשה".

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

–„איך בעט דיך, גאָט, איך בין ניט קיין מענטש צום ריידן, סײַ פֿון נעכטן און פֿון אייערנעכטן, ווייל איך בין שווער אויפֿן מויל און שווער אויף דער צונג".

האָט גאָט געזאָגט צו אים:

—„ווער האָט געמאַכט דעם מענטשן אַ מויל? אָדער ווער מאַכט שטום אָדער טויב, אָדער זעעדיק אָדער בלינד, אויב ניט איך, גאָט? דעריבער גיי איצט, און איך וועל זײַן מיט דײַן מויל און וועל דיך לערנען וואָס דו זאָלסט ריידן!"

האָט משה געזאָגט:

—„איך בעט דיך, גאָט, שיק־דורך וועמען דו וועסט שיקן!"

איז גאָט אין כּעס געוואָרן אויף משהן און ער האָט געזאָגט:

—„איז ניט פאַראַן אַהרן דײַן ברודער? איך ווייס אַז ער קאָן יאָ ריידן. און זע — ער גייט דיר נאָך אַרויס אַנטקעגן. און ווי ער וועט דיך דערזען, אַזוי וועט ער זיך האַרציק דערפרייען. און דו וועסט ריידן צו אים און דו וועסט אַרײַנלייגן די ווערטער אין זײַן מויל — ער וועט ריידן פאַר דיר צום פאָלק! עס וועט זײַן אַזוי: ער וועט דיר זײַן ווי אַ מויל. און דו זאָלסט נעמען אין דײַן האַנט דעם דאָזיקן שטעקן, וואָס מיט אים וועסטו מאַכן די וווּנדער־צייכנס".

משה קערט זיך אום קיין מִצרַיִם

איז משה געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צו זײַן שווער יִתרוֹ, און האָט צו אים געזאָגט:

—„לאָז מיך גיין, איך בעט דיך, און זיך אומקערן צו מײַנע ברידער וואָס אין מִצרַיִם, און לאָז מיך זען צי זיי לעבן נאָך".

האָט יִתרו געזאָגט צו משהן:

—„גיי בשָלום!"

האָט משה גענומען זײַן ווײַב און זײַנע זין און האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל, און האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד מִצרַיִם. און משה האָט גענומען דעם שטעקן פון גאָט אין האַנט.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַהרֹנען:

„גיי אַנטקעגן משהן צום מִדבָּר!"

איז ער געגאַנגען און האָט אים באַגעגנט און ער האָט אים געקושט.

און משה האָט דערציילט אַהרֹנען אַלע ווערטער פון גאָט, מיט וואָס ער האָט אים געשיקט, און אַלע צייכנס וואָס ער האָט אים באַפוילן.

משה און אַהרן קומען פאַר פַּרעהן

און משה און אַהרן זײַנען געגאַנגען און האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל. און אַהרן האָט גערעדט אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן, און ער האָט געוויזן די צייכנס פאַר די אויגן פון פאָלק. און דאָס פאָלק האָט געגלויבט. און דערנאָך זײַנען משה און אַהרן געקומען און האָבן געזאָגט צו פַּרעהן:

—„אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון יִשׂרָאֵל: לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן אין מִדבָּר האַלטן אַ יָום־טָוב פאַר מיר!"

האָט פּרעה געזאָגט:

—„ווער איז יהוה אַז איך זאָל זיך צוהערן צו זײַן קול און אַוועקלאָזן ישׂראֵל? ניט איך קען יהוה און ניט איך וועל אַוועקלאָזן ישׂראֵל!"

האָבן זיי געזאָגט:

—„דער גאָט פון די עבֿרים האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז. מיר בעטן דיך, לאָז אונדז גיין אַ וועג פון דרײַ טעג אין מדבּר, און מיר וועלן ברענגען קרבּנות צו יהוה אונדזער גאָט, כּדי ער זאָל אונדז ניט פּלאָגן מיט אַ מגפֿה אָדער מיט שווערד".

האָט דער מלך פון מצרַיִם צו זיי געזאָגט:

—„משה און אַהרן, צו וואָס רײַסט איר אָפּ דאָס פאָלק פון זײַן אַרבעט? גייט צו אײַער לאַסטאַרבעט!" און פּרעה האָט געזאָגט: דאָס פאָלק איז גרויס אין צאָל, און איר ווילט זיי אַלעמען שטערן פון זייער צוואַנג־אַרבעט!

די קנעכטשאַפט ווערט ערגער

און פּרעה האָט באַפוילן אין יענעם טאָג די צווינגערס* אין דעם פאָלק און זײַנע אויפזעערס אַזוי צו זאָגן:

„איר זאָלט מער ניט געבן דעם פאָלק שטרוי אויף צו מאַכן די ציגל, אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן. זיי אַליין זאָלן גיין און זיך אָנקלײַבן שטרוי! און די צאָל ציגל וואָס זיי האָבן גע־

* די צווינגערס זײַנען געווען מצרים. די אויפזעערס זײַנען געווען ייִדן. די צווינגערס האָבן געהאַט די דעה איבער די אויפזעערס, די אויפזעערס איבערן פאָלק.

מאַכט נעכטן און אייערנעכטן, זאָלט איר אַרויפלייגן אויף זיי! איר זאָלט פון אָט דער צאָל ניט פאַרקלענערן! ווײַל פויל זײַנען זיי, דעריבער שרײַען זיי, אַזוי צו זאָגן: „מיר ווילן גיין ברענגען קרבָּנות צו אונדזער גאָט!" זאָל די אַרבעט שווערער זײַן אויף אָט די לײַט, אַז זיי זאָלן זײַן פאַרטאָן מיט איר, און זיך ניט פאַרנעמען מיט פּוסטע רייד!"

זײַנען אַרויסגעגאַנגען די צווינגערס פון דעם פאָלק און זײַנע אויפזעערס און האָבן געזאָגט צום פאָלק אַזוי צו זאָגן:

„אַזוי האָט געזאָגט פּרעה: איך גיב אײַך ניט קיין שטרוי! גייט איר, קריגט זיך אַליין שטרוי פון וואַנען איר קענט געפינען; ווײַל פון אײַער אַרבעט ווערט גאָרניט פאַרקלענערט!"

האָט זיך דאָס פאָלק צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם צו קלײַבן שטרוי.

און די צווינגערס האָבן געטריבן אַזוי צו זאָגן:

„ענדיקט אײַער טאָג־טעגלעכע אַרבעט אַזוי ווי דעמאָלט ווען עס איז געווען שטרוי". און די אויפזעערס פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל, וואָס די צווינגערס פון פּרעהן האָבן אויפגעזעצט איבער זיי, האָבן געקראָגן געשלאָגן אַזוי צו זאָגן:

„פאַר וואָס האָט איר ניט געענדיקט אײַער צאָל ציגל אַזוי ווי פריער – ניט נעכטן, ניט הײַנט?"

זײַנען געקומען די אויפזעערס פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל, און האָבן געשריען צו פּרעהן אַזוי צו זאָגן:

–„פאַר וואָס טוסטו אַזוי צו דײַנע קנעכט? קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן דײַנע קנעכט און מען הייסט אונדז: מאַכט ציגל! און זע, דײַנע קנעכט קריגן געשלאָגן".

האָט ער געזאָגט:

–„פּויל זײַט איר, פּויל! דעריבער זאָגט איר: ,מיר װעלן גיין ברענגען קרבּנות צו יהוה'. און איצט גייט אַרבעט, װײַל קיין שטרוי װעט מען אײַך ניט געבן, און די צאָל ציגל מוזט איר צושטעלן!"

און זיי האָבן געטראָפן משהן און אַהרנען, שטייענדיק אַקעגן זיי, בײַ זייער אַרויסגיין פון פּרעהן. און זיי האָבן צו זיי געזאָגט:

„זאָל גאָט אַראָפּקוקן אויף אײַך און מִשפּטן אײַך דערפֿאַר, װאָס איר האָט אונדז פאַרמיאוסט אין די אויגן פון פּרעהן, און אין די אויגן פון זײַנע קנעכט, צו געבן אַ שװערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגענען!"

גאָט דערמאָנט זײַן בונד מיט ישׂראֵל

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

–„גאָט, פאַר װאָס טוסטו שלעכטס דעם דאָזיקן פֿאָלק? צו װאָס גאָר האָסטו מיך געשיקט? אַז זינט איך בין געקומען צו פּרעהן צו ריידן אין דײַן נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעם דאָזיקן פֿאָלק, און ראַטעװען האָסטו ניט געראַטעװעט דײַן פֿאָלק!"

און גאָט האָט גערעדט צו משהן און האָט צו אים געזאָגט:

–„איך בין יהוה! און איך האָב זיך באַװיזן צו אַבֿרָהָמען, צו יִצחָקן און צו יַעקבֿן. און איך האָב אויפגעשטעלט מײַן בונד מיט זיי, זיי צו געבן דאָס לאַנד כּנַען, דאָס לאַנד װוּ זיי האָבן

געוווינט. און איך האָב אויך געהערט דאָס קרעכצן פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל, וואָס די מִצרים פאַרקנעכטן זיי. און איך האָב זיך דערמאָנט אָן מײַן בונד.

„דעריבער זאָג צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל: איך בין יהוה, און איך וועל אײַך אַרויסציִען פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם, און איך וועל אײַך ראַטעווען פון אײַער קנעכטשאַפט, און איך וועל אײַך אויסלייזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און מיט גרויסע וווּנדער. און איך וועל אײַך נעמען פאַר מײַן פאָלק, און איך וועל זײַן אײַער גאָט. און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה אײַער גאָט, וואָס האָט אײַך אַרויסגעצויגן פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם. און איך וועל אײַך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן עס צו געבן צו אַברָהָמען, צו יִצחָקן און צו יַעקבן, און איך וועל עס אײַך געבן אויף צו יַרשענען!"

האָט משה אַזוי גערעדט צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל. אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו משהן איבער געדריקטן געמיט און איבער שווערער אַרבעט.

די וווּנדער־צייכנס

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

—„גיי, רייד צו פַּרעהן, דעם מֶלך פון מִצרַיִם, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון יִשׂרָאֵל פון זײַן לאַנד".

האָט משה גערעדט פאַר גאָט אַזוי צו זאָגן:

—„זע, די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן זיך ניט צוגעהערט צו מיר, הײַנט ווי וועט פַּרעה זיך צוהערן צו מיר?"

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„זע, איך האָב דיך געמאַכט אַזוי ווי אַ גאָט צו פּרעהן און אַהרן דײַן ברודער וועט זײַן דײַן נָביא. דו וועסט ריידן אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן. און אַהרן דײַן ברודער וועט ריידן צו פּרעהן, ער זאָל אַרויסלאָזן די קינדער פון ישׂרָאֵל פון זײַן לאַנד".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

„אַז פּרעה וועט ריידן צו אײַך, גיט פון אײַך אַ ווונדער־צייכן, זאָלסטו משה זאָגן צו אַהרֹנען: ,נעם דײַן שטעקן און טו אַ וואָרף פֿאַר פּרעהן'—וועט ער ווערן אַ שלאַנג".

זײַנען משה און אַהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי האָבן אַזוי געטאָן, ווי גאָט האָט באַפוילן. און אַהרן האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן שטעקן פֿאַר פּרעהן און פֿאַר זײַנע קנעכט—און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג.

האָט אויך פּרעה גערופן די חכָמים און די מכַשפים, און אויך זיי האָבן געטאָן דאָס גלײַכן מיט זייערע פֿאַרבאָרגענע קונצן. אויך זיי האָבן אַ וואָרף געטאָן איטלעכער זײַן שטעקן, און זיי זײַנען געוואָרן שלאַנגען. אָבער אַהרנס שטעקן האָט אײַנגעשלונגען זייערע שטעקנס. און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי.



ח. די צען מַכּות

די ערשטע מַכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„פַּרעהס האַרץ איז האַרט, ער וויל ניט אַרויסלאָזן דאָס פאָלק. גיי צו פַּרעהן אין דער פרי, זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, און דו וועסט זיך שטעלן אַנטקעגן אים, בײַם ברעג טײַך. און דעם שטעקן וואָס איז פאַרקערט געוואָרן אין אַ שלאַנג, זאָלסטו נעמען אין דײַן האַנט. און זאָלסט זאָגן:

„יהוה, דער גאָט פון די עִבְרים, האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען אין מִדבָּר; און זע — דו האָסט זיך ניט צוגעהערט ביז אַהער! האָט גאָט געזאָגט אַזוי: דערמיט וועסטו וויסן, אַז איך בין יהוה; זע, איך שלאָג מיט דעם שטעקן וואָס אין מײַן האַנט אויפן וואַסער וואָס אין טײַך — און עס וועט פאַרקערט ווערן אין בלוט. און די פיש וואָס אין טײַך וועלן אויסשטאַרבן, און דער טײַך וועט פאַרשטונקען ווערן, און די מִצרים וועלן זיך מיאוסן צו טרינקען וואַסער פון טײַך".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„זאָג צו אַהרנען: נעם דעם שטעקן און שטרעק אויס דײַן האַנט אויף די וואַסערן פון מִצרַיִם, אויף די שטראָמען, אויף די טײַכן, און אויף אַלע שטייעדיקע וואַסערן, און אויף אַלע אָנזאַמלונגען פון וואַסער — און זיי זאָלן ווערן בלוט. און עס

זאָל זײַן בלוט אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם—סײַ אין הילצערנע כֵּלים, סײַ אין שטיינערנע!"

האָבן משה און אַהרן אַזוי געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן. און ער האָט אויפגעהויבן זײַן שטעקן און געשלאָגן דאָס וואַסער וואָס אין טײַך, פאַר די אויגן פון פּרעהן, און פאַר די אויגן פון זײַנע קנעכט; און דאָס גאַנצע וואַסער וואָס אין טײַך איז פאַרקערט געוואָרן אין בלוט. און די פיש וואָס אין טײַך זײַנען אויסגעשטאָרבן, און דער טײַך איז פאַרשטונקען געוואָרן, און די מִצרים האָבן ניט געקענט טרינקען קיין וואַסער פון טײַך.

האָבן די חַרטומים פון מִצרַיִם געטאָן דאָס גלײַכן מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן. און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי.

און פּרעה האָט זיך אומגעקערט און איז אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן הויז און האָט אויך דאָס ניט גענומען צום האַרצן.

און אַלע מִצרים האָבן געגראָבן אַרום טײַך נאָך וואַסער צום טרינקען, ווײַל זיי האָבן ניט געקענט טרינקען פון די וואַסערן פון טײַך.

די צווייטע מַכּה

און עס זײַנען פאַרבײַ זיבן טעג, נאָך דעם ווי גאָט האָט געשלאָגן דעם טײַך. און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„קום צו פּרעהן און זאָג צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. און אַז דו וועסט

זיי ניט אַוועקלאָזן — אָט פּלאָג איך דײַן גאַנץ לאַנד מיט פּרעש. און דער טײַך וועט ווערן פול מיט פּרעש, און זיי וועלן אַרויפֿ־גיין און וועלן קומען אין דײַן הויז, און אין דײַן שלאָפֿקאַמער, און אויף דײַן בעט, און אין הויז פֿון דײַנע קנעכט, און אין דײַנע אויוונס, און אין דײַנע מולטערס פֿון טייג. אי אויף דיר, אי אויף דײַן פֿאָלק, אי אויף אַלע דײַנע קנעכט וועלן אַרויפֿגיין די פּרעש!"

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„זאָג צו אַהרנען: שטרעק אויס דײַן האַנט מיט דײַן שטעקן אויף די שטראָמען, אויף די טײַכן, און אויף די שטייעדיקע וואַסערן, און ברענג אַרויף פּרעש אויפֿן לאַנד מִצרַיִם!"

און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אויף די וואַסערן פֿון מִצרַיִם, און די פּרעש זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען און האָבן באַ־דעקט דאָס לאַנד מִצרַיִם.

האָבן די חַרטומים געטאָן דאָס גלײַכן מיט זייערע פּאַר־באָרגענע קונצן און זיי האָבן אַרויפֿגעבראַכט פּרעש אויפֿן לאַנד מִצרַיִם.

און פַּרעה האָט גערופֿן משהן און אַהרנען און האָט גע־זאָגט:

„בעט צו יהוה, ער זאָל אַוועקנעמען די פּרעש פֿון מיר און פֿון מײַן פֿאָלק, און איך וועל אַוועקלאָזן דאָס פֿאָלק, זיי זאָלן ברענגען קָרבָּנות צו יהוה".

האָט משה געזאָגט צו פַּרעהן:

„אויף ווען זאָל איך בעטן פֿאַר דיר, און פֿאַר דײַנע קנעכט און פֿאַר דײַן פֿאָלק, אַז די פּרעש זאָלן אויסגעראָטן ווערן

פון דיר און פון דײַנע הײַזער, אַז נאָר אין טײַך זאָלן זיי בלײַבן?"

האָט ער געענטפערט: „אויף מאָרגן".

האָט ער געזאָגט:

„עס וועט זײַן ווי דו זאָגסט, כּדי דו זאָלסט וויסן, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער גאָט ווי יהוה אונדזער גאָט!"

זײַנען משה און אַהרן אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן און משה האָט געשריִען צו גאָט וועגן די פרעש וואָס ער האָט געבראַכט אויף פּרעהן. און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי משה האָט געזאָגט. און די פרעש זײַנען אויסגעשטאָרבן פון די הײַזער, פון די הויפן און פון די פעלדער. און מען האָט זיי צונויפגעשאַרט הויפנס אויף הויפנס. און דאָס לאַנד איז פאַרשטונקען געוואָרן.

און ווי פּרעה האָט דערזען, אַז עס איז געוואָרן לײַכטער, אַזוי האָט ער האַרט געמאַכט זײַן האַרץ און האָט זיך ניט צו געהערט צו זיי.

די דריטע מַכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

–„זאָג צו אַהרנען: ,שטרעק אויס דײַן שטעקן, און שלאָג דעם שטויב פון דער ערד, און עס זאָלן ווערן אומגעציפער* אין גאַנץ מִצרַיִם'".

* אומגעציפער – אַ סך פאַרשיידענע קליינע, שעדלעכע אינזעקטן, אַן אַ צאָל באַבעלעך, מוקן.

און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט מיט זײַן שטעקן און ער האָט געשלאָגן דעם שטויב פון דער ערד, און עס זײַנען געוואָרן אומגעציפער אויף מענטשן און אויף בהמות. דער גאַנצער שטויב פון דער ערד איז געוואָרן אומגעציפער אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

און די חַרטומים האָבן דאָס גלײַכן געטאָן מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן אַרויסצוברענגען אומגעציפער, אָבער זיי האָבן ניט געקענט. און די חַרטומים האָבן געזאָגט צו פַּרעהן:

—„דאָס איז אַ צייכן פון גאָט!"

אָבער פַּרעהס האַרץ איז געבליבן האַרט, און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי.

די פערטע מַכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

—„שטיי אויף פרי און שטעל זיך פאַר פַּרעהן. זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, זאָלסטו זאָגן צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

„אויב דו לאָזסט ניט אַוועק מײַן פאָלק זיי זאָלן מיר דינען — שיק איך אָן אויף דיר און אויף דײַנע קנעכט, און אויף דײַן פאָלק, און אין דײַנע הײַזער אַ געמיש פון גיפטיקע פליגן. און די הײַזער פון מִצרַיִם וועלן אָנגעפילט ווערן מיט דעם געמיש פון גיפטיקע פליגן, און אויך די ערד וואָס זיי זײַנען אויף איר. און איך וועל אָפּטיילן אין יענעם טאָג דאָס לאַנד גושֶן, וואָס מײַן פאָלק האַלט זיך דאָרטן אויף, אַז די גיפטיקע פליגן

זאָלן דאַרטן ניט זײַן, כּדי דו זאָלסט װיסן, אַז איך יהוה הערש אין דעם לאַנד. איך װעל אָפּטײלן צװישן מײַן פֿאָלק און צװישן דײַן פֿאָלק. מאָרגן װעט געשען דער דאָזיקער װוּנדער־צײכן!"

און גאָט האָט אַזױ געטאָן. און עס איז געקומען אַ געדיכט געמיש פֿון גיפֿטיקע פֿליגן אין הױז פֿון פּרעהן און אין הױז פֿון זײַנע קנעכט, און אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. דאָס לאַנד איז פֿאַר־װיסט געװאָרן איבערן געמיש פֿון גיפֿטיקע פֿליגן.

האָט פּרעה גערופֿן משהן און אַהרנען און האָט געזאָגט:

„גײט ברענגט קָרבָּנות צו אײַער גאָט דאָ אין לאַנד".

האָט משה געזאָגט:

—„עס איז ניט רעכט אַזױ צו טאָן, װײַל אונדזערע קָרבָּנות צו יהוה אונדזער גאָט זײַנען אומװערדיק אין די אױגן פֿון די מִצרים. זע, אױב מיר װעלן פֿאַר זײ אין די אױגן שעכטן װאָס עס איז אומװערדיק פֿאַר זײ, צי װעלן די מִצרים אונדז ניט פֿאַרשטײנען? אַ װעג פֿון דרײַ טעג װעלן מיר גײן אין מִדבּר, און מיר װעלן דאָרטן שעכטן צו יהוה אונדזער גאָט, אַזױ װי ער װעט אונדז הײסן".

האָט פּרעה געזאָגט:

—„איך װעל אײַך אַװעקלאָזן, איר זאָלט ברענגען קָרבָּנות צו יהוה אײַער גאָט אין מִדבּר, נאָר זײער װײַט זאָלט איר ניט גײן. בעט פֿאַר מיר!"

האָט משה געזאָגט:

—„זע, איך גײ אַרױס פֿון דיר, איך װעל בעטן צו יהוה, אַז דאָס געמיש פֿון גיפֿטיקע פֿליגן זאָל זיך מאָרגן אָפּטאָן פֿון

פּרעהן, פון זײַנע קנעכט און פון זײַן פאָלק, זאָל פּרעה ווידער ניט אָפּנאַרן!"

און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן און האָט געבעטן צו גאָט. און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און האָט אַוועקגענומען דאָס געמיש פון גיפטיקע פליגן פון פּרעהן, פון זיינע קנעכט און פון זײַן פאָלק; קיין איינציקע פליג איז ניט געבליבן.

אָבער פּרעה האָט אויך דאָס מאָל האַרט געמאַכט זײַן האַרץ און האָט ניט אַוועקגעלאָזט דאָס פאָלק.

די פינפטע מַכה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„קום צו פּרעהן און רייד צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון די עִברים:

„,לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. ווײַל אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן און האַלטסט זיי נאָך ווײַטער–זע, די האַנט פון גאָט וועט זײַן אויף די פערד, אויף די אייזלען, אויף די קעמלען, אויף די רינדער און אויף די שאָף–אַ זייער שווערע מגֵפה. און גאָט וועט אָפּטיילן צווישן ישׂראֵל און צווישן מִצרַיִם, און פון אַלץ וואָס געהערט צו די קינדער פון ישׂראֵל וועט ניט שטאַרבן. מאָרגן וועט גאָט טאָן די דאָזיקע זאַך אין לאַנד!'"

און גאָט האָט געטאָן די דאָזיקע זאַך אויף מאָרגן, און דאָס גאַנצע פי פון מִצרַיִם איז אויסגעשטאָרבן, אָבער פון דעם פי פון

די קינדער פון ישׂראל איז קיין איין איינציקס ניט געשטאָרבן.
און פּרעה האָט געשיקט זען – פון דעם פי פון ישׂראל איז קיין איין איינציקס ניט געשטאָרבן!

אָבער פּרעהס האַרץ איז געבליבן האַרט און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק.

די זעקסטע מכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען:
„נעמט אײַך פולע הויפנס אַש פון אַ קאַלכאויוון, און משה זאָל עס אַ וואָרף טאָן אַקעגן הימל, פאַר די אויגן פון פּרעהן.
און עס וועט צעשטויבט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד מצרים, און עס וועט ווערן אַן אויסשלאָג אויף מענטשן און אויף בהמות".

און די חרטומים האָבן ניט געקענט שטיין פאַר משהן איבער דעם אויסשלאָג, ווײַל זיי זײַנען געווען אויך אויף די חרטומים אַזוי ווי אויף גאַנץ מצרים.

אָבער גאָט האָט האַרט געמאַכט פּרעהס האַרץ און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי.

די זיבעטע מכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:
„שטיי אויף פרי און שטעל זיך פאַר פּרעהן, און זאָג צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די עבֿרים:
„לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. איך וואָלט איצט אויסגעשטרעקט מײַן האַנט, און וואָלט געשלאָגן דיך און

דײַן פֿאָלק מיט אַ מגפֿה, אַז דו וואָלסט פֿאַרטיליקט געוואָרן פֿון דער ערד. און נאָר דעריבער האָב איך דיך געלאָזט באַשטײן, כּדי דיר צו ווײַזן מײַן כּוח און כּדי מען זאָל דערצײלן מײַן נאָמען איבער דער גאַנצער ערד. צי נאָך אַלץ שטעלסטו זיך אַקעגן מײַן פֿאָלק, זײ ניט אַוועקצולאָזן?

„זע, מאָרגן אין דער צײַט מאַך איך פֿאַלן זײער אַ שווערן האָגל, וואָס אַזאַ ווי ער איז נאָך ניט געווען אין מִצרַיִם פֿון דעם טאָג ווען דאָס לאַנד איז געשטעלט געוואָרן און ביז הײַנט. און איצט שיק צונױפֿטרײַבן דײַן פֿי, און אַלץ וואָס דו האָסט אין פֿעלד; יעטוועדער מענטש און בהמה וואָס וועט זיך געפֿינען אין פֿעלד און וועט ניט ווערן אַרײַנגענומען אין הויז וועט אויף זײ פֿאַלן דער האָגל און זײ וועלן שטאַרבן".

דער וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָטס וואָרט האָט אַרײַנגענומען זײַנע קנעכט און זײַן פֿי אין די הײַזער, און ווער עס האָט ניט געלײגט קײן אַכט אויף גאָטס וואָרט האָט איבערגעלאָזן זײַנע קנעכט און זײַן פֿי אין פֿעלד.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„שטרעק אויס דײַן האַנט אַקעגן הימל, און זאָל פֿאַלן אַ האָגל אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, אויף מענטשן און אויף בהמות, און אויף אַלע קרײַטעכער פֿון פֿעלד–איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם".

האָט משה אויסגעשטרעקט זײַן שטעקן אַקעגן הימל. און גאָט האָט געגעבן דונערן און האָגל, און אַ פֿײַער איז אַראָפּגעגאַנגען אויף דער ערד. און גאָט האָט געמאַכט פֿאַלן אַ האָגל אויפֿן לאַנד מִצרַיִם. און עס איז געווען אַ האָגל מיט אַ

פלאַקערדיקן פײַער אין מיטן האָגל. זײער אַ שווערער האָגל, וואָס אַזאַ ווי ער איז ניט געווען אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, פון זינט עס איז געוואָרן אַ פאָלק.

און דער האָגל האָט אײַנגעשלאָגן אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם אַלץ וואָס אויפן פעלד, פון אַ מענטשן ביז אַ בְּהֵמה. אויך יעטוועדער בוים פון פעלד האָט ער צעבראָכן. נאָר אין לאַנד גֹשֶׁן, וואָס דאָרטן זײַנען געווען די קינדער פון יִשׂרָאֵל, איז קיין האָגל ניט געווען.

האָט פַּרעה געשיקט און גערופן משהן און אַהרֹנען און ער האָט צו זײ געזאָגט:

–„איך האָב געזינדיקט דאָס מאָל. יהוה איז גערעכט, און איך און מײַן פאָלק זײַנען אומגערעכט. בעט צו יהוה, און זאָלן אויפהערן די דונערן און דער האָגל. איך וועל אײַך אַוועק לאָזן און איר וועט מער דאָ ניט בלײַבן".

האָט משה צו אים געזאָגט:

–„ווי איך גײ אַרויס פון שטאָט, וועל איך אויסשפּרייטן מײַנע הענט צו יהוה; וועלן די דונערן אויפהערן און דער האָגל וועט מער ניט זײַן, כּדֵי דו זאָלסט וויסן אַז צו יהוה געהערט די ערד".

און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פַּרעהן אויסן שטאָט און האָט אויסגעשפּרייט זײַנע הענט צו גאָט. און די דונערן און דער האָגל האָבן אויפגעהערט, און דער רעגן האָט מער ניט געגאָסן אויף דער ערד.

און ווי פַּרעה האָט געזען, אַז דער רעגן און דער האָגל און די דונערן האָבן אויפגעהערט, אַזוי האָט ער ווײַטער געזינ־

דיקט און האָט האַרט געמאַכט זײַן האַרץ, ער און זײַנע קנעכט. און פּרעהס האַרץ איז געבליבן האַרט, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פון ישׂראל.

די אַכטע מַכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„קום צו פּרעהן, ווײַל איך האָב האַרט געמאַכט זײַן האַרץ און דאָס האַרץ פון זײַנע קנעכט, כּדי איך זאָל טאָן אָט די װוּנדער מײַנע צווישן אים. און כּדי דו זאָלסט דערציילן אין די אויערן פון דײַן זון און פון דײַן זונס זון, וואָס איך האָב אויפגעטאָן אין מִצרַיִם, און פון מײַנע װוּנדער וואָס איך האָב געטאָן צווישן זיי — און איר זאָלט וויסן אַז איך בין יהוה".

זײַנען משה און אַהרן געקומען צו פּרעהן און זיי האָבן צו אים געזאָגט:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון די עִברים: ביז וואַנען וועסטו זיך ניט וועלן בייגן פאַר מיר? לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. ווײַל אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן מײַן פאָלק — אָט ברענג איך מאָרגן אַ היישעריק אין דײַן לאַנד! און ער וועט פאַרדעקן דעם אָנבליק פון דער ערד, אַז מען וועט ניט קענען אַרויסזען די ערד, און ער וועט אויפעסן דאָס וואָס איז אײַך געבליבן נאָך דעם האָגל. און דער היישעריק וועט אָנפילן דײַנע הײַזער, און די הײַזער פון אַלע דײַנע קנעכט, און די הײַזער פון גאַנץ מִצרַיִם; אַ היישעריק — וואָס

דײַנע עלטערן און דײַנע עלטערנס עלטערן האָבן ניט געזען פון דעם טאָג וואָס זײ זײַנען געווען אויף דער ערד ביזן הײַנטיקן טאָג".

און משה האָט זיך אומגעקערט, און איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן.

האָבן פּרעהס קנעכט צו אים געזאָגט:

—„לאָז אַוועק די לײַט, און זאָלן זײ דינען יהוה זײער גאָט. צי ווײסטו נאָך ניט אַז מִצרַיִם גײט אונטער?"

האָט מען אומגעקערט משהן און אַהרנען צו פּרעהן, און ער האָט צו זײ געזאָגט:

—„גײט, דינט יהוה אײַער גאָט! אָבער וועמען זײַנען די גײערס?"

האָט משה געזאָגט:

-„מיט אונדזערע יונגע און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גײן; מיט אונדזערע זין און מיט אונדזערע טעכטער, מיט אונדזערע שאָף און מיט אונדזערע רינדער וועלן מיר גײן; ווײַל בײַ אונדז איז אַ יָום־טָוב פֿאַר יהוה".

האָט ער צו זײ געזאָגט:

—„ניט אַזױ! גײט אַקאָרשט איר, מענער, און דינט יהוה, ווײַל איר פֿאַרלאַנגט עס דאָך!"

און מען האָט זײ אַרויסגעיאָגט פון פֿאַר פּרעהן.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„שטרעק אויס דײַן האַנט אויפן לאַנד מִצרַיִם וועגן דעם הײשעריק, און ער וועט אַרויפגײן אויפן לאַנד מִצרַיִם, און וועט

אויפעסן יעטוועדער גרעזל פון דער ערד, אַלץ וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזן".

און משה האָט אויסגעשטרעקט זײַן שטעקן אויפן לאַנד מִצרַיִם, און גאָט האָט געטריבן אַ מִזרח־ווינט אויפן לאַנד יענעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. און ווי עס איז געוואָרן פרי־מאָרגן, אַזוי האָט דער מִזרח־ווינט אָנגעטראָגן דעם היישעריק.

און דער היישעריק איז אַרויף איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם און האָט זיך זייער שווער אַראָפּגעלאָזט אין גאַנצן לאַנד. ניט פֿאַר אים איז געווען אַזאַ היישעריק ווי ער, און ניט נאָך אים וועט זײַן אַזאַ. און ער האָט פֿאַרדעקט דעם אָנבליק פון דער גאַנצער ערד, און די ערד איז פינצטער געוואָרן; און ער האָט אויפגעגעסן יעטוועדער גרעזל פון דער ערד, און יעטוועדער פרוכט פון בוים, וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזן. און עס איז ניט געבליבן קיין גרינס פון אַ בוים אָדער פון אַ גרעזל פון פעלד אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

האָט פַּרעה גערופן אויף גיך משהן און אַהרֹנען און האָט געזאָגט:

„איך האָב געזינדיקט צו יהוה אײַער גאָט און צו אײַך. און איצט פֿאַרגיב, איך בעט דיך, מײַן זינד, בלויז דאָס מאָל, און בעט צו יהוה אײַער גאָט, ער זאָל אַוועקנעמען פון מיר נאָר דעם דאָזיקן טויט".

איז ער אַרויסגעגאַנגען פון פַּרעהן, און האָט געבעטן צו גאָט.

און גאָט האָט געשיקט זייער אַ שטאַרקן מַערָב־ווינט, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן דעם היישעריק און האָט אים אַרײַנגע־

שטופּט אין ים־סוף. קיין איין איינציקער היישעריק איז ניט געבליבן אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

אָבער גאָט האָט האַרט געמאַכט פַּרעהס האַרץ און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פון יִשׂרָאֵל.

די נײַנטע מַכּה

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„שטרעק אויס דײַן האַנט אַקעגן הימל, און זאָל ווערן אַ פינצטערניש איבערן לאַנד מִצרַיִם, אַז מע זאָל קענען אָנטאַפּן די פינצטערניש!"

האָט משה אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אַקעגן הימל, און עס איז געווען אַ שטאָק־פינצטערניש איבערן לאַנד מִצרַיִם דרײַ טעג. די מִצרים האָבן איינער דעם אַנדערן ניט געזען, און זיי האָבן זיך קיינער ניט אויפגעהויבן פון זייער אָרט דרײַ טעג. אָבער בײַ אַלע קינדער פון יִשׂרָאֵל איז געווען ליכטיק אין זייערע וווינערטער.

האָט פַּרעה גערופן משהן און האָט געזאָגט:

—„גייט, דינט יהוה! נאָר אײַערע שאָף און אײַערע רינדער זאָלן זיך אָפּשטעלן; אײַערע געזינדן זאָלן אויך גיין מיט אײַך!"

האָט משה געזאָגט:

—„אונדזער פי מוז מיטגיין מיט אונדז; ווײַל דערפון וועלן מיר נעמען אויף צו דינען יהוה אונדזער גאָט. און מיר ווייסן ניט, מיט וואָס מיר וועלן דאַרפן דינען יהוה, ביז מיר וועלן קומען אַהין".

אָבער גאָט האָט האַרט געמאַכט פַּרעהס האַרץ און ער האָט זיי ניט געוואָלט אַוועקלאָזן.

און פַּרעה האָט צו אים געזאָגט:

—„גיי אַוועק פון מיר! היט זיך, זאָלסט מער מײַן פּנים ניט זען, ווײַל אין דעם טאָג וואָס דו זעסט מײַן פּנים, וועסטו שטאַרבן!"

האָט משה געזאָגט:

—„האָסט ריכטיק גערעדט! איך וועל מער ווידער דײַן פּנים ניט זען!"

און משה האָט געזאָגט:

—„אַזוי האָט גאָט געזאָגט—אַרום האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסגיין אין מִצרַיִם; און עס וועט שטאַרבן יעטוועדער בְּכוֹר אין לאַנד מִצרַיִם: פון דעם בְּכוֹר פון פַּרעהן וואָס דאַרף זיצן אויף זײַן טראָן ביז דעם בְּכוֹר פון דער דינסט וואָס הינטער די מילשטיינער; און אויך יעטוועדער בְּכוֹר פון אַ בְּהֵמה.

„און עס וועט ווערן אַ גרויס געשריי אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, וואָס אַזאַ איז ניט געווען און אַזאַ וועט מער ניט זײַן.

„אָבער אַקעגן אַלע קינדער פון יִשׂרָאֵל וועט אַ הונט ניט אַ ריר טאָן זײַן צונג, ניט קעגן אַ מענטשן, ניט קעגן אַ בְּהֵמה; כּדֵי איר זאָלט וויסן, אַז יהוה טיילט אָפּ צווישן מִצרַיִם און צווישן יִשׂרָאֵל.

„און אָט די אַלע קנעכט דײַנע וועלן אַראָפּנידערן צו מיר, און וועלן זיך בוקן צו מיר, אַזוי צו זאָגן: ‚גיי אַרויס דו מיט דײַן גאַנצן פאָלק וואָס הינטער דיר!'—און נאָך דעם וועל איך אַרויסגיין".

און משה איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פּרעהן אין גרימצאָרן.

אָבער גאָט האָט האַרט געמאַכט פּרעהס האַרץ און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פֿון ישׂראל פֿון זײַן לאַנד.

דער קרבן־פּסח

און משה האָט גערופֿן אַלע עלטסטע פֿון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט:

„זאָל יעטוועדער משפּחה נעמען אַ שאָף און שעכטן דעם קרבן־פּסח. און איר זאָלט נעמען אַ בינטל אָזוב־גראָז און אײַנטונקען אין דעם בלוט וואָס אין בעקן, און איר זאָלט צו־רירן איבער דער טיר און בײַ ביידע זײַטן פֿון טיר מיטן בלוט וואָס אין בעקן. און קיינער פֿון אײַך זאָל ניט אַרויסגיין פֿון דעם אײַנגאַנג פֿון זײַן הויז ביז אין דער פֿרי.

„און אַז גאָט וועט דורכגיין צו שלאָגן מצרים, וועט ער זען דאָס בלוט איבער דער טיר און בײַ די ביידע זײַטן פֿון טיר, און גאָט וועט איבערהיפּן איבערן אײַנגאַנג, און וועט ניט דערלאָזן דער אומברענגער זאָל אַרײַנקומען אין אײַער הויז.

„און איר זאָלט אָפּהיטן די דאָזיקע זאַך ווי אַ געזעץ פֿאַר דיר און פֿאַר דײַנע קינדער אויף אייביק. און עס וועט זײַן אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס גאָט וועט אײַך געבן, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, זאָלט איר דאָס אויך אָפּהיטן.

„און עס וועט זײַן אַז אײַערע קינדער וועלן אײַך פֿרעגן: ‚וואָס איז דאָס בײַ אײַך אַזאַ מין דינען גאָט?‘ זאָלט איר זאָגן:

אַ קָרבּן־פֶּסח איז דאָס צו גאָט, ווײַל ער האָט איבערגעהיפּט* איבער די הײַזער פון די קינדער פון יִשׂראֵל אין מִצרַיִם, ווען ער האָט געשלאָגן מִצרַיִם, און אונדזערע הײַזער האָט ער געראַטעוועט".

האָט דאָס פאָלק זיך גענייגט און זיך געבוקט. און די קינדער פון יִשׂראֵל זײַנען געגאַנגען און האָבן געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן און אַהרֹנען, אַזוי האָבן זיי געטאָן.

די צענטע מַכּה

און עס איז געווען האַלבע נאַכט, אַזוי האָט גאָט געשלאָגן יעטוועדער בכוֹר אין לאַנד מִצרַיִם, פון דעם בכוֹר פון פַּרעהן וואָס האָט געזאָלט זיצן אויף זײַן טראָן, ביז דעם בכוֹר פון געפאַנגענעם וואָס איז אין תּפיסה; און יעטוועדער בכוֹר פון אַ בהמה.

און פַּרעה איז אויפגעשטאַנען בײַ דער נאַכט, ער און אַלע זײַנע קנעכט און גאַנץ מִצרַיִם. און עס איז געוואָרן אַ גרויס געשריי אין מִצרַיִם, ווײַל עס איז ניט געווען אַ הויז וואָס דאָרטן זאָל ניט זײַן אַ טויטער. און ער האָט גערופן משהן און אַהרֹנען בײַ דער נאַכט און האָט געזאָגט:

„שטייט אויף, גייט אַרויס פון צווישן מײַן פאָלק, אי איר, אי די קינדער פון יִשׂראֵל, און גייט דינט יהוה, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט! נעמט אי אײַערע שאָף, אי אײַערע רינדער, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט — און גייט! און בענטשט מיך אויך!"

---

* איבערגעהיפּט — פּסח, אין העברעאיש.

ט. די קינדער פון יִשְׂרָאֵל גייען אַרויס פון מִצְרַיִם
(יציאַת מִצְרַיִם)

מַצות

און די מִצרים זײַנען צוגעשטאַנען צו דעם פאָלק, זיי אַרויסצושיקן וואָס גיכער פון לאַנד, ווײַל זיי האָבן געזאָגט: „מיר וועלן אַלע אויסשטאַרבן!"

און דאָס פאָלק האָט גענומען זייער טייג איידער עס איז געזײַערט געוואָרן; זייערע מולטערס מיט טייג זײַנען געווען אײַנגעבונדן אין די טיכער אויף זייערע אַקסלען.

און די קינדער פון יִשְׂרָאֵל זײַנען אַרויס פון רַעַמְסֵס און געגאַנגען קיין סוכּות, אַרום זעקס הונדערט טויזנט פוסגייער, מענער, אַחוץ קינדער, און אויך אַ סך געמישט פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיי; און שאָף און רינדער זייער אַ גרויסע סטאַדע.

און די קינדער פון יִשְׂרָאֵל האָבן געבאַקן פון דעם טייג וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון מִצְרַיִם קוכנס מַצה, ווײַל עס האָט ניט געקאָנט זויער ווערן, ווײַל זיי זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מִצְרַיִם, און אַפילו קיין שפּײַז האָבן זיי זיך ניט צוּגעגרייט.

(און די קינדער פון יִשְׂרָאֵל זײַנען געזעסן אין מִצְרַיִם פיר הונדערט און דרײַסיק יאָר. און עס איז געווען צום סוף פון פיר הונדערט און דרײַסיק יאָר, גענוי אין דעם דאָזיקן טאָג, זײַנען אַלע מַחנות פון גאָט אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצְרַיִם.

דערפאַר איז אָט די זעלביקע נאַכט אַ וואַכנאַכט* צו גאָט בײַ אַלע קינדער פון ישׂראל אויף זייערע דור־דורות).

און משה האָט געזאָגט צום פאָלק:

„געדענקט דעם דאָזיקן טאָג וואָס איר זײַט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט! און אַז גאָט וועט דיך ברענגען אין לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרן דײַנע עלטערן דיר צו געבן, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק — זאָלסטו זיבן טעג עסן מצות. מצות זאָל מען עסן אין די זיבן טעג, און מע זאָל ניט זען בײַ דיר קיין חמץ**, און מע זאָל ניט זען בײַ דיר קיין זויערטייג — אין דײַן גאַנצן לאַנד. און זאָלסט דערציילן דײַן זון אין יענעם טאָג אַזוי צו זאָגן: ,דאָס איז פון וועגן דעם וואָס גאָט האָט מיר געטאָן בײַם אַרויסגיין פון מצרים׳. זאָלסט אָפּהיטן דאָס דאָזיקע געזעץ אין זײַן געשטעלטער צײַט, פון יאָר צו יאָר".

די קינדער פון ישׂראל גייען צום ים־סוף

און עס איז געווען, אַז פּרעה האָט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק, האָט זיי גאָט ניט געפירט אויף דעם וועג פון דעם לאַנד פון די פּלשתים, הגם ער איז געווען נאָענט. ווײַל גאָט האָט געזאָגט:

„דאָס פאָלק וועט נאָך חרטה האָבן, אַז זיי וועלן דערזען מלחמה, און זיי וועלן זיך אומקערן קיין מצרים". און גאָט האָט

* וואַכנאַכט — אַ נאַכט וואָס מען דאַרף אָפּהיטן.

** חמץ — ברויט געמאַכט פון געזײַערטן טייג.

געפירט דאָס פאָלק אַרום, אויפן וועג פון מִדבָּר בײַם ים־סוף. און די קינדער פון ישׂרָאֵל זײַנען באַוואָפנטע אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם.

און משה האָט מיטגענומען מיט זיך די ביינער פון יוסֵפן; ווײַל באַשוואָרן האָט ער באַשוואָרן די קינדער פון ישׂרָאֵל אַזוי צו זאָגן:

„דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך; זאָלט איר אַרויפברענגען מײַנע ביינער פון דאַנען מיט אײַך".

און זיי האָבן געצויגן פון סוכות און האָבן גערוט בײַם ראַנד פון מִדבָּר. און גאָט איז געגאַנגען זיי פאָרויס, בײַ טאָג– אין אַ זײַל פון וואָלקן זיי צו פירן אויפן וועג, און בײַ נאַכט–אין אַ זײַל פײַער זיי צו לײַכטן: כּדֵי צו קענען גיין בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

פַּרעה יאָגט נאָך די קינדער פון ישׂרָאֵל

האָט מען אָנגעזאָגט דעם מֶלך פון מִצרַיִם, אַז דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן. און דאָס האַרץ פון פַּרעהן און פון זײַנע קנעכט איז פאַרקערט געוואָרן אַקעגן דעם פאָלק און זיי האָבן געזאָגט:

„וואָס האָבן מיר דאָ געטאָן?! וואָס האָבן מיר אַוועקגעלאָזן ישׂרָאֵל פון דינען אונדז!"

האָט פַּרעה אײַנגעשפּאַנט זיין רײַטוואָגן און האָט גענומען מיט זיך זײַן פאָלק. און ער האָט מיטגענומען זעקס הונדערט געקליבענע רײַטוועגן און עלטסטע איבער זיי אַלע. און גאָט האָט האַרט געמאַכט דאָס האַרץ פון פַּרעה דעם מֶלך פון מִצרַיִם און ער האָט נאָכגעיאָגט די קינדער פון ישׂרָאֵל.

און די מִצרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט: אַלע פערד, די רײַט־װעגן פון פַּרעהן, און זײַנע רײַטער, און זײַן חַיִל.

און זיי האָבן זיי אָנגעיאָגט, ווען זיי האָבן גערוט בײַם ים.

און ווי פַּרעה האָט זיך דערנענטערט, אַזוי האָבן די קינדער פון יִשׂרָאֵל אויפגעהויבן זייערע אויגן—אָט ציִען זיך הינטער זיי די מִצרים! און זיי האָבן זייער מורא געהאַט! און די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן געשריִען צו גאָט און זיי האָבן געזאָגט צו משהן:

„ציי ווײַל קיין קבָרים זײַנען ניטאָ אין מִצרַיִם, האָסטו אונדז אַרויסגענומען צו שטאַרבן אין מִדבָּר? וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו אונדז, אונדז אַרויסצוציִען פון מִצרַיִם? איז דאָס ניט דאָס וואָרט וואָס מיר האָבן גערעדט צו דיר אין מִצרַיִם אַזוי צו זאָגן: „לאָז אונדז אָפּ און לאָמיר דינען מִצרַיִם?" ווײַל עס איז בעסער פאַר אונדז צו דינען מִצרַיִם איידער מיר זאָלן שטאַרבן אין מִדבָּר!"

האָט משה געזאָגט צום פאָלק:

—„איר זאָלט ניט מורא האָבן! שטייט און זעט די ישועה פון גאָט וואָס ער ברענגט אײַך הײַנט! ווי איר זעט הײַנט די מִצרים—אַזוי וועט איר זיי אויף אייביק מער ווידער ניט אָנזען".

משה שפּאַלט דעם ים

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„וואָס שרײַסטו צו מיר? רעד צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל, זיי זאָלן ציִען. און דו הייב אויף דײַן שטעקן און שטרעק אויס

דײַן האַנט אויפֿן ים — און שפּאַלט אים! און די קינדער פֿון ישׂראל װעלן אַרײַן אין מיטן ים אויף טריקעניש".

און משה האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אויפֿן ים. און גאָט האָט געטריבן דעם ים מיט אַ שטאַרקן מיזרח־װינט אַ גאַנצע נאַכט און געמאַכט דעם ים פֿאַר אַ טריקעניש, און די װאַסערן האָבן זיך צעשפּאָלטן.

און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש. און די װאַסערן זײַנען זײ געװען אַ מויער פֿון זײער רעכטער זײַט און פֿון זײער לינקער זײַט.

און די מצרים האָבן נאָכגעיאָגט, און אַלע פֿערד פֿון פּרעהן, זײַנע רײַטװעגן, און זײַנע רײַטערס, זײַנען אַרײַן נאָך זײ אין מיטן ים.

און עס איז געװען אין דער פֿרימאָרגן־װאַך, האָט גאָט אַראָפּגעקוקט אויף דער מחנה פֿון מצרים מיט אַ זײַל פֿון פֿײַער און װאָלקן, און ער האָט פֿאַרטומלט די מחנה פֿון מצרים. און ער האָט אָפּגעטאָן די רעדער פֿון זײערע רײַט־װעגן, און זײ געמאַכט פֿאָרן מיט שװעריקײַט. און די מצרים האָבן געזאָגט:

„לאָמיר אַנטלויפֿן פֿון ישׂראל, װײַל יהוה האַלט מלחמה פֿאַר זײ מיט מצרים!"

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„שטרעק אויס דײַן האַנט אויפֿן ים, און זאָלן די װאַסערן זיך אומקערן אויף די מצרים, און אויף זײערע רײַטװעגן און אויף זײערע רײַטערס!"

האָט משה אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אויפֿן ים. און דער ים האָט זיך אומגעקערט אַקעגן פֿרימאָרגן צו זײַן שטאַרקײַט און די מִצרים זײַנען אים אָנגעלאָפֿן אַנטקעגן און גאָט האָט אַרײַנגעטרייסלט די מִצרים אין מיטן ים. און די וואַסערן האָבן זיך אומגעקערט און האָבן צוגעדעקט די רײַטוועגן און רײַטערס – דעם גאַנצן חַיִל פֿון פַּרעהן, וואָס איז אַרײַן נאָך זיי אין ים. ניט געבליבן פֿון זיי קיין איין איינציקער!

און די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל זײַנען געגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש, און די וואַסערן זײַנען זיי געווען אַ מויער פֿון זייער רעכטער זײַט און פֿון זייער לינקער זײַט.

און גאָט האָט אין יענעם טאָג געהאָלפֿן יִשׂרָאֵל פֿון דער האַנט פֿון מִצרַיִם, און יִשׂרָאֵל האָט געזען די גרויסע שטאַרקײַט וואָס גאָט האָט געטאָן אַקעגן מִצרַיִם. און דאָס פֿאָלק האָט מוֹרא געהאַט פֿאַר גאָט, און זיי האָבן געגלויבט אין גאָט און אין זײַן קנעכט משה.

דאָס ליד פֿון ים־סוף

דענסטמאָל האָט משה און די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג צו גאָט:

איך וועל זינגען צו יהוה,\
ווײַל ער איז הויך דערהייכט,\
דאָס פֿערד מיט זײַנע רײַטער\
האָט ער געשלײַדערט אין ים!

מײַן שטאַרקײַט און געזאַנג — איז גאָט,
און ער איז פֿאַר מיר אַ ישועה.
דאָס איז מײַן גאָט,
און איך װעל אים באַשײנען!
דער גאָט פֿון מײַן פֿאָטער —
און איך װעל אים דערהײבן!
יהוה איז אַ קריגסמאַן,
יהוה איז זײַן נאָמען,
פּרעהס רײַטװעגן און זײַן חַיִל
האָט ער געװאָרפֿן אין ים,
און זײַנע געקליבענע עלטסטע
זײַנען אין ים־סוף דערטרונקען.
די תְּהוֹמען דעקן זײ צו,
װי אַ שטײן אין די טיפֿענישן גענידערט.

דער פֿײַנד האָט געזאָגט:
איך װעל יאָגן! איך װעל כאַפּן!
איך װעל טײלן רויב!
מײַן באַגער װעט װערן זאַט מיט זײ,
איך װעל ציִען מײַן שװערד,
אויסראָטן װעט זײ מײַן האַנט!
האָסטו מיט דײַן אָטעם אַ בלאָז געטאָן,
האָט דער ים זײ צוגעדעקט.
זײ זײַנען געזונקען װי בלײַ
אין די מעכטיקע װאַסערן!

ווער איז ווי דו, יהוה,
צווישן די מעכטיקע?
ווער איז ווי דו,
פּראַכטיק אין הייליקײַט,
פּאָרכטיק אין לויבונגען,
טוער פון ווונדער!

מִרְיָמס געזאַנג

און מִרְיָם די נביאה, אַהרנס שוועסטער, האָט גענומען די פּויק אין איר האַנט, און אַלע ווײַבער זײַנען אַרויסגעגאַנגען נאָך איר מיט פּויקן און מיט טענץ. און מִרְיָם האָט געזונגען פאַר זיי:

זינגט צו גאָט,
ווײַל ער איז הויך דערהייכט;
דאָס פערד מיט זײַן רײַטער
האָט ער געשלײַדערט אין ים!

י. די קינדער פון ישׂראל ציען צום באַרג סיני

דאָס פאָלק האָט ניט וואָס צו טרינקען

און משה האָט געפירט ישׂראל פון ים־סוף און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום מדבר שור. און זיי זײַנען געגאַנגען דרײַ טעג אין מדבר און האָבן ניט געפונען קיין וואַסער.

און זיי זײַנען געקומען קיין מרה. אָבער זיי האָבן ניט געקענט טרינקען דאָס וואַסער פון מרה, ווײַל עס איז געווען ביטער. דעריבער האָט מען טאַקע גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט מרה*.

און דאָס פאָלק האָט געמורמלט אַקעגן משהן אַזוי צו זאָגן: „וואָס זאָלן מיר טרינקען?"

האָט ער געשריִען צו גאָט, און גאָט האָט אים אָנגעוויזן אַ בוים, און ער האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער — און דאָס וואַסער איז געוואָרן זיס.

דאָרטן האָט משה זיי געגעבן געזעצן און דאָרטן האָט ער זיי געפּרוווט און ער האָט געזאָגט: „אויב הערן וועסטו זיך צוהערן צו דעם קול פון גאָט און וועסט טאָן וואָס עס איז ריכטיק אין זײַנע אויגן און וועסט האָרכן זײַנע געבאָטן און היטן אַלע זײַנע געזעצן — וועל איך דיך פּאַרהיטן פון אַל די קראַנקייטן וואָס איך האָב אָנגעשיקט אויף מצרים".

* מרה — ביטער.

און זיי זײַנען געקומען קיין אֵילים. און דאָרטן זײַנען געװען צװעלף קװאַלן װאַסער און זיבעציק טײטלבײמער; און זיי האָבן דאָרטן גערוט בײַם װאַסער.

דאָס פאָלק האָט ניט װאָס צו עסן.

און זיי האָבן אַװעקגעצױגן פון אֵילים. און די קינדער פון ישׂראֵל זײַנען אָנגעקומען אין מִדבָּר סין, װאָס איז צװישן אֵילים און צװישן סינַי, אין פופצנטן טאָג פון צװײטן חודש נאָך זײער אַרױסגײן פון לאַנד מִצרַיִם.

און די גאַנצע עֵדה פון די קינדער פון ישׂראֵל האָט געמורמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרֹנען אין מִדבָּר. און די קינדער פון ישׂראֵל האָבן צו זיי געזאָגט:

„הַלװאַי װאָלטן מיר געשטאָרבן דורך דער האַנט פון גאָט אין לאַנד מִצרַיִם, װען מיר האָבן געגעסן ברױט צו זאַט. אָבער איר האָט אונדז אַרױסגעבראַכט אָט אין דעם מִדבָּר צו טײטן אונדז אַלעמען דורך הונגער!"

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„זע, איך װעל מאַכן פאַר אײַך, עס זאָל רעגענען ברױט פון הימל – און דאָס פאָלק װעט אַרױסגײן און קלײַבן איטלעכן טאָג די באַדערפעניש פון טאָג".

און משה און אַהרן האָבן געזאָגט צו אַלע קינדער פון ישׂראֵל:

„אין דער פרי װעט איר זען די פּראַכט פון גאָט, װײַל ער האָט געהערט אײַערע מורמלערײַען אַקעגן גאָט. און װאָס

זײַנען מיר — אַז איר מורמלט אַקעגן אונדז? ניט אַקעגן אונדז זײַנען אײַערע מורמלערײַען, נאָר אַקעגן גאָט!"

און אין דער פֿרי איז געווען אַ שיכט טוי אַרום דעם גאַנצן לאַגער. און אַז די שיכט טוי האָט זיך אויפֿגעהויבן — ערשט, אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון מִדבָּר איז עפּעס דינס, שופּיקס, דין אַזוי ווי פֿראָסט אויף דער ערד.

און ווי די קינדער פֿון ישׂרָאֵל האָבן דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „וואָס איז דאָס*?" ווײַל זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס דאָס איז. האָט משה צו זיי געזאָגט:

„דאָס איז דאָס ברויט וואָס גאָט האָט אײַך געגעבן צום עסן. זאָל איטלעכער קלײַבן דערפֿון וויפֿל ער דאַרף צום עסן; איר זאָלט נעמען אַן עומֶר אויף אַ קאָפּ, נאָך דער צאָל פֿון די נפָשות וואָס אין אײַער געצעלט!"

די קינדער פֿון ישׂרָאֵל עסן דעם מַן פֿון הימל

און די קינדער פֿון ישׂרָאֵל האָבן אַזוי געטאָן און זיי האָבן געקליבן — ווער אַ סך און ווער ווייניק. אָבער ווען זיי האָבן געמאָסטן מיט אַן עומֶר, האָט דער וואָס האָט געקליבן אַ סך ניט געהאַט איבעריק, און דעם וואָס האָט ווייניק געקליבן האָט ניט אויסגעפֿעלט! איטלעכער האָט אויפֿגעקליבן וויפֿל ער דאַרף צום עסן.

און משה האָט צו זיי געזאָגט: „קיינער זאָל דערפֿון ניט איבערלאָזן ביז אין דער פֿרי!"

---

* מַן הוא — „וואָס איז דאָס?"

אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו משהן און אַנדערע האָבן איבערגעלאָזט דערפון ביז אין דער פרי. און עס איז געוואָרן ווערעמדיק, און משה האָט געצאָרנט אויף זיי.

און עס איז געווען אויפן זעקסטן טאָג האָבן זיי אָנגעקליבן צוויי מאָל אַזוי פיל ברויט, צוויי עוֹמֶרס פאַר איטלעכן. און אַלע עלטסטע זײַנען געקומען און האָבן דערציילט משהן.

האָט ער צו זיי געזאָגט: „דאָס איז עס טאַקע וואָס גאָט האָט גערעדט: אַ רוטאָג, אַ הייליקער שַבָּת איז מאָרגן צו גאָט! וואָס איר ווילט באַקן–באַקט, און וואָס איר ווילט קאָכן–קאָכט. און אַלץ וואָס בלײַבט איבער, לייגט אַ סך אַוועק צו האַלטן ביז אין דער פרי".

האָבן זיי עס אַוועקגעלייגט ביז אין דער פרי, אַזוי ווי משה האָט באַפוילן, און קיין ווערעם זײַנען אין דעם ניט געווען!

און משה האָט געזאָגט: „עסט עס הײַנט, ווײַל הײַנט איז שַבָּת צו גאָט, הײַנט וועט איר עס ניט געפינען אויפן פעלד. זעקס טעג זאָלט איר עס קלײַבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שַבָּת, דענסטמאָל וועט עס ניט זײַן!"

און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג זײַנען אַנדערע אַרויס־געגאַנגען קלײַבן, אָבער זיי האָבן ניט געפונען. האָט גאָט גע־זאָגט צו משהן: „ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מײַנע גע־באָטן? זעט, אַז גאָט האָט אײַך געגעבן דעם שַבָּת, גיט ער אײַך דערפאַר אין דעם זעקסטן טאָג ברויט אויף צוויי טעג. זאָל איטלעכער זיצן אין דער היים, קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זײַן אָרט אין דעם זיבעטן טאָג".

און דאָס פאָלק האָט גערוט דעם זיבעטן טאָג.

און דאָס הויז פון יִשׂרָאֵל האָט גערופן דעם נאָמען דערפון מַן. און עס איז געווען ווײַס און אַזוי ווי דער זאָמען פון קאָריאַנדער. און דער טַעם דערפון איז געווען אַזוי ווי אַ פלעצל אויף האָניק.

און משה האָט געזאָגט: „דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן – אַן עוֹמֶר פון דעם זאָל ווערן אויפגעהיט פאַר דור־דורות, כּדֵי זיי זאָלן זען דאָס ברויט, וואָס איך האָב אײַך געגעבן צו עסן ווען איך האָב אײַך אַרויסגעפירט פון לאַנד מִצרַיִם".

און משה האָט געזאָגט צו אַהרֹנען: „נעם אַ קרוג און לייג אַהין אַרײַן אַ פולן עוֹמֶר מַן און שטעל עס אַוועק פאַר גאָט, דאָס זאָל אויפגעהיט ווערן פאַר אײַערע דור־דורות".

אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָט עס אַהרן אַוועקגעשטעלט.

און די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן געגעסן דעם מַן פערציק יאָר, ביז זיי זײַנען געקומען צום באַוווינטן לאַנד. זיי האָבן געגעסן דעם מַן ביז זיי זײַנען געקומען צום ברעג פון לאַנד כּנַעַן.

עֲמָלֵק באַפאַלט די קינדער פון יִשׂרָאֵל

און עֲמָלֵק איז געקומען און האָט מִלחָמה געהאַלטן מיט יִשׂרָאֵל אין רפידים. האָט משה געזאָגט צו יהוֹשֻעַן:

„קלײַב זיך אויס מענער און גיי אַרויס, האַלט מִלחָמה מיט עֲמָלֵק. מאָרגן וועל איך זיך שטעלן אויפן שפּיץ באַרג, מיט דעם שטעקן פון גאָט אין מײַן האַנט".

האָט יהושע געטאָן אַזוי ווי משה האָט אים אָנגעזאָגט. און משה און אַהרן און חור זײַנען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג. און עס איז געווען — ווי משה האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט, אַזוי האָט גובר געווען ישׂראל, און ווי ער האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן האַנט — אַזוי האָט גובר געווען עמלק.

און משהס הענט זײַנען געוואָרן שווער. האָבן אַהרן און חור גענומען אַ שטיין און אַוועקגעלייגט אונטער אים, און ער האָט זיך דערויף געזעצט. און אַהרן און חור האָבן אונטער־געלענט זײַנע הענט איינער פון דער זײַט און איינער פון דער אַנדערער זײַט; און זײַנע הענט זײַנען געבליבן פעסט ביז זון־אונטערגאַנג.

און יהושע האָט שוואַך געמאַכט עמלק און זײַן פאָלק מיט דער שאַרף פון שווערד.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„פאַרשרײַב דאָס אויף צו געדענקען אין אַ בוך — אַז אויס־מעקן וועל איך אויסמעקן דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל!"

יתרו קומט צו משהן

און יתרו, משהס שווער, האָט געהערט אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן צו משהן און צו זײַן פאָלק ישׂראל — איז יתרו, משהס שווער, געקומען מיט זײַנע זין און זײַן ווײַב צו משהן אין דעם מדבר, וואָס ער האָט דאָרטן גערוט. און ער האָט געלאָזט וויסן משהן: „איך, דײַן שווער יתרו, קום צו דיר".

און משה איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זײַן שווער און ער האָט זיך געבוקט און האָט אים געקושט און זיי זײַנען אַרײַנגע־גאַנגען אין געצעלט.

און משה האָט דערציילט זײַן שווער אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן צו פַּרעהן און צו מִצרַיִם פון וועגן ישׂרָאֵל, אַלע מאַ־טערנישן וואָס זיי האָט געטראָפן אויפן וועג און ווי גאָט האָט זיי געראַטעוועט.

האָט זיך יִתרוֹ געפרייט איבער אַל דעם גוטן וואָס גאָט האָט געטאָן צו יִשׂרָאֵל, וואָס ער האָט זיי געראַטעוועט פון דער האַנט פון מִצרַיִם. און יִתרוֹ האָט געזאָגט: „געלויבט איז יהוה וואָס האָט אײַך געראַטעוועט פון דער האַנט פון מִצרַיִם און פון דער האַנט פון פַּרעהן".

און יִתרוֹ, משהס שווער, האָט געבראַכט אַ קָרבן צו גאָט. און אַהרן און אַלע עלטסטע פון יִשׂרָאֵל זײַנען געקומען עסן ברויט מיט משהס שווער.

און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט זיך משה געזעצט מִשפּטן דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק איז געשטאַנען פאַר משהן פונעם פרימאָרגן ביזן אָוונט. האָט משהס שווער צוגעזען אַלץ וואָס ער טוט מיט דעם פאָלק און ער האָט געזאָגט:

—„פאַר וואָס טוסטו אַזוי? פאַר וואָס זיצסטו אַליין און דאָס גאַנצע פאָלק שטייט פאַר דיר פון פרימאָרגן ביז אָוונט?"

האָט משה געזאָגט צו זײַן שווער:

—„ווײַל איך מִשפּט צווישן איינעם און צווייטן, און איך גיב צו וויסן די געזעצן פון גאָט און זײַנע געבאָטן".

יִתרוֹ גיט אַן עֵצה ווי צו מִשפּטן דאָס פאָלק

האָט משהס שווער צו אים געזאָגט:

„נישט גוט איז די זאַך וואָס דו טוסט! מיד וועסטו מיד ווערן, אי דו אי אָט דאָס פאָלק וואָס מיט דיר, ווײַל די זאַך איז צו שווער פאַר דיר. דו קענסט עס נישט טאָן אַליין. איצט הער זיך צו צו מײַן קָול. איך וועל דיר אַן עֵצה געבן — און גאָט וועט זײַן מיט דיר!

„דו זאָלסט געפינען פון גאַנצן פאָלק מענטשן וואָס טויגן און האָבן מוֹרא פאַר גאָט, מענטשן פון אֶמת, וואָס האָבן פײַנט גײַציקײַט. זאָלסט זיי מאַכן פאַר די עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונדערט, עלטסטע פון פופציק און עלטסטע פון צען. און זיי זאָלן מִשפּטן דאָס פאָלק צו יעטוועדער צײַט.

„און עס וועט זײַן, יעטוועדער גרויסע זאַך וועלן זיי ברענגען צו דיר און יעטוועדער קליינע זאַך וועלן זיי אַליין מִשפּטן. און זיי וועלן דיר פאַרגרינגערן. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו קענען באַשטיין, און אויך דאָס גאַנצע פאָלק וועט גיין אַהיים אין שָלום".

האָט משה זיך צוגעהערט צו דעם קָול פון זײַן שווער און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. און משה האָט אויסגעקליבן פון גאַנץ יִשׂרָאֵל מענטשן און געמאַכט זיי פאַר עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונדערט, עלטסטע פון פופציק און עלטסטע פון צען. און זיי האָבן געמִשפּט דאָס פאָלק צו יעטוועדער צײַט. אַ שווערע זאַך האָבן זיי געבראַכט צו משהן און יעטוועדער קליינע זאַך האָבן זיי אַליין געמִשפּט.

און משה האָט אַרויסבאַגלייט זײַן שווער און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין זײַן לאַנד.

יא. די קינדער פון יִשׂרָאֵל בײַם באַרג סיני

מַתּן־תּוֹרה

און זיי האָבן געצויגן פון רפידים און זײַנען געקומען אין מִדבָּר סינַי. אין דריטן חודש נאָך דעם ווי די קינדער פון יִשׂרָאֵל זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם, זײַנען זיי אָנגעקומען אין מִדבָּר סינַי; און יִשׂרָאֵל האָט דאָרטן גערוט אַקעגן באַרג.

און משה איז אַרויפגעגאַנגען צו גאָט, און גאָט האָט גערופן צו אים פון באַרג אַזוי צו זאָגן:

„דאָס זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יַעקב און דערציילן די קינדער פון יִשׂרָאֵל — איר האָט געזען וואָס איך האָב געטאָן מיט מִצרַיִם, און ווי איך האָב אײַך געטראָגן אויף אָדלער־פליגלען, און האָב אײַך געבראַכט צו מיר. און איצט, אויב הערן וועט איר זיך צוהערן צו מײַן קָול און איר וועט היטן מײַן בונד, וועט איר מיר זײַן מײַן טײַער אייגנס פון צווישן אַלע פעלקער, ווײַל צו מיר געהערט די גאַנצע ערד. און איר וועט מיר זײַן אַ קיניגטום פון כֹּהנים און אַ הייליק פאָלק. דאָס זײַנען די ווערטער וואָס דו זאָלסט ריידן צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל".

און משה איז געקומען און האָט צונויפגערופן די עלטסטע פון פאָלק און האָט זיי איבערגעגעבן די ווערטער וואָס גאָט

האָט אים באַפוילן. האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק אין איינעם און האָט געזאָגט:

„אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט — וועלן מיר טאָן!"

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „זע, איך קום צו דיר אין אַ געדיכטן וואָלקן, כּדי דאָס פאָלק זאָל הערן ווי איך רייד מיט דיר, און אויך אין דיר זאָלן זיי גלויבן אויף אייביק".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „גיי צום פאָלק און זאָלסט זיי הייליקן הײַנט און מאָרגן, און זיי זאָלן וואַשן זייערע קליידער. און זיי זאָלן זײַן צוגעגרייט צום דריטן טאָג".

האָט משה אַראָפּגענידערט פון באַרג צום פאָלק און האָט געהייליקט דאָס פאָלק, און זיי האָבן געוואַשן זייערע קליידער. און ער האָט געזאָגט צום פאָלק:

„זײַט צוגעגרייט צום דריטן טאָג!"

און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג ווי עס איז געוואָרן פרימאָרגן, אַזוי זײַנען געוואָרן דונערן און בליצן, און אַ שווע־רער וואָלקן אויפן באַרג, און דער קָול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין לאַגער האָט געציטערט.

און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון לאַגער, און זיי האָבן זיך געשטעלט אונטערן באַרג. און דער באַרג סיני איז געווען אין גאַנצן אין רויך. און זײַן רויך איז אויפגעגאַנגען ווי דער רויך פון אַ קאַלכאויוון, און דער גאַנצער באַרג האָט זייער געציטערט. און דער קָול פון שופר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

די צען געבאָט

און גאָט האָט גערעדט אַזוי צו זאָגן:

א. איך בין יהוה דײַן גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

ב. זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מײַן פּנים.

ג. זאָלסט ניט אַרויפּברענגען דעם נאָמען פון יהוה דײַן גאָט צום פאַלשן.

ד. געדענק דעם טאָג שַבָּת אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דײַנע מלאָכות, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שַבָּת. זאָלסט ניט טאָן קיין מלאָכה, דו, דײַן זון, און דײַן טאָכטער, דײַן קנעכט, און דײַן דינסט, און דײַן בְּהֵמה, און דײַן פרעמדער וואָס אין דײַנע טויערן.

ה. האַלט אין כָּבוד דײַן פאָטער און דײַן מוטער.

ו. זאָלסט ניט מאָרדן.

ז. זאָלסט ניט זײַן צעלאָזן.

ח. זאָלסט ניט גַנבענען.

ט. זאָלסט ניט זאָגן פאַלשע עֵדות.

י. זאָלסט ניט גלוסטן דײַן חברס הויז, אָדער זײַן אָקס, אָדער זײַן אייזל, אָדער וואָס נאָר עס איז דײַן חברס.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די דונערן און די פלאַמען און דעם קָול פון שופר, און דעם רויכיקן באַרג. און ווי נאָר דאָס פאָלק האָט עס געזען, האָבן זיי געציטערט, און זיי זײַנען געשטאַנען פון דער ווײַטן.

און זיי האָבן געזאָגט צו משהן:

„רייד דו צו אונדז און מיר וועלן הערן — און זאָל ניט ריידן צו אונדז גאָט, מיר וועלן חלילה שטאַרבן!"

האָט משה געזאָגט צום פאָלק: „איר זאָלט ניט מורא האָבן!"

און דאָס פאָלק איז געשטאַנען פון דער ווײַטן, און משה האָט זיך דערנענטערט צום וואָלקן וואָס דאָרטן איז געווען גאָט.

די קינדער פון ישׂראל קריגן געזעצן

האָט משה דערציילט דעם פאָלק אַלע ווערטער פון גאָט און אַלע געזעצן. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט מיט איין קול און געזאָגט:

— „אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן".

און משה האָט פאַרשריבן אַלע ווערטער פון גאָט. און ער איז אויפגעשטאַנען פרי און האָט געבויט אַ מזבח אונטערן באַרג און צוועלף זײַלן פון שטיין אַקעגן די צוועלף שבטים פון ישׂראל. און ער האָט גענומען דאָס בוך פון בונד און געלייענט אין די אויערן פון פאָלק. און זיי האָבן געזאָגט:

— „אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„דאָס זײַנען די געזעצן וואָס דו זאָלסט זיי געבן":

געזועצן וועגן גערעכטן מִשפּט

ריכטער און אויפזועער זאָלסטו דיר מאַכן אין אַלע דײַנע שטעט, וואָס גאָט דײַן האַר גיט דיר, און זיי זאָלן מִשפּטן דאָס פֿאָלק מיט אַ גערעכטן מִשפּט. זאָלסט ניט פֿאַרדרייען אַ מִשפּט. זאָלסט ניט נעמען שוחַד, ווײַל שוחַד מאַכט בלינד די אויגן פֿון קלוגע און מאַכט קרום די ווערטער פֿון גערעכטע. נאָך גערעכטיקײַט, נאָך גערעכטיקײַט זאָלסטו זיך יאָגן, כּדי דו זאָלסט לעבן און זאָלסט יַרשען דאָס לאַנד וואָס גאָט דײַן האַר גיט דיר.

זאָלסט ניט פֿאַרדרייען דעם מִשפּט פֿון אַ פֿרעמדן, פֿון אַ יָתום. און זאָלסט ניט נעמען אין מַשכּון דעם בֶּגֶד פֿון אַן אַלמָנה. און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מִצרַיִם און גאָט דײַן האַר האָט דיך אויסגעלייזט פֿון דאָרטן. דעריבער באַפֿעל איך דיר צו טאָן די דאָזיקע זאַך.

זאָלסט ניט אַרויסלאָזן קיין פֿאַלשן קלאַנג. זאָלסט ניט מאַכן איין האַנט מיט דעם רָשע צו זײַן אַן עֵדות אויף אומרעכט.

זאָלסט ניט נאָכגיין נאָך דער מערהײַט צו טאָן בייז. און אין אַ קריג זאָלסטו ניט עֵדות זאָגן כּדֵי זיך צו נייגן נאָך דער מערהײַט צו פֿאַרדרייען.

זאָלסט ניט פֿאַרדרייען דאָס רעכט פֿון אָרעמאַן אין זײַן קריג.

זאָלסט ניט טאָן קיין עַוולה אין אַ מִשפּט. זאָלסט ניט שוינען דעם פּנים פֿון אַן אָרעמאַן און ניט שאַנעווען דעם פּנים פֿון אַ גרויסן מאַן. מיט גערעכטקײַט זאָלסטו מִשפּטן. דײַן

חבר. זאָלסט ניט אַרומגיין מיט רכילות צווישן דייַן פאָלק. זאָלסט ניט שטיין רואיק בייַם בלוט פון דייַן חבר.

פון אַ פאַלשן פּסק זאָלסטו זיך דערווייַטערן. און אַן אומ־שולדיקן און אַ גערעכטן זאָלסטו ניט הרגען, ווייַל איך וועל ניט לאָזן בלייַבן גערעכט דעם שולדיקן.

געזעצן וועגן ערלעכקייַט און וועגן באַצאָלן פאַר אַ שאָדן

איר זאָלט ניט גנבענען. איר זאָלט ניט פאַרלייקענען און איר זאָלט ניט זאָגן קיין ליגן איינער דעם אַנדערן.

זאָלסט ניט האָבן צווייערליי וואָגשטיינער, גרעסערע און קלענערע. זאָלסט ניט האָבן צווייערליי מאָסן, גרעסערע און קלענערע. אַ פול און ריכטיק געוויכט זאָל זייַן בייַ דיר. אַ פולע און אַ ריכטיקע מאָס זאָל זייַן בייַ דיר, כּדי דייַנע טעג זאָלן זיך לענגערן אויף דער ערד וואָס גאָט דייַן האַר גיט דיר. ווייַל מיאוס איז בייַ גאָט איטלעכער וואָס טוט דאָס—איטלע־כער וואָס טוט אַן עוולה.

אַז אַ מאַן וועט עפענען אַ גרוב אָדער אַ מאַן וועט גראָבן אַ גרוב און וועט זי ניט צודעקן, און אַהין וועט אַרייַנפאַלן אַן אָקס אָדער אַן אייזל—זאָל דער באַלעבאָס פון גרוב באַצאָלן. געלט זאָל ער אומקערן צו זייער באַלעבאָס און די טויטע בהמה זאָל געהערן צו אים.

אַז אַ מאַנס אָקס וועט שעדיקן דעם אָקס פון זייַן חבר און ער וועט אַוועקפאַלן, זאָלן זיי פאַרקויפן דעם לעבעדיקן אָקס און זיך צעטיילן מיטן געלט; און אויך מיטן טויטן זאָלן זיי זיך

צעטיילן. אויב אָבער עס איז באַוווּסט אַז ער איז אַ שטויסיקער אָקס פון לאַנג אָן, און זײַן באַלעבאָס האָט אים ניט געהיט—זאָל ער באַצאָלן אַן אָקס פאַר אַן אָקס, און דער טויטער זאָל געהערן צו אים.

אַז אַ מאַן וועט אַרויסלאָזן זײַן בהמה און זי וועט אָפּעסן אין אַנדערנס פעלד, זאָל ער באַצאָלן מיט דעם בעסטן פון זײַן פעלד און מיט דעם בעסטן פון זײַן ווײַנגאָרטן.

אַז אַ מאַן וועט גַנבענען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס און וועט אים שעכטן אָדער ער וועט אים פאַרקויפן—זאָל ער באַצאָלן פינף רינדער פאַרן אָקס און פיר שאָף פאַרן שעפּס. אויב די גנֵבה ווערט געפונען אין זײַן האַנט אַ לעבעדיקע, סײַ אַן אָקס, סײַ אַן אייזל, סײַ אַ שעפּס—זאָל ער באַצאָלן טאָפּל. באַצאָלן מוז ער באַצאָלן; אויב ער האָט ניט—זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר זײַן גנֵבה.

געזעצן צו שיצן די שוואַכע

אַן אַלמָנה און אַ יָתום זאָלט איר ניט פּײַניקן. אויב פּײַניקן וועסטו אים פּײַניקן, איז ווי נאָר ער וועט שרײַען צו מיר, וועל איך זיכער זיך צוהערן צו זײַן געשריי.

אַז בײַ דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין אײַער לאַנד, זאָלסטו אים ניט קריוודען. אַזוי ווי אַן אײַנגעבאָרענער פון אײַך זאָל זײַן דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף בײַ אײַך; און זאָלסט אים ליב האָבן אַזוי ווי זיך אַליין, ווײַל פרעמדע זײַט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם.

זאָלסט ניט דריקן קיין אָרעמאַן און נויטבאַדערפטיקן לוינאַרבעטער פון דײַנע ברידער, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס אין דײַן לאַנד, אין דײַנע טויערן. אין דעם אייגענעם טאָג זאָלסטו אָפּגעבן זײַן לוין, און די זון זאָל ניט אונטער־גיין דערויף, ווײַל ער איז אַן אָרעמאַן, און ער קוקט אויס דערויף.

זאָלסט ניט דריקן דײַן חבר און ניט באַגזלען. זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם בײַ דיר ביז אין דער פרי.

געזעצן וועגן לײַען און וועגן מַשכּנות

זאָלסט ניט לײַען דײַן ברודער אויף צינזן, צינזן פון געלט, צינזן פון עסנוואַרג, צינזן פון יעטוועדער זאַך.

אַז דו וועסט לײַען געלט, דעם אָרעמאַן בײַ דיר, זאָלסטו ניט צושטיין צו אים ווי אַ מאָנער; איר זאָלט ניט אַרויפלייגן אויף אים קיין צינזן.

אַז דו וועסט אַנטלײַען דײַן חבר וואָסער עס איז הַלוָאָה, זאָלסטו ניט אַרײַנגיין צו אים אין הויז צו נעמען זײַן מַשכּון. אין דרויסן זאָלסטו שטיין, און דער מאַן וואָס דו אַנטלײַסט אים זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם מַשכּון אין דרויסן.

אַז דו וועסט נעמען אין מַשכּון דײַן חברס קלייד, זאָלסטו עס אים אומקערן איידער די זון גייט אונטער. ווײַל דאָס איז זײַן אייניציקער צודעק, דאָס איז זײַן קלייד פאַר זײַן לײַב; און וואָס וועט ער שלאָפן? אומקערן זאָלסטו אים אומקערן דעם

מַשכּון איידער די זון גייט אונטער, כּדֵי ער זאָל זיך לייגן אין זיַין צודעק און דיך בענטשן, און פון דיר וועט עס זיַין אַ גער־ רעכטיקיַיט פאַר גאָט דיַין האַר.

מע זאָל ניט נעמען אין מַשכּון אַ האַנטמיל אָדער אַן אייבערשטן מילשטיין, וויַיל אַ נֶפש נעמט מען אין מַשכּון.

געזעצן וועגן קנעכט

אַז דיַין ברודער אַ ייִד, אָדער אַ ייִדישע פרוי, וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָל ער דיר דינען זעקס יאָר, און אויפן זיבעטן יאָר זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פריַי פון דיר. און אַז דו לאָזט אים אַרויס פריַי פון דיר, זאָלסטו אים ניט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן. באַשענקען זאָלסטו אים באַשענקען פון דיַינע שאָף, און פון דיַין שיַיער, און פון דיַין קעלטער. מיט וואָס גאָט דיַין האַר האָט דיך געבענטשט, דערפון זאָלסטו אים געבן. און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געוועזן אין לאַנד מִצרַיִם.

און עס וועט זיַין אַז ער וועט זאָגן צו דיר: איך וויל ניט אַוועקגיין פון דיר, וויַיל איך האָב ליב דיך און דיַין הויזגעזינד. וויַיל אים איז גוט בַיַי דיר, זאָלסטו נעמען אַן אָל, און דורכ־ שטעכן אים אַן אויער, און ער זאָל דיר זיַין אַן אייביקער קנעכט; און אויך צו דיַין דינסט זאָלסטו טאָן אַזוי.

און אַז דיַין ברודער וועט אָרעם ווערן בַיַי דיר און וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָלסטו ניט אַרבעטן מיט אים אַזוי ווי

מע אַרבעט מיט אַ קנעכט, ווײַל מײַנע קנעכט זײַנען זיי, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם. זאָלסט ניט הערשן איבער אים מיט האַרטיקייט און זאָלסט מורא האָבן פאַר דײַן גאָט.

זאָלסט ניט איבערגעבן אַ קנעכט צו זײַן האַר, ווען ער ראַטעוועט זיך צו דיר פון זײַן האַר. בײַ דיר זאָל ער זיצן, אין דײַן מיט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן, אין איינעם פון דײַנע טויערן, ווו אים איז בעסער. זאָלסט אים ניט קריוודען.

און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן דאָס אויג פון זײַן קנעכט, אָדער דאָס אויג פון זײַן דינסט, און וועט עס איבערפירן, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פרײַ פאַר זײַן אויג. און אַז ער וועט אויסהאַקן אַ צאָן פון זײַן קנעכט אָדער אַ צאָן פון זײַן דינסט, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פרײַ פאַר זײַן צאָן.

און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן זײַן קנעכט אָדער זײַן דינסט מיט אַ שטעקן, און ער וועט שטאַרבן אונטער זײַן האַנט — זאָל ער באַשטראָפט ווערן.

געזעצן וועגן טויטשטראָף

דער וואָס שלאָגט אַ מענטשן און ער שטאַרבט — זאָל גע־טייט ווערן.

דער וואָס גַנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים, אָדער ער ווערט געפונען אין זײַן האַנט — זאָל געטייט ווערן.

איין עֵדות קען ניט עֵדות זאָגן אויף אַ מענטשן, ער זאָל שטאַרבן.

און איר זאָלט ניט אָננעמען קיין אויסלייזגעלט פאַר דעם נֶפש פון דעם מערדער וואָס איז פאַרשולדיקט צום טויט.

געזעץ וועגן שטעט פון אַנטרינונג (עָרֵי מִקלָט)

איר זאָלט אײַך באַשטימען שטעט וואָס זאָלן אײַך זײַן שטעט פון אַנטרינונג. און אַהין זאָל אַנטלויפן דער טויט־שלעגער וואָס דערשלאָגט אַ מענטשן דורך אַ פאַרזען. און די שטעט זאָלן אײַך זײַן פאַר אַנטרינונג פון דעם בלוטמאָנער.

זעקס שטעט פון אַנטרינונג זאָלן בײַ אײַך זײַן: דרײַ שטעט פון איין זײַט יַרדן און דרײַ שטעט פון דער אַנדער זײַט יַרדן, אין לאַנד כּנַעַן.

און דאָס איז דער פאַל פון דעם טויטשלעגער וואָס קען אַהין אַנטלויפן און בלײַבן לעבן:

דער וואָס וועט דערשלאָגן זײַן חבר אָן אַ כּיוון, און ער איז אים ניט געווען קיין שׂונא פון נעכטן און אייערנעכטן. אָט אַז איינער וועט קומען מיט זײַן חבר אין וואַלד האַקן ביימער און זײַן פרײַנד וועט זיך פאַרמעסטן מיט דער האַק אָפּצוהאַקן דעם בוים, און דער אײַזן וועט אָפּשפּרינגען פון הענטל און וועט טרעפן זײַן חבר און ער וועט שטאַרבן. אָדער ער האָט אים אומגעריכט, אָן פײַנטשאַפט, אַ שטויס געטאָן, אָדער ער האָט געשלײַדערט אויף אים עפּעס אַ זאַך אָן אַ כּיוון; אָדער

מיט עפּעס אַ שטיין וואָס מע קען דערפון שטאַרבן, האָט ער געוואָרפן אויף אים אומגעזען — און ער איז געשטאָרבן, און ער איז אים ניט געווען אַ שונא און ניט אויסן געווען זײַן בייז — זאָל ער אַנטלויפן אין איינער פון די דאָזיקע שטעט און בלײַבן לעבן.

עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן אומשולדיק בלוט אין דײַן לאַנד!

געזעץ וועגן אַ געהרגעטן וואָס ווערט געפונען אין פעלד

ווען אַ געהרגעטער וועט געפונען ווערן ליגנדיק אין פעלד, און עס איז ניט באַוווּסט ווער עס האָט אים דערשלאָגן, זאָלן אַרויסגיין דײַנע עלטסטע און דײַנע ריכטער, און זיי זאָלן אָפּמעסטן ביז די שטעט וואָס אַרום דעם געהרגעטן. און עס זאָל זײַן: פון דער שטאָט וואָס איז די נאָענטסטע צום געהרגעטן, זאָלן די עלטערע נעמען אַ יונגע קו, וואָס מיט איר איז נאָך ניט געאַרבעט געוואָרן, וואָס האָט נאָך ניט געצויגן קיין יאָך. און די עלטסטע פון יענער שטאָט זאָלן אַראָפּפירן די קו צו אַ טאָל וואָס ווערט ניט באַאַרבעט און ניט באַזייט; און זיי זאָלן אָפּהאַקן דער יונגער קו דאָס געניק דאָרטן אין טאָל. און אַלע עלטסטע פון יענער שטאָט, די נאָענטסטע צום געהרגעטן, זאָלן וואַשן זייערע הענט איבער דער יונגער קו וואָס מען האָט איר אָפּגעהאַקט דאָס געניק אין טאָל, און זיי זאָלן אויסרופן און זאָגן:

„אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט, און אונדזערע אויגן האָבן ניט געזען. פאַרגיב דײַן פאָלק

יִשׂרָאֵל, וואָס דו, גאָט, האָסט אויסגעלייזט, און לאָז ניט אומ־שולדיק פאַרגאָסן בלוט צווישן דײַן פאָלק יִשׂרָאֵל; און זיי זאָל פאַרגעבן ווערן דאָס בלוט".

געזעצן וועגן מִלחָמה

אַז דו וועסט אַרויסגיין אויף מִלחָמה אַקעגן דײַן פײַנד, זאָלן די אויפזעער ריידן צום פאָלק אַזוי צו זאָגן:

„איז עמעצער דאָ, וואָס האָט געבויט אַ נײַ הויז און האָט עס ניט באַנײַט? זאָל ער גיין און זיך אומקערן אַהיים! טאָמער שטאַרבט ער אין מִלחָמה און אַן אַנדער מאַן וועט עס באַנײַען".

„אָדער איז עמעצער דאָ, וואָס האָט געפלאַנצט אַ ווײַנגאָרטן און האָט אים ניט אָנגעהויבן? זאָל ער גיין און זיך אומקערן אַהיים! טאָמער שטאַרבט ער אין מִלחָמה און אַן אַנדער מאַן וועט עס אָנהייבן!"

„אָדער איז עמעצער דאָ, וואָס האָט פאַרקנַסט אַ ווײַב און האָט זי ניט גענומען? זאָל ער גיין און זיך אומקערן אַהיים! טאָמער שטאַרבט ער אין מִלחָמה און אַן אַנדערער וועט זי נעמען".

און די אויפזעער זאָלן ווײַטער ריידן צום פאָלק און זאָגן:

„איז עמעצער דאָ וואָס איז שרעקעדיק און ווייכהאַרציק? זאָל ער גיין און זיך אומקערן אַהיים! כּדי דאָס האַרץ פון זײַנע ברידער זאָל ניט צעגיין אַזוי ווי זײַן האַרץ!"

און עס וועט זײַן ווי די אויפזעער ענדיקן ריידן צום פאָלק, זאָלן זיי אויפזעצן חיל־פירער איבערן פאָלק.

און אַז דו וועסט זיך דערנענטערן צו אַ שטאָט, צו האַלטן מִלחָמה אויף איר, זאָלסטו איר צורופן שָלום. און עס וועט זײַן, אויב זי וועט דיר ענטפערן שָלום און וועט דיר עפענען— זאָל דאָס גאַנצע פאָלק וואָס געפינט זיך אין איר דיר דינען. אויב אָבער זי וועט ניט אײַנגיין אויף שָלום מיט דיר, און וועט פירן מִלחָמה קעגן איר, זאָלסטו זי באַלאַגערן.

אַז דו וועסט באַלאַגערן אַ שטאָט אַ סך טעג, כּדי זי אײַנצונעמען, זאָלסטו ניט צעשטערן אירע ביימער דורך אויפהייבן דערויף אַ האַק. עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו ניט; ווײַל איז דען דער בוים פון פעלד אַ מענטש, וואָס דו קומסט אים באַלאַגערן? בלויז אַ בוים וואָס דו ווייסט אַז ער איז ניט קיין בוים צו עסן—אים מעגסטו צעשטערן און אָפּהאַקן און בויען באַלאַגער־ווערק אַרום דער שטאָט וואָס האַלט מיט דיר מִלחָמה.

געזעצן וועגן מֶלך

אַז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד, וואָס גאָט דײַן האַר גיט דיר און וועסט עס יַרשענען און וועסט זיך באַזעצן דערינען און דו וועסט זאָגן: „איך וויל מאַכן אַ מֶלך איבער מיר אַזוי ווי אַלע פעלקער אַרום מיר"—

מאַכן זאָלסטו מאַכן אַ מֶלך איבער זיך דעם, וואָס גאָט דײַן האַר וועט אים אויסדערוויילן.

פון צווישן דײַנע ברידער זאָלסטו מאַכן איבער זיך אַ מֶלך; טאָרסט ניט אויפזעצן איבער זיך אַ פרעמדן מאַן וואָס איז ניט דײַנער אַ ברודער.

אָבער ער זאָל זיך ניט מערן פערד, און ניט אומקערן דאָס פאָלק אין מִצרַיִם כּדֵי צו מערן פערד – וואָס גאָט האָט אײַך אָנגעזאָגט: „איר זאָלט זיך מער ניט אומקערן אויף דעם דאָזיקן וועג!"

אויך זילבער און גאָלד זאָל ער זיך ניט מערן אַ סך.

און עס וועט זײַן, אַז ער זעצט זיך אויף דעם טראָן פון זײַן מלוכה, זאָל ער זיך אויפשרײַבן אַן איבערחזרונג פון דער תּורה אויף אַ בוך. און דאָס זאָל זײַן בײַ אים און ער זאָל לייענען דערין אַלע טעג פון זײַן לעבן, כּדֵי ער זאָל לערנען מורא צו האָבן פאַר גאָט זײַן האַר צו היטן אַלע ווערטער פון דער תּורה און די דאָזיקע געזעצן, זיי צו טאָן; אַז זײַן האַרץ זאָל זיך ניט דערהייבן איבער זײַנע ברידער און ער זאָל זיך ניט אָפּקערן פון די געבאָטן רעכטס אָדער לינקס.

געזעצן וועגן שמיטה

זעקס יאָר זאָלסטו פאַרזייען דײַן פעלד, און זעקס יאָר זאָלסטו אַרומשנײַדן דײַן ווײַנגאָרטן און אײַנזאַמלען דעם אײַנטראָג דערפון. אָבער אויפן זיבעטן יאָר זאָל זײַן אַ שַׁבָּת פון רו פאַרן לאַנד.

דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן און עס איבער־לאָזן פרײַ, כּדֵי די אָרעמע פון דײַן פאָלק זאָלן עסן. און וואָס עס בלײַבט פון זיי, זאָל עסן די חַיָה פון פעלד. דאָס גלײַכן זאָלסטו טאָן מיט דײַן ווײַנגאָרטן, מיט דײַן איילבערט־גאָרטן.

און דאָס איז דער דין פון שמיטה: יעטוועדער וואָס לײַט זאָל אָפּלאָזן וואָס ער האָט געליִען זײַן חבר. ער זאָל ניט

מאָנען פון זײַן חבר און זײַן ברודער, ווען מע האָט אויסגערופן שמיטה צו גאָט.

אַז בײַ דיר וועט זײַן אַן אָרעמאַן, זאָלסטו ניט האַרט מאַכן דײַן האַרץ און ניט צודריקן דײַן האַנט פאַר דײַן ברודער דעם אָרעמאַן. נאָר עפענען זאָלסטו אים עפענען דײַן האַנט און אַנטלײַען זאָלסטו אים אַנטלײַען גענוג פאַר זײַן באַדערפעניש. היט זיך עס זאָל ניט זײַן אין דײַן האַרצן אַ בייזער געדאַנק אַזוי צו זאָגן: „דאָס זיבעטע יאָר, דאָס יאָר פון שמיטה, דערנעענטערט זיך". און דײַן אויג וועט זײַן שלעכט צו דײַן ברודער דעם אָרעמאַן און וועסט אים ניט געבן, און ער וועט רופן איבער דיר צו גאָט און אויף דיר וועט זײַן אַ זינד —

געבן זאָלסטו אים געבן, און דײַן האַרץ זאָל ניט פאַרדריסן ווען דו גיסט אים, ווײַל איבער דער דאָזיקער זאַך וועט דיך גאָט דײַן האַר בענטשן אין אַלץ וואָס דו טוסט און אין אַלץ צו וואָס דײַן האַנט נעמט זיך.

געזעצן וועגן יובל

און זאָלסט אָפּציילן זיבן שבָתים יאָרן, זיבן מאָל זיבן יאָר; און די טעג פון די זיבן שבָתים יאָרן וועלן דיר זײַן נײַן און פערציק יאָר. דערנסטמאָל זאָלסטו אַרויסלאָזן אַ שאַלונג פון שופר. אין זיבעטן חודש אין צענטן טאָג פון חודש, אום יום־כִפור, זאָלט איר אַרויסלאָזן אַ שאַלונג פון שופר אין אײַער גאַנצן לאַנד. און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר. יובל זאָל עס זײַן.

און איר זאָלט זיך אומקערן איטלעכער צו זײַן אייגנטום, און איטלעכער צו זײַן מִשפּחה זאָלט איר זיך אומקערן. יובל זאָל זײַן בײַ אײַך דאָס פופציקסטע יאָר.

איר זאָלט ניט זייען, און ניט שנײַדן זײַנע נאָכוווּקסן, און ניט אַראָפּנעמען פון זײַנע באַשניטענע ווײַנשטאָקן, ווײַל יובל איז דאָס. הייליק זאָל עס זײַן. אין דעם דאָזיקן יאָר פון יובל זאָלט איר זיך אומקערן איטלעכער צו זײַן אייגנטום.

און אַז איר וועט פאַרקויפן צו אַ חבר, אָדער קויפן פון דער האַנט פון אַ חבר, זאָלט איר ניט נאַרן איינער דעם אַנדערן. נאָך דער צאָל יאָרן נאָך דעם יובל זאָלסטו קויפן פון דײַן חבר; נאָך דער צאָל פון תּבואה־יאָרן זאָל ער דיר פאַרקויפן. אויב די יאָרן וועלן זײַן אַ סך, זאָלסטו גרעסער מאַכן דעם פּרײַז, און אויב די יאָרן וועלן זײַן ווייניק, זאָלסטו פאַרקלענערן דעם פּרײַז — ווײַל די צאָל גערעטענישן פאַרקויפט ער דיר. און איר זאָלט ניט נאַרן איינער דעם אַנדערן!

נאָך געזעצן וועגן פעלד און ווײַנגאָרטן

אַז דו קומסט אין דײַן חברס ווײַנגאָרטן מעגסטו עסן ווײַנטרויבן צו זאַט וויפל דו ווילסט, אָבער אין דײַן כּלי זאָלסטו ניט אַרײַנלייגן.

אַז דו קומסט אין דײַן חברס תּבואה, מעגסטו אָפּרײַסן זאַנגען מיט דײַן האַנט, אָבער אַ שנײַדמעסער טאָרסטו ניט אויפהייבן אויף דײַן חברס תּבואה.

און אַז איר שנײַדט דעם שניט פון אײַער לאַנד, זאָלסטו ניט דערענדיקן שנײַדן דעם עק פון דײַן פעלד, און דעם נאָכ־

קלײַב פון דײַן שניט זאָלסטו ניט נאָכקלײַבן. און דײַן װײַנגאָרטן זאָלסטו ניט אַרומקלײַבן ריין; און דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון דײַן װײַנגאָרטן זאָלסטו ניט אױפקלײַבן; פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זײ איבערלאָזן.

און אַז דו װעסט שנײַדן דײַן שניט אין פעלד און װעסט פאַרגעסן אַ גאַרב אין פעלד, זאָלסטו זיך ניט אומקערן אים צו נעמען. פאַרן פרעמדן, פאַרן יָתום און פאַר דער אַלמָנה זאָל עס זײַן.

צום סָוף פון אַלע דרײַ יאָר זאָלסטו אַרױסטראָגן אַ גאַנצן צענטל פון דײַן תּבֿואה און אַװעקלײגן אין דײַנע טױערן. און עס זאָל קומען דער לֵוִי, װײַל ער האָט ניט קײן חֵלֶק און קײן נַחלה בײַ דיר, און דער פרעמדער, און דער יָתום און די אַלמָנה װאָס אין דײַנע טױערן — און זײ זאָלן עסן און זאַט זײַן.

דינים װעגן יָום־טובֿים

שַׁבָּת

זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אױפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען. אַפילו אין אַקערצײַט און אין שניטצײַט זאָלסטו רוען.

איר זאָלט אָפּהיטן מײַנע שַׁבָּתים, װײַל אַ צײכן איז דאָס צװישן מיר און צװישן אײַך אױף דור־דורות, כּדֵי איר זאָלט װיסן אַז איך, גאָט, הײליק אײַך!

די קינדער פון יִשׂרָאֵל זאָלן היטן שַׁבָּת, צו האַלטן שַׁבָּת אױף דור־דורות אַן אײביקער בונד. צװישן מיר און צװישן די

קינדער פון יִשׂרָאֵל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט.

געדענק דעם טאָג שַׁבָּת אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאָכות, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שַׁבָּת. זאָלסט ניט טאָן קיין מלאָכה, דו, דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין בְּהֵמָה, און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן.

פֶּסַח

אין ערשטן חודש*, אין פערצנטן טאָג פון חודש, אַקעגן אָוונט, איז דער קָרבּן־פֶּסַח צו גאָט. און אויפן פופצנטן טאָג פון דעם דאָזיקן חודש, איז דער יָום־טָוב פון מַצות צו גאָט. זיבן טעג זאָלט איר עסן מַצות. אין ערשטן טאָג זאָל אַ הייליקע צונויפרופונג זיין ביי אייך; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. אויפן זיבעטן טאָג איז אַ הייליקע צונויפרופונג; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן.

זיבן טעג זאָלסטו עסן ברויט פון נויט, ווייל אין איילעניש ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם; זאָלסטו געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגיין פון לאַנד מִצרַיִם אַלע טעג פון דיין לעבן, און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר קיין זויערטייג אין דיין גאַנצן לאַנד זיבן טעג.

*ווען מען רעכנט דאָס יאָר פון פרילינג, פון חודש ניסן, דעם ערשטן פרילינג־חודש.

שבועות

זיבן וואָכן זאָלסטו דיר ציילן; פון ווען מען לאָזט אַראָפּ אַ שנייַדמעסער אויף דער תּבֿואה זאָלסטו אָנהייבן ציילן זיבן וואָכן. און זאָלסט מאַכן דעם יום־טובֿ שבֿועות צו גאָט דייַן האַר.

און זאָלסט זיך פרייען פאַר גאָט דייַן האַר, דו און דייַן זון און דייַן טאָכטער, און דייַן קנעכט און דייַן דינסט, און דער פרעמדער, און דער יתום, און די אַלמנה וואָס צווישן דיר — אין דעם אָרט וואָס גאָט דייַן האַר וועט אויסדערוויילן צו מאַכן רוען זייַן נאָמען דאָרטן. און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מִצרַיִם, און זאָלסט אָפּהיטן און טאָן די דאָזיקע געבאָטן.

סוכּות

דעם יום־טובֿ סוכּות זאָלסטו דיר מאַכן זיבן טעג, ווען דו זאַמלסט אייַן אין דייַן שייַער און אין דייַן קעלטער. און זאָלסט זיך פרייען אין דייַן יום־טובֿ, דו און דייַן זון און דייַן טאָכטער, און דייַן קנעכט און דייַן דינסט, און דער פרעמדער, און דער יתום און די אַלמנה, וואָס אין דייַנע טויערן. זיבן טעג זאָלסטו האַלטן יום־טובֿ צו גאָט דייַן האַר אין דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן; ווייַל גאָט דייַן האַר וועט דיך בענטשן אין יעטוועדער טואונג פון דייַן האַנט און דו וועסט זייַן לויטער פריילעך.

און איר זאָלט אייַך נעמען אין ערשטן טאָג פרוכט פון אַ שיינעם בוים, טייטלבלעטער, און צווייַגן פון אַ געדיכטן בוים,

און ווערבעס פון טײַך, און איר זאָלט זיך פרייען פאַר גאָט אײַער האַר זיבן טעג.

אין סוכּות זאָלט איר זיצן זיבן טעג. אַלע אײַנגעבאָרענע פון יִשׂרָאֵל זאָלן זיצן אין סוכּות, כּדי אײַערע דור־דורות זאָלן וויסן, אַז אין בײַדלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון יִשׂרָאֵל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם.

דרײַ מאָל אין יאָר זאָל מען עולה־רֶגל זײַן

דרײַ מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דײַנע מאַנספּאַרשוינען זיך ווײַזן פאַר גאָט דײַן האַר, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויס־דערוויילן; אין דעם יָום־טֶוב פון מַצות, און אין דעם יָום־טֶוב פון שבועות און אין דעם יָום־טֶוב פון סוכּות. און מען זאָל זיך ניט ווײַזן פאַר גאָט מיט ליידיקן. איטלעכער נאָך דער גאָב פון זײַן האַנט, נאָך דער מַזל־בְּרָכה פון גאָט.

ראש־הַשָנה און יָום־כִּפּור

אין זיבעטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, זאָל זײַן בײַ אײַך אַ רוטאָג, אַ דערמאָנונג דורך שאַלן פון שופר, אַ הייליקע צונויפרופונג. קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן.

דער צענטער טאָג פון דעם דאָזיקן חודש איז דער טאָג פון פאַרגעבונג. אַ הייליקע צונויפרופונג זאָל זײַן בײַ אײַך, און איר זאָלט פּײַניקן אײַער נשָמה. קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן אין דעם דאָזיקן טאָג, ווײַל אַ טאָג פון פאַרגעבונג איז דאָס,

מכפּר צו זײַן אויף אײַך פאַר גאָט אײַער האַר. קײן אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן! אַן אײביק געזעץ אויף דור־דורות אין אַלע אײַערע װױנערטער, אַ שבּת פון רו איז עס פאַר אײַך!

געזעצן קעגן געצנדינערס

זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אַ שום געשטאַלט, פון װאָס אין הימל אױבן אָדער װאָס אויף דער ערד אונטן אָדער װאָס אין װאַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך ניט בוקן צו זײ און זאָלסט זײ ניט דינען.

איר זאָלט אײַך ניט מאַכן אָפּגעטער, און אַ געשניצטן געץ און אַ זײַלשטײן זאָלט איר אײַך ניט אױפשטעלן, און אַ שטײב בילד זאָלט איר ניט שטעלן אין אײַער לאַנד, זיך צו בוקן פאַר אים.

איר זאָלט אײַך ניט קערן צו די געצן. און געגאָסענע געטער זאָלט איר אײַך ניט מאַכן. איר זאָלט ניט צױבערן און ניט װאָרזאָגן.

איר זאָלט אײַך ניט קערן צו גײַסטער, און בײַ רוחות זאָלט איר ניט פרעגן, איר זאָלט זיך ניט פאַראומרײניקן מיט זײ.

און אַ שניט נאָך אַ טויטן זאָלט איר ניט מאַכן אויף אײַער לײַב. און אַן אױסגעשטאָכן געשריפט זאָלט איר אויף זיך ניט מאַכן. װײַל אַ הײליק פאָלק ביסטו בײַ גאָט דײַן האַר, און דיך האָט גאָט אױסדערװײלט אים צו זײַן פאַר אַן אײגן פאָלק, פון אַלע פעלקער װאָס אויפן פּנים פון דער ערד.

אַז דו קומסט אין דעם לאַנד װאָס גאָט דײַן האַר גיט דיר,

זאָלסטו זיך ניט אָפּלערנען צו טאָן אַזוי ווי די אומוועדיקײַטן פֿון יענע פֿעלקער. עס זאָל זיך ניט געפֿינען בײַ דיר אײנער וואָס מאַכט דורכגײן זײַן זון אָדער זײַן טאָכטער דורכן פֿײַער*, אַ וואָרזאָגער, אַ צײכנזעער אָדער אַ טרעפֿער, אָדער אַ מכשף, אָדער אײנער וואָס פֿרעגט בײַ אַ גײַסט אָדער אַ רוח, אָדער אַ פֿאָרשער בײַ טויטע. ווײַל אַן אומוועדיקײַט בײַ גאָט איז יעטוועדער וואָס טוט דאָס. גאַנץ זאָלסטו זײַן מיט גאָט דײַן האַר!

געבאָטן ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן

הײליקע מענטשן זאָלט איר זײַן! הײליק זאָלט איר זײַן, ווײַל איך, יהוה אײַער גאָט, בין הײליק.

איר זאָלט איטלעכער האָבן אָפּשײַ פֿאַר זײַן מוטער און זײַן פֿאָטער.

פֿאַר אַן אַלטן זאָלסטו אויפֿשטײן און זאָלסט שאַנעווען דעם פּנים פֿון אַ זקן.

זאָלסט ניט שילטן קײן טויבן און פֿאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט לײגן קײן שטרויכלונג.

זאָלסט ניט פֿײַנט האָבן דײַן ברודער אין דײַן האַרצן, אויסרײדן זאָלסטו אים אויסרײדן, כּדי זאָלסט ניט טראָגן איבער אים אַ זינד.

זאָלסט זיך ניט נוקם זײַן און ניט האַלטן קײן שׂנאה.
זאָלסט ליב האָבן דײַן חבר ווי זיך אַלײן.

---

* פֿאַרברענען צום געץ־מולך.

ווען דו וועסט זען אַז דײַן שׂונאס אייזל ליגט אונטער זײַן מַשׂא, זאָלסטו אים אַזוי ניט איבערלאָזן. העלפֿן זאָלסטו העלפֿן אין איינעם מיט אים.

ווען דו וועסט טרעפֿן דײַן שׂונאס אָקס, אָדער זײַן אייזל, ווי זיי בלאָנדזשען, אומקערן זאָלסטו אים אומקערן צוריק צו אים.

זאָלסט ניט פֿאַרבינדן אַן אָקס דאָס מויל ווען ער דרעשט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציגעלע אין מילך פֿון זײַן מוטער.

אַז פֿאַר דיר וועט זיך טרעפֿן אין וועג אַ נעסט פֿון אַ פֿויגל אויף ערגעץ אַ בוים, אָדער אויף דער ערד, מיט פֿייגעלעך אָדער אייער, און די מוטער זיצט אויף די פֿייגעלעך אָדער אייער—זאָלסטו ניט נעמען די מוטער אין איינעם מיט די קינדער. אַוועקלאָזן זאָלסטו אַוועקלאָזן די מוטער, און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר.



יב. די קינדער פון יִשׂרָאֵל וואַנדערן אין מִדבָּר

משה אויפֿן באַרג סיני

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

— „קום אַרויף אויפֿן באַרג און זײַ דאָרטן, און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע לוחות מיט דער תּורה און מיט דעם געבאָט, וואָס איך האָב אויפֿגעשריבן זיי צו לערנען".

איז אויפֿגעשטאַנען משה און זײַן באַדינער יהושע. און משה איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג פֿון גאָט. און צו די עלטסטע האָט ער געזאָגט:

„וואַרט דאָ אויף אונדז, ביז וואַנען מיר וועלן זיך אומקערן צו אײַך. און אָט זײַנען אַהרן און חור מיט אײַך. ווער עס האָט אַ מִשפּט — זאָל קומען צו זיי".

און משה איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג און דער וואָלקן האָט צוגעדעקט דעם באַרג. און משה איז אַרײַנגעגאַנגען אין מיטן וואָלקן.

און משה איז געווען אויפֿן באַרג פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט.

און גאָט האָט געגעבן משהן, ווען ער האָט געענדיקט ריידן מיט אים אויפֿן באַרג סיני, די צוויי לוחות פֿון געזעץ, שטיינערנע לוחות.

דאָס גאָלדענע קאַלב

און ווי דאָס פאָלק האָט געזען אַז משה זאַמט זיך אַראָפּ־צונידערן פון באַרג, אַזוי האָט דאָס פאָלק זיך איינגעזאַמלט אַרום אַהרנען און זיי האָבן געזאָגט:

—„שטיי אויף, מאַך אונדז אַ גאָט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז; ווייל דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אַרויפגע־בראַכט פון לאַנד מִצרַיִם — ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן".

האָט אַהרן צו זיי געזאָגט:

—„נעמט אַראָפּ די גילדערנע אוירינגען וואָס אין די אויערן פון אייערע ווייבער, אייערע זין און אייערע טעכטער און ברענגט צו מיר".

האָט דאָס גאַנצע פאָלק אַראָפּגענומען פון זיך די גילדערנע אוירינגען וואָס אין זייערע אויערן און געבראַכט צו אַהרנען. און ער האָט צוגענומען פון זייער האַנט, און האָט עס אויסגעפורעמט אין אַ פורעם, און האָט דערפון געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב; און זיי האָבן געזאָגט:

„דאָס איז דיין גאָט, יִשׂרָאֵל, וואָס האָט דיך אַרויפגע־בראַכט פון לאַנד מִצרַיִם!"

און ווי אַהרן האָט דאָס געזען, אַזוי האָט ער געבויט פאַר אים אַ מִזבֵּח און אַהרן האָט אויסגערופן און געזאָגט:

„אַ יָום־טֹוב צו יהוה איז מאָרגן!"

און זיי זײַנען פֿרי אויפֿגעשטאַנען אויף מאָרגן און האָבן געבראַכט קרבנות. און דאָס פֿאָלק האָט זיך געזעצט עסן און טרינקען, און זיי זײַנען אויפֿגעשטאַנען זיך לוסטיק צו מאַכן.

האָט גאָט גערעדט צו משהן:

„גיי נידער אַראָפּ, ווײַל פֿאַרדאָרבן געוואָרן איז דײַן פֿאָלק וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט פֿון לאַנד מצרים; זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון דעם וועג וואָס איך האָב זיי באַפֿוילן!"

און משה האָט זיך אומגעקערט און האָט אַראָפּגענידערט פֿון באַרג, מיט די צוויי לוחות פֿון געזעץ אין זײַן האַנט, לוחות באַשריבן פֿון זייערע ביידע זײַטן.

און יהושע האָט געהערט דעם קול פֿון דעם פֿאָלק אין זײַן שאַלן און ער האָט געזאָגט צו משהן:

—„אַ קול פֿון מלחמה איז אין לאַגער!"

האָט ער געזאָגט:

—„עס איז ניט אַ קול פֿון געשריי פֿון גבורה, און ניט אַ קול פֿון געשריי פֿון שוואַכקייט. אַ קול פֿון זינגען הער איך!"

און עס איז געווען, ווי ער האָט זיך גענענטערט צום לאַגער, און האָט געזען דאָס קאַלב און די טענץ, אַזוי האָט געברענט דער צאָרן פֿון משהן און ער האָט אַ וואָרף געטאָן פֿון זײַנע הענט די לוחות און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג.

און ער האָט גענומען דאָס קאַלב, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און האָט פֿאַרברענט אין פֿײַער און צעמאָלן ביז וואַנען עס איז געוואָרן דין, און האָט צעשאָטן אויפֿן וואַסער און געגעבן טרינקען די קינדער פֿון ישׂראל.

און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען:

—„וואָס האָט דיר דאָס דאָזיקע פאָלק געטאָן, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אים אַזאַ גרויסע זינד?"

האָט אַהרן געזאָגט:

—„זאָל ניט ברענען דער צאָרן פון מײַן האַר! דו קענסט דאָס פאָלק, אַז עס איז שלעכט. האָבן זיי צו מיר געזאָגט: ‚מאַך אונדז אַ גאָט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, ווײַל דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן!' האָב איך צו זיי געזאָגט: ‚ווער עס האָט גאָלד, נעמט אַראָפּ פון זיך!' און זיי האָבן מיר געגעבן, און איך האָב עס אַרײַנגעוואָרפן אין פײַער, און עס איז אַרויסגעקומען דאָס דאָזיקע קאַלבּ".

און עס איז געווען אויף מאָרגן האָט משה געזאָגט צום פאָלק:

„איר האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד! און אַצינד וועל איך אַרויפגיין צו גאָט, אֶפשר וועל איך מכַפֵּר זײַן אויף אײַער זינד".

האָט משה געבעטן פאַר גאָט זײַן האַר.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

—„איך האָב געזען דאָס דאָזיקע פאָלק — עס איז אַ האַרט־נעקיק פאָלק! אַצינד לאָז מיך, און מײַן צאָרן וועט ברענען אויף זיי, און איך וועל זיי אומברענגען און דיך וועל איך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק!"

האָט משה געזאָגט:

—„דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד. איז אַצינד, איך בעט

דיך, אויב דו וועסט ניט פאַרגעבן זייערע זינד — מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דײַן בוך וואָס דו האָסט געשריבן!"

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

— "ווער עס האָט געזינדיקט צו מיר, אים וועל איך אויסמעקן פון מײַן בוך! און אַצינד גיי, פיר דאָס דאָזיקע פאָלק אַהין ווו איך האָב דיר געזאָגט. זע, מײַן מַלאך וועט גיין דיר פאָרויס; אָבער אין דעם טאָג וואָס איך רעכן זיך — וועל איך זיך רעכענען מיט זיי פאַר זייער זינד!"

האָט דאָס פאָלק געהערט דעם שלעכטן אָנזאָג און זיי האָבן געטרויערט און האָבן קיינער ניט אָנגעטאָן זײַן צירונג אויף זיך.

די צווייטע לוחות

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

"האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך וועל אויפשרײַבן אויף די לוחות די ווערטער וואָס זײַנען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכן. און זײַ גרייט אין דער פרי, און גיי אַרויף אין דער פרי אויפן באַרג סיני און שטעל זיך פאַר מיר דאָרטן אויפן שפּיץ באַרג. און קיין מענטש זאָל ניט אַרויפגיין מיט דיר, און קיין מענטש זאָל אויך ניט געזען ווערן אויפן גאַנצן באַרג; אַפילו די שאָף און די רינדער זאָלן זיך ניט פּיטערן אַקעגן יענעם באַרג".

און משה איז אויפגעשטאַנען פרי און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן. און ער האָט

אויסגעהאַקט צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און ער האָט גענומען אין זײַן האַנט די צוויי שטיינערנע לוחות. און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן. און משה האָט זיך גענייגט אויף גיך צו דער ערד און זיך געבוקט.

משהס פּנים שטראַלט

און עס איז געווען אַז משה האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סינַי און די צוויי לוחות פון געזעץ זײַנען געווען אין משהס האַנט — האָט משה ניט געוווּסט אַז די הויט פון זײַן פּנים האָט געשטראַלט פון זײַן ריידן מיט גאָט.

און אַהרן און אַלע קינדער פון ישׂראֵל האָבן געזען משהן — ערשט, די הויט פון זײַן פּנים שטראַלט! און זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו אים. האָט משה אָנגעטאָן אויף זײַן פּנים אַ צודעק. און אַז משה איז געקומען פאַר גאָט צו ריידן מיט אים, פלעגט ער אַראָפּנעמען דעם צודעק. און אַז ער פלעגט אַרויסגיין און ריידן צו די קינדער פון ישׂראֵל פלעגט משה ווידער אָנטאָן דעם צודעק אויף זײַן פּנים.

דער אוהל־מועד

און משה פלעגט נעמען דאָס געצעלט און פלעגט עס זיך אויפשטעלן ווײַט פון לאַגער, און פלעגט עס רופן אוהל־מועד*. און עס איז געווען, איטלעכער וואָס האָט געזוכט צו לערנען

* אוהל־מועד — געצעלט פון צונויפקום.

גאָטס תּורה, פלעגט אַרויסגיין צום אוהל־מועד וואָס אויסערן לאַגער.

און עס איז געווען, ווי משה איז אַרויסגעגאַנגען צום געצעלט אַזוי פלעגט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אויפשטעלן, און שטיין איטלעכער אין אײַנגאַנג פון זײַן געצעלט.

דער מִשכּן

און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל אַזוי צו זאָגן:

—„איטלעכער וואָס זײַן האַרץ איז וויליק זאָל ברענגען: גאָלד און זילבער, און קופּער, און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און לײַנען, און ציגנהאָר, און רויט־געפאַרבטע פעלן פון ווידערס, און האָלץ, און אייל פאַר דער לײַכטונג, און שמעקעדיקע געווירצן. און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן אײַך זאָלן קומען און מאַכן אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן:

דעם מִשכּן, זײַן געצעלט, און זײַן צודעק, און זײַנע ברעטער, זײַנע ריגלען, זײַנע זײַלן און זײַנע שוועלן; דעם אָרון און זײַנע שטאַנגען און דעם פָּרוֹכֶת; דעם טיש און זײַנע שטאַנגען, און אַלע זײַנע כֵּלים; און די מנורה פאַר לײַכטונג, און אירע כֵּלים, און אירע רערלעך, און דאָס אייל פאַר לײַכטונג; דעם מִזבֵּח; דעם האַנטפאַס, די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום".

און עס זײַנען געקומען מענער מיט ווײַבער, איטלעכער וואָס זײַן האַרץ איז געווען וויליק—האָבן זיי געבראַכט: נאָד

רינגען און אוירינגען, און פינגערלעך, און האַלדזובענדער, אַלערליי גילדערנע זאַכן. און איטלעכער איינער האָט גע־בראַכט וואָס ביי אים האָט זיך געפונען: בלאָע וואָל און פורפל, און ליינען, און ציגנהאָר, און רויט־געפאַרבטע פעלן פון ווידערס, און זילבער, און קופּער. די קינדער פון ישׂראל האָבן געבראַכט נדבות צו גאָט, איטלעכער מאַן און פרוי וואָס זייער האַרץ האָט זיי באַוויליקט צו ברענגען פאַר דער גאַנצער אַרבעט.

און משה האָט גערופן בצלאלן און איטלעכן קלוג־האַרציקן מאַן, וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן חכמה אין זיין האַרצן, און זיי האָבן גענומען פון משהן וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן געבראַכט פאַר דער מלאָכה, כּדי צו מאַכן די אַרבעט פון הייליקטום.

און זיי האָבן געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: „דאָס פאָלק ברענגט מער ווי עס איז נייטיק צו דער אַרבעט, פאַר דער מלאָכה, וואָס גאָט האָט באַפוילן זי צו מאַכן".

האָט משה באַפוילן און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויס־רוף אין לאַגער און דאָס פאָלק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון ברענגען.

און אַלע קלוג־האַרציקע צווישן די וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט האָבן געמאַכט דעם משכּן און צען פאָרהאַנגען. און בצלאל האָט געמאַכט דעם אָרון, און ער האָט געמאַכט דעם טיש; און ער האָט געמאַכט די מנורה פון ריינעם גאָלד; און ער האָט געמאַכט דעם מזבּח, און ער האָט געמאַכט דאָס הייליקע אייל פון זאַלבונג, און ער האָט געמאַכט דעם האַנטפאַס פון

קופּער. אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פון מִשכּן.

און די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם מִשכּן.

צוויי זילבערנע טרומייטן

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

מאַך דיר צוויי זילבערנע טרומייטן; געהאַמערט זאָלסטו זיי מאַכן, און זיי זאָלן דיר זײַן פאַר צונויפרופן די עֵדה און פאַר מאַכן ציִען די לאַגערן. און אַז מען וועט בלאָזן אין זיי, זאָל זיך צונויפקלײַבן צו דיר די גאַנצע עֵדה צום אַרײַנגאַנג פון אוהל־מועד. און אויב מען וועט בלאָזן אין איינעם, זאָלן זיך צונויפקומען צו דיר די פירשטן, די הויפּטלײַט פון די טויזנטער פון יִשׂרָאֵל. און אַז איר וועט בלאָזן אַ שאַלרוף זאָלן ציִען די לאַגערן וואָס לאַגערן צו מִזרח. און אַז איר וועט בלאָזן אַ צווייטן שאַלרוף זאָלן ציִען די לאַגערן וואָס לאַגערן צו דָרום; אַ שאַלרוף זאָל מען בלאָזן פאַר זייערע ציאונגען.

און אַהרנס זין, די כּהנים, זאָלן בלאָזן אין די טרומייטן.

און אַז איר וועט גיין אויף מִלחָמה אַקעגן דעם שׂונא וואָס דריקט אײַך – זאָלט איר שאַלן אין די טרומייטן – און איר וועט דערמאָנט ווערן פאַר גאָט אײַער האַר און איר וועט געהאָלפן ווערן פון אײַערע פײַנד.

און אין אײַער טאָג פון פרייד, אין אײַערע יָום־טובים, און אין אײַערע ראשחודשן – זאָלט איר בלאָזן אין די טרומייטן.

דאָס פאָלק באַקלאָגט זיך אויף משהן

און עס איז געווען אין צווייטן יאָר, אין צווייטן חודש, אין צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, האָבן די קינדער פון יִשׂרָאֵל גערוקט אויף זייערע ציאונגען פון מִדבַּר סיני און גערוט אין מִדבַּר פּאָרָן.

און דאָס פאָלק האָט זיך באַקלאָגט אויף שלעכטס אין די אויערן פון גאָט. און די צוויפגעלאָפענע וואָס צווישן זיי האָבן געגלוסט אַ גלוסטונג. און אויך די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן געוויינט און זיי האָבן געזאָגט:

„ווען מען זאָל אונדז געבן עסן פליישׁ! מיר געדענקען די פיש וואָס מיר פלעגן עסן אין מִצרַיִם אומזיסט, און די קירבעס און דאָס גרינס, און די ציבעלעס און די קנאָבל. און אַצינד איז אונדזער נשמה פאַרטריקנט — ניטאָ קיין זאַך! בלויז אויפן מָן זײַנען אונדזערע אויגן!"

און משה האָט געהערט ווי דאָס פאָלק וויינט מִשפּחות־ווײַז, איטלעכער פאַר דעם אַרײַנגאַנג פון זײַן געצעלט, און עס איז געווען שלעכט אין די אויגן פון משהן. און משה האָט געזאָגט צו גאָט:

— „פאַר וואָס טוסטו שלעכטס דײַן קנעכט? און פאַר וואָס האָב איך געפונען אומחן אין דײַנע אויגן און דו האָסט אַרויפגעלייגט אויף מיר די לאַסט פון אָט דעם גאַנצן פאָלק? פון וואַנען האָב איך פליישׁ, צו געבן אָט דעם גאַנצן פאָלק, וואָס זיי וויינען אויף מיר, אַזוי צו זאָגן: ,גיב אונדז פליישׁ, מיר זאָלן

עסן!׳ איך אַליין קען ניט טראָגן דאָס דאָזיקע גאַנצע פאָלק, ווײַל עס איז צו שווער פאַר מיר. און אויב דו טוסט מיר אַזוי, דערהרגע מיך, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חן אין דײַנע אויגן, און לאָמיך ניט זען מײַן אומגליק!״

זיבעציק עלטסטע

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

—„זאַמל מיר אײַן זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון ישׂראל, די וואָס דו ווייסט אַז זיי זײַנען די עלטסטע פון פאָלק, און זאָלסט זיי נעמען צום אוהל־מועד, און זיי זאָלן זיך דאָרטן שטעלן מיט דיר. און איך וועל אַראָפּנידערן, און וועל דאָרטן ריידן מיט דיר, און וועל נעמען פון דעם גײַסט וואָס אויף דיר און געבן אויף זיי, און זיי וועלן מיטטראָגן מיט דיר די לאַסט פון פאָלק, און דו וועסט ניט דאַרפן טראָגן די לאַסט איינער אַליין. און צום פאָלק זאָלסטו זאָגן:

„מאָרגן וועט איר עסן פלייש! ווײַל איר האָט געוויינט אין די אויערן פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: ,ווען מען זאָל אונדז געבן עסן פלייש! ווײַל אונדז איז געווען ווויל אין מִצרַיִם׳—דעריבער וועט אײַך גאָט געבן פלייש און איר וועט עסן. ניט איין טאָג וועט איר עסן און ניט צוויי טעג, און ניט פינף טעג, און ניט צען טעג, און ניט צוואַנציק טעג; ביז אַ חודש צײַט, ביז וואַנען עס וועט אײַך קערן פון דער נאָז, און עס וועט אײַך זײַן צום עקל!׳״

האָט משה געזאָגט:

—„זעקס הונדערט טויזנט פוסגייער איז דאָס פאָלק וואָס איך בין צווישן אים, און דו זאָגסט: איך וועל זיי געבן פלייש, און זיי וועלן עסן אַ חודש צײַט. ווען שאָף און רינדער זאָלן געשאָכטן ווערן פאַר זיי — וועט זיי דען קלעקן? אַז אַלע פישן פון ים זאָלן אײַנגעזאַמלט ווערן פאַר זיי — וועט זיי דען קלעקן?"

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

—„איז די האַנט פון גאָט קורץ? אַצינד וועסטו זען צי מײַן וואָרט וועט געשען אָדער ניט!"

איז משה אַרויסגעגאַנגען, און האָט גערעדט צום פאָלק די ווערטער פון גאָט. און ער האָט אײַנגעזאַמלט זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון פאָלק, און זיי געשטעלט רונד אַרום געצעלט.

און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן און האָט גערעדט צו משהן, און האָט גענומען פון דעם גײַסט וואָס אויף אים און געגעבן אויף די זיבעציק מאַן, אויף די עלטסטע. און עס איז געווען, ווי דער גײַסט האָט אויף זיי גערוט, אַזוי האָבן זיי נביאות געזאָגט, אָבער ניט לענגער.

אֶלְדָד און מֵידָד זאָגן נביאות אין לאַגער

און צוויי מענער זײַנען איבערגעבליבן אין לאַגער, איינער האָט געהייסן אֶלְדָד און דער צווייטער מֵידָד. האָט אויף זיי גערוט דער גײַסט (און זיי זײַנען געווען צווישן די פאַרשריבענע,

אָבער זיי זײַנען ניט אַרויסגעגאַנגען צום געצעלט) און זיי האָבן נביאות געזאָגט אין לאַגער. איז געלאָפֿן אַ יונג און האָט דער־ציילט משהן, און האָט געזאָגט:

„אֶלדָד און מֵידָד זאָגן נביאות אין לאַגער!"

האָט זיך אָנגערופֿן יהוֹשֻעַ דער זון פֿון נון, משהס באַדינער פֿון זײַן יוגנט אָן, און האָט געזאָגט:

—„מײַן האַר משה, האַלט זיי צוריק!"

האָט משה צו אים געזאָגט:

—„נעמסט זיך אָן פֿאַר מיר? הַלוואַי זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון גאָט זײַן נביאים!"

און דער מאַן משה איז געווען זייער אַ גרויסער עָנָו, מער פֿון אַלע מענטשן וואָס אויף דער ערד.

די וואַכטלפֿויגלען

און אַ ווינט האָט געבראַכט צו פֿליִען וואַכטלפֿויגלען פֿון ים, און האָט זיי צעוואָרפֿן לעבן לאַגער אויף אַ מהלֶך פֿון אַ טאָג וועג פֿון איין זײַט, און אַ טאָג וועג פֿון דער אַנדערער זײַט, רונד אַרום לאַגער, און אַרום צוויי איילן איבערן פֿלאַך פֿון דער ערד.

און דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעשטאַנען יענעם גאַנצן טאָג, און די גאַנצע נאַכט, און דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג, און זיי האָבן אויפֿגעקליבן די וואַכטלפֿויגלען. דער וואָס האָט צום ווי־ציקסטן געקליבן האָט אויפֿגעקליבן צען הויפֿנס!

און זיי האָבן געררוט אין מִדבָּר פּאָרָן.

די מרַגלים

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

„שיק דיר מענטשן, זיי זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד כּנַעַן, וואָס איך גיב צו די קינדער פון יִשׂרָאֵל. צו איין מאַן פון אַ שֵׁבֶט זאָלט איר שיקן".

און משה האָט זיי געשיקט פון מִדבָּר פּאָרָן נאָך דעם באַפעל פון גאָט. זיי אַלע זײַנען געווען הויפּטלײַט פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל.

און משה האָט זיי געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד כּנַעַן און האָט צו זיי געזאָגט:

„גייט אַרויף אַהין קיין דָרֹום, און גייט אַרויף אין באַרג־לאַנד. און איר זאָלט אָנקוקן דאָס לאַנד, און דאָס פאָלק וואָס זיצט דערויף, צי ער איז שטאַרק אָדער שוואַך, צי ער איז וויניק אָדער אַ סך; און ווי איז דאָס לאַנד וואָס ער זיצט דערינען, צי עס איז גוט אָדער שלעכט; און ווי זײַנען די שטעט וואָס ער זיצט אין זיי, אין לאַגערן אָדער אין פעסטונגען; און ווי איז די ערד, איז זי פעט אָדער מאָגער, זײַנען דאָ אויף איר ביימער אָדער ניט. און איר זאָלט אײַך שטאַרקן און ברענגען פון דער פרוכט פון לאַנד".

און די צײַט פון יאָר איז געווען — די טעג פון די ערשטע ווײַנטרויבן.

זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען און האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד פון מִדבָּר צִין ביז רחוֹב. און זיי זײַנען אַרויפגעגאַנגען קיין דָרֹום, און זיי זײַנען געקומען ביז חֶברוֹן. און זיי זײַנען געקומען

ביזן טאָל אֶשכּול און האָבן אָפּגעשניטן פון דאָרטן אַ צווײַג מיט
איין הענגל ווײַנטרויבן און האָבן עס געטראָגן אויף אַ שטאַנג
זאַלבעצווייט! אויך פון די מילגרוימען און פון די פײַגן האָבן
זיי גענומען.

און זיי האָבן זיך אומגעקערט פון אויסקוקן דאָס לאַנד
צום סוֹף פון פערציק טעג. און זיי זײַנען געגאַנגען און געקומען
צו משהן און צו אַהרנען, און צו די קינדער פון ישׂראֵל, אין
מִדבָּר פּאָרָן, קיין קָדֵש; און זיי האָבן געבראַכט אַן ענטפער
צו זיי, און זיי האָבן זיי געוויזן די פרוכט פון לאַנד.

און זיי האָבן אים דערציילט און געזאָגט.

„מיר זײַנען געקומען אין דעם לאַנד וווּהין דו האָסט אונדז
געשיקט, און עס פליסט מיט מילך און האָניק! און דאָס איז
איר פרוכט. אָבער שטאַרק איז דאָס פאָלק וואָס זיצט אין
לאַנד, און די שטעט זײַנען באַפעסטיקטע, גרויס ביז גאָר, און
אויך די קינדער פון עֲנָק*, האָבן מיר דאָרטן געזען. עֲמָלֵק זיצט
אין דָרום־לאַנד, און דער חִתּי און דער יְבוּסי און דער אֱמוֹרי
זיצן אין באַרג־לאַנד, און דער כּנַעני זיצט בײַם ים און בײַם
ברעג יַרדן".

האָט כָּלֵב** אײַנגעשטילט דאָס פאָלק און ער האָט געזאָגט:

„אַרויפגיין וועלן מיר אַרויפגיין און מיר וועלן עס יַרשען!
ווײַל בײַקומען וועלן מיר עס בײַקומען!"

---

* עֲנָק — אַ ריז.

** כָּלֵב — דער אויסקוקער פון שֵבֶט יהודה.

אָבער די מענטשן וואָס זײַנען אַרויפגעגאַנגען מיט אים האָבן געזאָגט:

„מיר קענען ניט אַרויפגיין קעגן דעם פֿאָלק, ווײַל ער איז שטאַרקער פֿון אונדז!"

און די אויסקוקערס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שלעכטן קלאַנג אויף דעם לאַנד וואָס זיי האָבן אויסגעקוקט אַזוי צו זאָגן:

„דאָס לאַנד וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דורך דעם, כּדֵי עס אויסצוקוקן — דאָס איז אַ לאַנד וואָס עסט אויף אירע אײַנוווינער, און דאָס גאַנצע פֿאָלק, וואָס מיר האָבן געזען דערינען, זײַנען מענטשן פֿון גרויסן וווקס. און דאָרטן האָבן מיר געזען די קינדער פֿון ענָק, און מיר זײַנען געווען ווי הײַ־שעריקן אין אונדזערע אויגן, און אַזוי זײַנען מיר געווען אין זייערע אויגן!"

האָט די גאַנצע עֵדה אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט איר קָול, און דאָס פֿאָלק האָט געוויינט אין יענער נאַכט.

און אַלע קינדער פֿון ישׂרָאֵל האָבן געמורמלט אויף משהן און אויף אַהרֹנען, און די גאַנצע עֵדה האָט צו זיי געזאָגט:

„הַלוואַי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין לאַנד מִצרַיִם, אָדער הַלוואַי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין דעם מִדבָּר! און נאָך וואָס ברענגט אונדז גאָט אין דעם דאָזיקן לאַנד, צו פֿאַלן דורכן שווערד, אונדזערע ווײַבער און אונדזערע קליינע קינדער זאָלן ווערן צו רויב? איז ניט בעסער פֿאַר אונדז זיך אומצוקערן קיין מִצרַיִם?"

און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

„לאָמיר מאַכן איבער אונדז אַ פירער און זיך אומקערן קיין מִצרַיִם!‟

זײַנען משה און אַהרן געפאַלן אויף זייער פנים פאַר דער גאַנצער עֵדה פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל.

און יהוֹשֻעַ דער זון פון נון און כָּלֵב דער זון פון יפונהן, פון די וואָס האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד, האָבן צעריסן זייערע קליידער, און האָבן געזאָגט צו דער גאַנצער עֵדה פון די קינ־דער פון יִשׂרָאֵל, אַזוי צו זאָגן:

„דאָס לאַנד וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דורך דעם, כּדֵי עס אויסצוקוקן — דאָס לאַנד איז זייער גוט! עס איז אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. אויב גאָט וויל, וועט ער אונדז ברענגען אין דעם לאַנד, און וועט עס אונדז געבן. איר זאָלט ניט ווידערשפּעניקן קעגן גאָט, און ניט מוֹרא האָבן פאַר דעם פאָלק פון לאַנד! גאָט איז מיט אונדז, איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן פאַר זיי!‟

האָט די גאַנצע עֵדה געזאָגט מען זאָל זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער! אָבער די פּראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן אין אוהל־מוֹעד צו אַלע קינדער פון יִשׂרָאֵל. און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

— „ביז וואַנען וועט אָט דאָס פאָלק מיך דערצאָרענען, און ביז וואַנען וועלן זיי ניט גלויבן אין מיר, בײַ אַל די וונדער־צייכנס וואָס איך האָב געמאַכט צווישן זיי? איך וועל זיי אויסראָטן און וועל דיך מאַכן פאַר אַ פאָלק גרעסער און מעכ־טיקער פון זיי!‟

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

—„אַז די מִצרים וועלן הערן אַז דו וועסט טייטן אָט דאָס פֿאָלק אַזוי ווי איין מאַן — וועלן זיי זאָגן אַזוי צו זאָגן: ‚ווײַל יהוה קען ניט ברענגען דאָס פֿאָלק אין דעם לאַנד וואָס ער האָט זיי צוגעשוואָרן, האָט ער זיי אויסגעשאָכטן אין מִדבָּר‘. זאָל אַצינד גרויס זײַן, איך בעט דיך, דער כּוח פֿון גאָט לויט ווי דו האָסט גערעדט אַזוי צו זאָגן: ‚גאָט איז אײַנגעהאַלטן אין צאָרן און רײַך אין חֶסֶד, ער פֿאַרטראָגט זינד און פֿאַרברעכן‘. פֿאַרגיב, איך בעט דיך, די זינד פֿון דעם פֿאָלק, נאָך דער גרויסקײַט פֿון דײַן חֶסֶד, אַזוי ווי דו האָסט פֿאַרגעבן אָט דעם פֿאָלק פֿון מִצרַיִם און ביז אַהער!“

האָט גאָט געזאָגט:

—„איך האָב פֿאַרגעבן אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט. אָבער אַזוי ווי איך לעב, און אַזוי ווי מיט דער פּראַכט פֿון גאָט איז פֿול די גאַנצע ערד — אַז די אַלע מענטשן, יאָ אַלע די וואָס האָבן מיך דערצאָרנט, וועלן ניט זען דאָס לאַנד, וואָס איך האָב צוגעשוואָרן זייערע עלטערן! זאָג צו זיי: ‚אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט, ווי איר האָט גערעדט אין מײַנע אויערן, אַזוי וועל איך טאָן צו אײַך! אין דעם מִדבָּר וועלן פֿאַלן אײַערע טויטע קערפּערס, אַלע — פֿון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, ווײַל איר האָט געמורמלט קעגן מיר. איר וועט ניט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן אײַך צו באַזעצן דאָרטן, אַחוץ כָּלֵב דער זון פֿון יפֻנהן און יהוֹשֻעַ דער זון פֿון נון. און אײַערע קליינע קינדער וואָס איר האָט געזאָגט, זיי וועלן ווערן רויב — זיי וועל איך ברענגען אַהין, און זיי וועלן זיך באַזעצן

אין דעם לאַנד וואָס איר האָט פֿאַראַכט. אָבער איר—אײַערע טויטע קערפּערס וועלן פֿאַלן אין דעם מִדבָּר! און אײַערע קינדער וועלן אומוואַנדערן אין מִדבָּר פֿערציק יאָר און וועלן לײַדן פֿאַר אײַערע זינד, ביז אײַערע טויטע קערפּערס וועלן אומקומען אין מִדבָּר. נאָך דער צאָל פֿון די טעג וואָס איר האָט אויסגעקוקט דאָס לאַנד—פֿערציק טעג—פֿאַר אַ טאָג, אַ יאָר, פֿאַר אַ טאָג, אַ יאָר—וועט איר טראָגן אײַערע זינד. פֿערציק יאָר!"

און די מענטשן וואָס משה האָט געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד און וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט דעם שלעכטן קלאַנג אויפֿן לאַנד זײַנען געשטאָרבן אין אַ מַגֵּפה, נאָר יהוֹשֻעַ און כָּלֵב זײַנען געבליבן לעבן פֿון יענע מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען אויסקוקן דאָס לאַנד.

קֹרַח

און קֹרַח דער זון פֿון יִצהָר, און דָתָן און אֲבִירָם, האָבן גענומען און זיך געשטעלט פֿאַר משהן מיט צוויי הונדערט און פֿופֿציק מאַן, פֿירשטן פֿון דער עֵדה, מענטשן מיט אַ נאָמען. און זיי האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרֹנען און האָבן צו זיי געזאָגט:

„גענוג פֿאַר אײַך! די גאַנצע עֵדה זײַנען הייליק, און גאָט איז צווישן זיי! און פֿאַר וואָס נעמט איר זיך איבער אַקעגן דער עֵדה פֿון גאָט?"

און משה האָט געשיקט רופֿן דָתָן און אֲבִירָם, אָבער זיי האָבן געזאָגט:

„מיר װעלן ניט אַרױפֿקומען! װײניק װאָס דו האָסט אונדז אַרױפֿגעבראַכט פֿון אַ לאַנד װאָס פֿליסט מיט מילך און האָניק אונדז צו טײטן אין מִדבָר – איז הערשן װילסטו נאָך הערשן איבער אונדז? יאָ, האָסט אונדז ניט געבראַכט אין אַ לאַנד װאָס פֿליסט מיט מילך און האָניק, האָסט אונדז ניט געגעבן אַ נַחלה פֿון פֿעלד און װײַנגאָרטן! װילסטו די מענטשן די אױגן פֿאַר־שטעכן? מיר װעלן ניט אַרױפֿקומען!"

האָט עס משהן זײער געערגערט און ער האָט געזאָגט צו גאָט:

„קײן אײן אײנציקן אײזל האָב איך ניט גענומען פֿון זײ! און שלעכטס האָב איך ניט געטאָן קײן אײן אײנציקן פֿון זײ!"

און קֹרח האָט אײַנגעזאַמלט קעגן משהן און קעגן אַהרֹנען די גאַנצע עֵדה צום אַרײַנגאַנג פֿון אוהל־מועד.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן און אַהרֹנען אַזױ צו זאָגן:

„טײלט זיך אָפּ פֿון דער דאָזיקער עֵדה, און איך װעל זײ אומברענגען אין אַ רֶגע!"

זײַנען משה און אַהרן געפֿאַלן אױפֿן פּנים און האָבן געזאָגט:

„גאָט, דו האַר פֿון אַלע באַשעפֿענישן! זאָל אײן מענטש זינדיקן און אױף דער גאַנצער עֵדה זאָלסטו צאָרענען?"

האָט גאָט גערעדט צו משהן אַזױ צו זאָגן:

„רײד צו דער עֵדה: ,ציט אָפּ פֿון אַרום דער װױנונג פֿון קֹרחן, דָתָנען און אֲבִירָמען'".

איז משה אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו דָתָנען און אַבירָמען, און נאָך אים זײַנען געגאַנגען די עלטסטע פון ישׂרָאֵל, און ער האָט גערעדט צו דער עֵדה אַזוי צו זאָגן:

„טרעט אָפּ, איך בעט אײַך, פון די געצעלטן פון אָט די שלעכטע מענטשן, און איר זאָלט זיך ניט אָנרירן אָן אַלץ וואָס איז זייערס, כּדֵי איר זאָלט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך אַלע זייערע זינד!"

האָבן זיי אָפּגעצויגן פון דער וווינונג פון קֹרַחן, דָתָנען און אַבירָמען.

האָט משה געזאָגט:

„דורך דעם וועט איר וויסן, אַז גאָט האָט מיך געשיקט צו טאָן די אַלע טואונגען, אַז דאָס איז ניט פון מײַן האַרצן! אויב אַזוי ווי אַלע מענטשן שטאַרבן, וועלן די דאָזיקע שטאַרבן, און דער גורל פון אַלע מענטשן וועט זיי באַשערט זײַן — האָט מיך גאָט ניט געשיקט. אויב אָבער די ערד וועט אויפמאַכן איר מויל און וועט אײַנשלינגען זיי און אַלץ וואָס איז זייערס, און זיי וועלן אַראָפּנידערן לעבעדיקערהייט אין אונטערערד — וועט איר וויסן, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן דערצאָרנט גאָט".

און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט ריידן די אַלע ווערטער, אַזוי האָט זיך אויפגעשפּאָלטן די ערד וואָס אונטער זיי. און די ערד האָט געעפנט איר מויל און האָט אײַנגעשלונגען זיי, און זייערע הײַזער און אַלע מענטשן וואָס האָבן געהערט צו קֹרַחן, און דעם גאַנצן פאַרמעגן. און זיי און אַלץ וואָס איז זייערס האָבן אַראָפּגענידערט לעבעדיקערהייט אין אונטער־ערד, און די ערד האָט זיי צוגעדעקט.

און גאַנץ ישׂראל וואָס רונד אַרום זײַנען אַנטלאָפֿן, ווײַל זיי האָבן געזאָגט: „די ערד וועט אונדז נאָך אויך אײַנשלינגען!"

אַהרנס שטעקן בליט

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

„רייד צו די קינדער פֿון ישׂראל און נעם פֿון זיי צו אַ שטעקן פֿון איטלעכן שבֿט, פֿון אַלע זײַנע פֿירשטן — צוועלף שטעקנס. איטלעכנס נאָמען זאָלסטו אויפֿשרײַבן אויף זײַן שטעקן. און אַהרנס נאָמען זאָלסטו אויפֿשרײַבן אויפֿן שטעקן פֿון לוי. און זאָלסט די שטעקנס אַוועקלייגן אין אוהל־מועד. און עס וועט זײַן — דער מאַן וואָס איך וועל אים אויסקלײַבן, וועט זײַן שטעקן אויפֿשפּראָצן. און איך וועל אײַנשטילן די מורמלערײַען פֿון די קינדער פֿון ישׂראל וואָס זיי מורמלען קעגן אײַך".

האָט משה גערעדט צו די קינדער פֿון ישׂראל. און אַלע זייערע פֿירשטן האָבן אים געגעבן צו אַ שטעקן — צוועלף שטעקנס. און דער שטעקן פֿון אַהרנען איז געווען צווישן זייערע שטעקנס.

און משה האָט אַוועקגעלייגט די שטעקנס אין דעם געצעלט פֿון געזעץ. און עס איז געווען אויף מאָרגן, אַז משה איז געקומען אין דעם געצעלט פֿון געזעץ — ערשט, דער שטעקן פֿון אַהרנען, פֿאַר לוִיס הויז, האָט אויפֿגעשפּראָצט, און אַרויסגעלאָזט שפּראָצונג, און געבליט, און געצײַטיקט מאַנדלען!

האָט משה אַרויסגעטראָגן אַלע שטעקנס צו אַלע קינדער פֿון ישׂראל, און די פֿירשטן האָבן איבערגעקוקט און גענומען איטלעכער זײַן שטעקן.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „קער אום אַהרנס שטעקן פֿאַרן געזעץ, ווי אַ צייכן צו די ווידערשפּעניקע קינדער, כּדי זיי זאָלן מאַכן אַן ענד צו זייערע מורמלערייַען אַרום מיר — און זיי זאָלן ניט שטאַרבן!" האָט משה דאָס געטאָן. אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפֿוילן — אַזוי האָט ער געטאָן.

משה שלאָגט וואַסער פֿון שטיין

און דאָס פֿאָלק איז געזעסן אין קָדֵש. און מִרְיָם איז דאָרטן געשטאָרבן און איז דאָרטן באַגראָבן געוואָרן.

און די עֵדה האָט ניט געהאַט קיין וואַסער און זיי האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען. און דאָס פֿאָלק האָט זיך געקריגט מיט משהן און זיי האָבן געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

„צו וואָס האָט איר געבראַכט די עֵדה פֿון גאָט אין דעם מִדבָּר, אַז מיר און אונדזער פֿי זאָלן דאָ אויסשטאַרבן? און צו וואָס האָט איר אונדז אַרויפֿגעבראַכט פֿון מִצְרַיִם, אונדז צו ברענגען אין אָט דעם שלעכטן אָרט, וואָס איז ניט קיין אָרט פֿון זאָמען, אָדער פֿײַגן, אָדער ווײַנשטאָקן, אָדער מילגרוימען, און ווו וואַסער צום טרינקען איז ניטאָ?"

זײַנען משה און אַהרן אַוועקגעגאַנגען פֿון דער עֵדה צום

אַרײַנגאַנג פֿון אוהל־מועד, און זײ זײַנען געפֿאַלן אויפֿן פּנים, און די פּראַכט פֿון גאָט האָט זיך באַוויזן צו זײ.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

„נעם דעם שטעקן און זאַמל אײַן די עֵדה, דו און אַהרן דײַן ברודער, און איר זאָלט רײדן צום שטײן פֿאַר זײערע אויגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן פֿון זיך וואַסער. און דו וועסט אַרויסציִען וואַסער פֿון שטײן און וועסט אָנטרינקען די עֵדה".

האָט משה גענומען דעם שטעקן פֿון פֿאַר גאָט, אַזוי ווי ער האָט אים באַפֿוילן.

און משה און אַהרן האָבן אײַנגעזאַמלט די עֵדה פֿאַר דעם שטײן, און משה האָט צו זײ געזאָגט:

„הערט אַקאָרשט איר ווידערשפּעניקע, זאָלן מיר אָט פֿון דעם שטײן אויך אַרויסציִען וואַסער?"

און משה האָט אויפֿגעהויבן זײַן האַנט און האָט געשלאָגן דעם שטײן מיט זײַן שטעקן צוויי מאָל – און עס איז אַרויס אַ סך וואַסער! און די עֵדה און זײער פֿי האָבן געטרונקען.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן און אַהרנען:

„ווײַל איר האָט ניט געגלויבט אין מיר, מיך צו הײליקן פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל, דעריבער וועט איר ניט אַרײַנברענגען די עֵדה אין דעם לאַנד וואָס איך האָב זײ געגעבן!"

דאָס איז דאָס וואַסער פֿון מריבָה*, ווו די קינדער פֿון

---

* מריבָה – קריג, שטרײַט.

יִשְׂרָאֵל האָבן געקריגט קעגן גאָט און ער איז געהײליקט געװאָרן צװישן זײ.

אַהרנס טויט

און זײ האָבן אַװעקגעצױגן פֿון קָדֵש, און די קינדער פֿון יִשְׂרָאֵל זײַנען אָנגעקומען צום באַרג הוֹר. און גאָט האָט גע־זאָגט צו משהן און צו אַהרֹנען אױפֿן באַרג הוֹר, בײַם גרענעץ פֿון לאַנד אֱדוֹם אַזױ צו זאָגן:

„זאָל אַהרן אײַנגעזאַמלט װערן צו זײַן פֿאָלק! װײַל ער װעט ניט קומען אין דעם לאַנד װאָס איך האָב געגעבן צו די קינדער פֿון יִשְׂרָאֵל, דערפֿאַר װאָס איר האָט װידערשפּעניקט קעגן מײַנע רײד בײַם װאַסער פֿון מְרִיבָה. נעם אַהרֹנען און זײַן זון אֶלְעָזָרן, און ברענג זײ אַרויף אױפֿן באַרג הוֹר. און טו אויס אַהרֹנען זײַנע קלײדער, און טו זײ אָן זײַן זון אֶלְעָזָרן; און אַהרן זאָל שטאַרבן דאָרטן".

האָט משה געטאָן אַזױ װי גאָט האָט באַפֿוילן. און זײ זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אױפֿן באַרג הוֹר פֿאַר די אױגן פֿון דער גאַנצער עֵדָה. און משה האָט אויסגעטאָן אַהרֹנען זײַנע קלײדער און האָט זײ אָנגעטאָן זײַן זון אֶלְעָזָרן. און אַהרן איז דאָרטן גע־שטאָרבן אױפֿן שפּיץ באַרג.

און משה און אֶלְעָזָר האָבן אַראָפּגענידערט פֿון באַרג. און די גאַנצע עֵדָה האָט געזען אַז אַהרן איז פֿאַרגאַנגען. און דאָס גאַנצע הויז פֿון יִשְׂרָאֵל האָט באַװײנט אַהרֹנען דרײַסיק טעג.

אֶדוֹם לאָזט ניט דורכגיין יִשׂרָאֵל

און משה האָט געשיקט שלוחים צו דעם מלך פון אֶדוֹם: אַזוי זאָגט דײַן ברודער יִשׂרָאֵל:

—„דו ווייסט די אַלע מאַטערנישן וואָס אונדז האָט געטראָפן: ווי אונדזערע עלטערן האָבן גענידערט קיין מִצרַיִם און מיר זײַנען געזעסן אין מִצרַיִם אַ סך טעג, און די מִצרים האָבן שלעכטס געטאָן אונדז און אונדזערע עלטערן. און מיר האָבן געשרִיען צו גאָט, און ער האָט געהערט אונדזער קָול, און ער האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם—און אָט זײַנען מיר אין קָדֵש, בײַ דײַן גרענעץ.

„לאָז אונדז דורכגיין דורך דײַן לאַנד! מיר וועלן ניט דורכגיין דורך אַ פעלד אָדער דורך אַ ווײַנגאָרטן. און מיר וועלן ניט טרינקען קיין וואַסער פון אַ ברונעם. אויף דעם קיניגס וועג וועלן מיר גיין. מיר וועלן זיך ניט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס, ביז וואַנען מיר וועלן דורכגיין דײַן לאַנד".

האָט אֶדוֹם צו אים געזאָגט:

—„זאָלסט ניט דורכגיין דורך מיר, ווײַל מיטן שווערד וועל איך אַרויסגיין אַקעגן דיר!"

האָבן די קינדער פון יִשׂרָאֵל צו אים געזאָגט:

—„אויפן וועג וועלן מיר גיין, און אַז מיר וועלן טרינקען דײַן וואַסער, וועלן מיר געבן געצאָלט דערפאַר. עס איז דאָך גאָרנישט! לאָז מיר בלויז דורכגיין!"

האָט ער געזאָגט:

—„דו קענסט ניט דורכגיין!"

און אֶדוֹם איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אים מיט אַ סך פֿאָלק און מיט אַ שטאַרקער האַנט. און יִשׂרָאֵל האָט זיך אָפּגעבייגט פֿון אים.

די מִלחָמות מיט סיחוֹנען און עוֹגן

און די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל האָבן אַוועקגעצויגן און גערוט אין דעם טאָל וואָס אין פֿעלד פֿון מוֹאָב.

און יִשׂרָאֵל האָט געשיקט שלוחים צו סיחוֹן דעם מֶלך פֿון אֶמוֹרי, אַזוי צו זאָגן:

„לאָז מיר דורכגיין דײַן לאַנד! מיר וועלן ניט אָפּנייגן אין אַ פֿעלד אָדער אַ ווײַנגאָרטן. מיר וועלן ניט טרינקען קיין וואַסער פֿון אַ ברונעם. אויף דעם קיניגס וועג וועלן מיר גיין, ביז וואַנען מיר וועלן דורכגיין דײַן לאַנד!"

אָבער סיחוֹן האָט ניט געלאָזט יִשׂרָאֵל דורכגיין דורך זײַן לאַנד. און סיחוֹן האָט אײַנגעזאַמלט זײַן גאַנץ פֿאָלק און איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן יִשׂרָאֵל צום מִדבָּר, און ער איז געקומען און האָט מִלחָמה געהאַלטן מיט יִשׂרָאֵל.

און יִשׂרָאֵל האָט אים געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, און אײַנגענומען זײַן לאַנד.

און זיי האָבן זיך אומגעקערט און זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן וועג פֿון בָּשָן; איז אַרויסגעגאַנגען עוֹג דער מלך פֿון בָּשָן אַקעגן זיי, ער מיט זײַן גאַנץ פֿאָלק, אויף מִלחָמה.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„זאָלסט ניט מוֹרא האָבן פֿאַר אים, ווײַל אין דײַן האַנט

האָב איך געגעבן אים מיט זײַן גאַנצן פאָלק און זײַן לאַנד, און וועסט טאָן צו אים, אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו סיחון דעם מֶלך פון אֱמורי".

און זיי האָבן געשלאָגן אים מיט זײַנע זין, און זײַן גאַנץ פאָלק, און זיי האָבן געירשעט זײַן לאַנד.

און עוג דער מֶלך פון בָּשָׁן איז געבליבן פון דעם רעשט פון די ריזן. זײַן בעט, אַן אײַזערן בעט, איז געווען נײַן איילן די לענג און פיר איילן די ברייט.

און די קינדער פון יִשׂרָאֵל האָבן אַוועקגעצויגן און האָבן גערוט אין די פּלוינען פון מואָב, אויף יענער זײַט יַרדן, בײַ יריחו.

בָּלָק רופט בִּלעָמען צו שילטן יִשׂרָאֵל

און בָּלָק דער זון פון צִפּור האָט געזען אַלץ וואָס יִשׂרָאֵל האָט געטאָן צום אֱמורי. און מואָב האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר דעם פאָלק, ווײַל זיי זײַנען געווען אַ סך, און מואָב איז געווען אין שרעק פאַר די קינדער פון יִשׂרָאֵל. האָט מואָב געזאָגט:

„איצט וועט דאָס געזעמל אָפּעסן אַלץ וואָס אַרום אונדז, אַזוי ווי אַן אָקס עסט אָפּ דאָס גראָז פון פעלד".

און בָּלָק, דער זון פון צִפּור, איז געווען דער מֶלך פון מואָב אין יענער צײַט. האָט ער געשיקט שלוחים צו בִּלעָם דעם זון פון בְּעור, אים צו רופן אַזוי צו זאָגן:

„אָט איז אַ פאָלק אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; זע — ער האָט

פאַרדעקט דעם אָנבליק פון דער ערד און ער זיצט מיר אַנט־קעגן. און אַצינד קום, איך בעט דיך, שילט מיר אָט דאָס פאָלק, ווײַל ער איז שטאַרקער פון מיר. אֶפשר וועל איך אויספירן, מיר זאָלן אים שלאָגן, און איך וועל אים פאַרטרײַבן פון לאַנד! ווײַל איך ווייס, אַז וועמען דו בענטשסט — דער איז געבענטשט, און וועמען דו שילטסט — דער איז פאַר־שאָלטן".

זײַנען די עלטסטע פון מוֹאָב געגאַנגען און זיי זײַנען גע־קומען צו בִלעָמען, און האָבן גערעדט צו אים די ווערטער פון בָלָקן.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— „נעכטיקט דאָ די נאַכט, און איך וועל אײַך געבן אַן ענטפער!"

און די האַרן פון מוֹאָב זײַנען געבליבן בײַ בִלעָמען.

האָט גאָט געזאָגט צו בִלעָמען:

— „ווער זײַנען די מענטשן בײַ דיר?"

האָט בִלעָם געזאָגט:

— „בָלָק, דער מֶלך פון מוֹאָב, האָט געשיקט צו מיר: ,אָט איז דאָס פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם, און ער האָט פאַרדעקט דעם אָנבליק פון דער ערד. אַצינד קום, שילט מיר אים. אֶפשר וועל איך קענען מִלחָמה האַלטן קעגן אים און איך וועל אים פאַרטרײַבן'".

האָט גאָט געזאָגט צו בִלעָמען:

— „זאָלסט ניט גיין מיט זיי, זאָלסט ניט שילטן דאָס פאָלק, ווײַל דאָס פאָלק איז געבענטשט".

איז בִּלעָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי און האָט געזאָגט צו די האַרן פון בָּלָקן:

„גייט אין אײַער לאַנד, ווײַל גאָט וויל מיך ניט לאָזן גיין מיט אײַך".

זײַנען אויפגעשטאַנען די האַרן פון מוֹאָב און זײַנען אַוועק־געגאַנגען צו בָּלָקן, און האָבן געזאָגט:

„בִּלעָם האָט ניט געוואָלט גיין מיט אונדז".

האָט בָּלָק ווידער אַ מאָל געשיקט האַרן, מער און אָנגע־זעענערע פון יענע. און זיי זײַנען געקומען צו בִּלעָמען און האָבן צו אים געזאָגט:

—„אַזוי האָט געזאָגט בָּלָק: ,זאָלסט זיך ניט אָפּהאַלטן, איך בעט דיך, פון קומען צו מיר. ווײַל זייער גרויס כָּבוד וועל איך דיר אָנטאָן און אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן צו מיר—וועל איך טאָן, נאָר קום שילט מיר אָט דאָס פאָלק!'"

האָט געענטפערט בִּלעָם און געזאָגט צו די קנעכט פון בָּלָקן:

—„ווען בָּלָק זאָל מיר געבן זײַן הויז פול מיט זילבער און גאָלד, קען איך ניט איבערטרעטן דעם באַפעל פון גאָט מײַן האַר. און אַצינד, איך בעט אײַך, בלײַבט איר אויך די נאַכט דאָ און איך וועל געוואָר ווערן וואָס גאָט וועט ווידער ריידן מיט מיר".

און גאָט איז געקומען צו בִּלעָמען בײַ נאַכט און האָט צו אים געזאָגט:

„אויב די מענטשן זײַנען געקומען דיך צו רופן—שטיי אויף, גיי מיט זיי, אָבער נאָר די זאַך וואָס איך וועל ריידן צו דיר, דאָס זאָלסטו טאָן!"

בִּלְעָמס אייזעלין

איז בִּלְעָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי און האָט אָנגע־זאָטלט זײַן אייזעלין און איז געגאַנגען מיט די האַרן פון מואָב.

און דער צאָרן פון גאָט האָט געבּרענט וואָס ער גייט, און אַ מַלאך פון גאָט האָט זיך אים געשטעלט פאַר אַ שטער אין וועג.

האָט די אייזעלין דערזען אַז דער מַלאך פון גאָט שטייט אויפן וועג מיט זײַן שווערד אַרויסגעצויגן אין האַנט. האָט די אייזעלין זיך אָפּגענייגט פון וועג און איז געגאַנגען אויפן פעלד.

און בִּלְעָם האָט געשלאָגן די אייזעלין כּדי זי צו פאַר־קירעווען אויפן וועג. האָט דער מַלאך פון גאָט זיך געשטעלט אויף אַ שטעג פון די ווײַנגערטענער, און עס איז געווען אַ צאַם פון דער זײַט און אַ צאַם פון דער אַנדערער זײַט. און די אייזע־לין האָט געזען דעם מַלאך פון גאָט, און האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט און צוגעדריקט בִּלְעָמס פוס צו דער וואַנט. און ער האָט זי ווידער געשלאָגן.

איז דער מַלאך פון גאָט ווידער אַוועק פאָרויס און האָט זיך געשטעלט אין אַן ענגן אָרט, ווו עס איז ניט געווען קיין וועג זיך אָפּצונייגן רעכטס אָדער לינקס. און די אייזעלין האָט גע־זען דעם מַלאך פון גאָט און האָט זיך אַנידערגעלייגט אונטער בִּלְעָמען. און דער צאָרן פון בִּלְעָמען האָט געבּרענט, און ער האָט געשלאָגן די אייזעלין מיטן שטעקן.

האָט גאָט געעפנט דאָס מויל פון דער אייזעלין און זי האָט געזאָגט צו בִּלְעָמען:

—„וואָס האָב איך דיר געטאָן, אַז דו האָסט מיך שוין דרײַ מאָל געשלאָגן?"

האָט בּלעָם געזאָגט צו דער אייזעלין:

—„ווײַל דו האָסט געשפּאָט פון מיר; ווען איך האָב אַ שווערד אין דער האַנט, וואָלט איך דיך אַצינד דער־הרגעט".

האָט די אייזעלין געזאָגט צו בּלעָמען:

—„בּין איך ניט דײַן אייזעלין, וואָס דו האָסט געריטן אויף מיר דײַן גאַנץ לעבּן בּיזן הײַנטיקן טאָג? בּין איך געוויינטלעך געוווינט געווען דיר אַזוי צו טאָן?"

האָט ער געזאָגט:

—„ניין".

און גאָט האָט געעפנט די אויגן פון בּלעָמען און ער האָט דערזען אַז אַ מלאך פון גאָט שטייט אין וועג מיט זײַן שווערד אַרויסגעצויגן אין האַנט. האָט ער זיך געבּויגט און זיך געבּוקט אויפן פּנים.

און דער מלאך פון גאָט האָט צו אים געזאָגט:

—„פאַר וואָס האָסטו געשלאָגן דײַן אייזעלין שוין דרײַ מאָל? זע, איך בּין אַרויסגעגאַנגען ווי אַ שטער, און די אייזעלין האָט מיך געזען און האָט זיך אָפּגעבּויגט פון מיר דרײַ מאָל. ווען זי וואָלט זיך ניט אָפּגעבּויגט פון מיר, וואָלט איך אַצינד דיך זיכער דערהרגעט, און זי וואָלט איך געלאָזט לעבּן".

האָט בּלעָם געזאָגט צו דעם מלאך פון גאָט:

—„איך האָב געזינדיקט, ווײַל איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו שטייסט מיר אַנטקעגן אויפן וועג. און אַצינד אויבּ עס איז שלעכט אין דײַנע אויגן—וועל איך זיך אומקערן".

האָט דער מַלאך פון גאָט געזאָגט צו בִּלעָמען:

—„גיי מיט די מענטשן, אָבער נאָר דאָס וואָרט וואָס איך וועל ריידן צו דיר — דאָס זאָלסטו ריידן".

איז בִּלעָם געגאַנגען מיט די האַרן פון בָּלָקן.

בִּלעָם בענטשט די קינדער פון יִשׂרָאֵל

און בָּלָק האָט געהערט אַז בִּלעָם קומט, און ער איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן. און בָּלָק האָט געזאָגט צו בִּלעָמען:

—„צי דען האָב איך ניט געשיקט נאָך דיר, דיך צו רופן? פאַר וואָס ביסטו ניט געקומען צו מיר? בין איך אין דער אֶמתן ניט אין שטאַנד דיר כָּבוד אָנצוטאָן?"

האָט בִּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן:

—„זע, איך בין געקומען צו דיר; אַצינד, צי קען איך גאָר עפּעס ריידן? נאָר דאָס וואָס גאָט וועט אַרײַנטאָן אין מײַן מויל — דאָס וועל איך ריידן".

און בִּלעָם איז געגאַנגען מיט בָּלָקן.

און עס איז געווען אין דער פרי, האָט בָּלָק גענומען בִּלעָמען און האָט אים אַרויפגעפירט קיין בָּמות־בַּעַל. און ער האָט פון דאָרטן געזען אַ טייל פון דעם פאָלק. האָט בִּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן:

—„בוי מיר דאָ זיבן מִזבְּחות און גרייט מיר דאָ צו זיבן אָקסן און זיבן ווידערס".

האָט בָּלָק געטאָן אַזוי ווי בִּלעָם האָט גערעדט, און בָּלָק

און בִּלעָם האָבן אויפֿגעבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף איטלעכן מִזבֵּח.

און בִּלעָם האָט געזאָגט צו בָּלָקן:

–„איך וועל גיין, און וואָס פֿאַר אַ זאַך גאָט וועט מיר ווײַזן – וועל איך דיר דערציילן". און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ הויכן אָרט.

און גאָט האָט אַרײַנגעלייגט אַ וואָרט אין בִּלעָמס מויל און האָט געזאָגט:

–„קער זיך אום צו בָּלָקן און אַזוי זאָלסטו ריידן".

האָט ער זיך אומגעקערט צו אים, און אָט שטייט ער בײַ זײַן קָרבּן, ער און אַלע האַרן פֿון מוֹאָב. האָט בִּלעָם אָנגעהויבן זײַן שפּרוך און האָט געזאָגט:

„פֿון אַרָם טוט מיך פֿירן בָּלָק,
פֿון די מִזרח־בערג – דער מֶלך פֿון מוֹאָב.
‚קום, שילט מיר יַעקבֿן,
און קום פֿלוך יִשׂרָאֵלן'.
ווי זאָל איך שילטן
וועמען גאָט שילט ניט?
ווי זאָל איך פֿלוכן,
וועמען יהוה פֿלוכט ניט?
ווײַל פֿון שפּיץ פֿון די פֿעלזן זע איך אים,
און פֿון די הייכן קוק איך אים אָן.
זע, אַ פֿאָלק וואָס רוט באַזונדער
און רעכנט זיך ניט צווישן די אומות!

ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יַעקב
און באַרעכנט די קינדער פון יִשׂרָאֵל?
זאָל איך שטאַרבן מיטן טויט פון גערעכטע
און זאָל מײַן סָוף זײַן ווי זײַנער!"

האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען:

—„וואָס האָסטו מיר געטאָן? צו שילטן מײַנע שׂוֹנאים האָב איך דיך גענומען, און בענטשן גאָר האָסטו געבענטשט!"

האָט ער געענטפערט און געזאָגט:

—„דאָס וואָס גאָט גיט אַרײַן אין מײַן מויל—דאָס מוז איך היטן צו ריידן".

האָט בָּלָק געזאָגט צו אים:

—„קום מיט מיר, איך בעט דיך, אין אַן אַנדער אָרט, וואָס דו וועסט אים זען פון דאָרטן. און שילט מיר אים פון דאָרטן!"

און בָּלָק האָט גענומען בִּלעָמען צו דעם פעלד צוֹפים אויפן שפּיץ פִּסגָה, און ער האָט געבויט זיבן מִזבְּחות און גע־בראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף איטלעכן מִזבֵּח.

און גאָט האָט אַרײַנגעלייגט אַ וואָרט אין זײַן מויל און האָט געזאָגט:

„קער זיך אום צו בָּלָקן און אַזוי זאָלסטו ריידן".

האָט ער זיך אומגעקערט צו אים. און אָט שטייט ער בײַ זײַן קָרבן און די האַרן פון מוֹאָב זײַנען מיט אים; און בָּלָק האָט צו אים געזאָגט: „וואָס האָט גאָט גערעדט?"

האָט בִּלעָם אָנגעהויבן זײַן שפּרוך און האָט געזאָגט:

—„שטיי אויף, בָּלָק, און הער,

פאַרנעם מײַנע רייד, זון פון צִפּוֹר!
ניט קיין מענטש איז גאָט — ער זאָל ליגן זאָגן,
ניט קיין מענטשנקינד — ער זאָל חרָטה האָבן.
אַז ער זאָגט — וועט ער דען ניט טאָן?
און אַז ער רעדט — וועט ער עס ניט אויספירן?
„בענטש!" האָב איך געהערט.
און בענטשט ער — קען איך עס ניט אָפּהאַלטן.
מע זעט ניט קיין אומרעכט אין יַעקבֿ,
מע מערקט ניט קיין עַוולה אין יִשׂרָאֵל!
יהוה זײַן גאָט איז מיט אים!"

האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען:
—„ניט שילטן זאָלסטו אים שילטן און ניט בענטשן זאָלסטו אים בענטשן!"

האָט בִּלעָם געענטפערט און האָט געזאָגט צו בָּלָקן:
—„האָב איך ניט גערעדט צו דיר אַזוי צו זאָגן: ,אַלץ וואָס גאָט וועט ריידן, דאָס וועל איך טאָן'?"

האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען:
—„קום, איך בעט דיך, איך וועל דיך נעמען אויף אַן אַנדער אָרט: אֶפשר וועסטו מיר אים שילטן פון דאָרטן".

און בָּלָק האָט גענומען בִּלעָמען צום שפּיץ פְּעוֹר וואָס קוקט אַראָפּ אויף דער וויסטעניש.

האָט בִּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן:
—„בוי מיר דאָ זיבן מִזבְּחות, און גרייט מיר דאָ צו זיבן אָקסן און זיבן ווידערס". און בָּלָק האָט געטאָן אַזוי ווי בִּלעָם

האָט געזאָגט און ער האָט געבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף איטלעכן מִזבֵּח.

און בִּלעָם האָט געזען אַז עס איז ווויל געפעלן אין די אויגן פון גאָט צו בענטשן יִשׂרָאֵל. און ער איז ניט געגאַנגען אַזוי ווי פריִער, נאָר ער האָט געקערט זיין פּנים צום מִדבָּר. און בִּלעָם האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט געזען ווי יִשׂרָאֵל רוט, לויט זײַנע שבָטים, און דער גײַסט פון גאָט איז געקומען אויף אים. און ער האָט אָנגעהויבן זײַן שפּרוך און האָט געזאָגט:

„אַזוי רעדט בִּלעָם דער זון פון בְּעוֹר,
אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג;
אַזוי רעדט דער וואָס הערט גאָטס ווערטער,
וואָס די זעאונג פון גאָט טוט ער זען:
ווי שיין זײַנען דײַנע געצעלטן, יַעקב;
דײַנע ווױנערטער, יִשׂרָאֵל!
ווי טײטלבײמער זײַנען זײ אויסגעשטרעקט,
ווי גערטענער בײַם טײַך,
ווי אַלאָען וואָס גאָט האָט געפלאַנצט,
ווי צעדערן בײַם וואַסער.
ער קניט, ער לײגט זיך ווי אַ לײב
און ווי אַ לײבינטע — ווער קען אים אויפרײצן?
געבענטשט — די וואָס בענטשן דיך!
פאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך!"

האָט דער צאָרן פון בָּלָק געברענט אויף בִּלעָמען און

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט זײַנע הענט און האָט געזאָגט צו בּלעָמען:

–„צו שילטן מײַנע שׂונאים האָב איך דיך גערופן, אָבער בענטשן האָסטו גאָר זיי געבענטשט שוין דרײַ מאָל! און אַצינד אַנטלויף דיר אין דײַן היים! איך האָב געקלערט, גרויס כּבוד װעל איך דיר אָנטאָן, אָבער גאָט האָט ניט דערלאָזט דו זאָלסט האָבן כּבוד".

האָט בּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן:

–„האָב איך ניט גערעדט נאָך צו דײַנע שלוחים, װאָס דו האָסט געשיקט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: ,װען בָּלָק זאָל מיר געבּן זײַן הויז פול מיט זילבער און גאָלד, קען איך ניט איבער־טרעטן דעם באַפעל פון גאָט, צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס פון מײַן אײגענעם האַרצן. װאָס גאָט װעט ריידן – דאָס װעל איך ריידן'!"

און בּלעָם איז אויפגעשטאַנען און איז אַװעקגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צו זײַן היים. און אויך בָּלָק איז געגאַנגען אויף זײַן װעג.

משה נעמט אויף די צאָל פון די קינדער פון ישׂראֵל

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„נעם אויף די צאָל פון די קינדער פון ישׂראֵל, פון צװאַנציק יאָר אַלט און העכער, נאָך זײערע שבטים נאָך, צײל אין ישׂראֵל איטלעכן װאָס גײט אַרויס אין חיל".

און די געצײלטע פון די קינדער פון ישׂראֵל זײַנען געװען

זעקס הונדערט טויזנט און טויזנט זיבן הונדערט און דרײַסיק.

און צווישן די דאָזיקע איז ניט געווען קיינער פון די וואָס זײַנען געציילט געוואָרן פון משהן און אַהרן דעם כּהן, ווען זיי האָבן געציילט די קינדער פון ישׂראל אין מדבּר סיני. ווײַל גאָט האָט וועגן זיי געזאָגט: „שטאַרבן אין מדבּר וועלן זיי!" און קיינער פון זיי איז ניט געבליבן אַחוץ כּלב דער זון פון יפונה און יהושע דער זון פון נון.

און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן:

„צו די דאָזיקע זאָל אײַנגעטיילט ווערן דאָס לאַנד פאַר אַ נחלה, נאָך דער צאָל נאָך. אָבער דורך גורל זאָל צעטיילט ווערן דאָס לאַנד, נאָך די שבטים נאָך זאָלן זיי עס ירשענען".

און גאָט האָט באַפוילן:

„אַ נחלה פון די קינדער פון ישׂראל זאָל ניט איבערגיין פון שבט צו שבט, נאָר די קינדער פון ישׂראל זאָלן זײַן באַהעפט איטלעכער אין דער נחלה פון דעם שבט פון זײַנע פאָטערס".

צוויי און אַ האַלב שבטים קריגן זייער טייל אויף דער מזרח־זײַט פון ירדן

און די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד האָבן געהאַט פיל פי, זייער אַ סך. און זיי האָבן געזען דאָס לאַנד יעזר און דאָס לאַנד גלעד, אַז דער אָרט איז אַן אָרט פאַר פי. זײַנען די קינדער פון גד און די קינדער פון ראובן

געקומען און זיי האָבן געזאָגט צו משהן, און צו אֶלעָזָר דעם כּהן און צו די פירשטן פון דער עֵדה אַזוי צו זאָגן:

—„דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט צוגענומען פאַר דער עֵדה פון יִשׂרָאֵל, איז אַ לאַנד פאַר פי, און דײַנע קנעכט האָבן פי. אויב מיר האָבן געפונען חֵן אין דײַנע אויגן, זאָל מען אָט דאָס לאַנד געבן דײַנע קנעכט צום אייגנטום. זאָלסט אונדז ניט אַריבערפירן דעם יַרדן!"

האָט משה געזאָגט צו די קינדער פון גָד און צו די קינדער פון ראובן:

—„אײַערע ברידער זאָלן גיין אין מִלחָמה און איר זאָלט זיצן דאָ?"

האָבן זיי געזאָגט:

—„פאַרצאַמונגען פאַר אונדזערע פי וועלן מיר דאָ בויען, און שטעט פאַר אונדזערע קליינע קינדער. אָבער מיר אַליין וועלן זײַן גרייט צו גיין באַוואָפנט פאָרויס פאַר די קינדער פון יִשׂרָאֵל, ביז וואַנען מיר וועלן האָבן זיי געבראַכט אויף זייער אָרט. מיר וועלן זיך ניט אומקערן אין אונדזערע הײַזער, ביז איטלעכער פון די קינדער פון יִשׂרָאֵל וועט ניט יַרשענען זײַן ירושה".

האָט משה צו זיי געזאָגט:

—„אויב איר וועט אַזוי טאָן, און אַלע באַוואָפנטע פון אײַך וועלן אַריבערגיין דעם יַרדן, ביז דאָס לאַנד וועט ווערן אײַנגענומען—וועט אָט דאָס לאַנד אײַך זײַן אַן אייגנטום! אויב אָבער איר וועט אַזוי ניט טאָן, האָט איר געזינדיקט פאַר גאָט, און זײַט וויסן אַז אײַער שטראָף וועט אײַך טרעפן. בויט אַ סך

שטעט פאַר אײַערע קלײנע קינדער און פאַרצאַמונגען פאַר אײַערע שאָף, אָבער װאָס עס איז אַרױס פון אײַער מױל – װאָלט איר טאָן!"

און משה האָט זײ, די קינדער פון גָד און די קינדער פון ראובן און אַ האַלבן שֵׁבֶט פון מְנַשֶׁה, געגעבן דאָס קיניגטום פון סיחון דעם מֶלך פון אֶמוֹרי און דאָס קיניגטום פון עוֹג דעם מֶלך פון בָּשָׁן.

יג. משהס לעצטע רייד און משהס טויט

משה זאָגט אָן מע זאָל היטן די געזעצן

דאָס זײַנען די ווערטער וואָס משה האָט גערעדט צו גאַנץ ישׂראל אויף יענער זײַט יַרדן, אין לאַנד מואָב. עס איז געווען אין פערציקסטן טאָג, אין עלפטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש האָט משה גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן פאַר זיי – נאָך דעם אַז ער האָט געשלאָגן סיחון דעם מלך פון אֶמורי און עוג דעם מלך פון בָשָן.

„אַצינד, ישׂראל, הער צו די געזעצן וואָס איך לערן דיך צו טאָן, כּדי איר זאָלט לעבן און קומען און יַרשען דאָס לאַנד וואָס גאָט, דער האַר פון אײַערע עלטערן, גיט אײַך. איר זאָלט ניט צולייגן און איר זאָלט ניט אַראָפּנעמען דערפון! זע, איך האָב אײַך געלערנט געזעצן, אַזוי ווי גאָט האָט מיר באַפוילן – זאָלט איר זיי היטן און טאָן, ווײַל דאָס איז אײַער קלוגשאַפט און אײַער פאַרשטענדיקייט אין די אויגן פון די פעלקער, וואָס אַז זיי וועלן הערן אָט די געזעצן, וועלן זיי זאָגן: ,באמת, אַ קלוגע און אַ פאַרשטענדיקע אומה איז אָט דאָס גרויסע פאָלק'.

„ווײַל וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן וואָס האָט אַזעלכע גערעכטע געזעצן אַזוי ווי די תּורה?

„נאָר דו זאָלסט ניט פאַרגעסן די זאַכן וואָס דײַנע אויגן האָבן געזען און זיי זאָלן זיך ניט אָפּטאָן פון דײַן האַרצן אַלע טעג פון דײַן לעבן, און גיב זיי איבער דײַנע קינדער און קינדס־קינדער״.

הער, יִשׂרָאֵל! (שְׁמַע יִשׂרָאֵל!)

„הער, יִשׂרָאֵל! יהוה איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער!

„און דו זאָלסט ליב האָבן דײַן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נְשָׁמה און מיטן גאַנצן כּוח.

„און די ווערטער וואָס איך באַפעל דיר הײַנט זאָלן זײַן אין דײַן האַרצן, און זאָלסט זיי אײַנלערנען דײַנע קינדער, און דו זאָלסט ריידן פון זיי ווען דו זיצסט אין שטוב, און ווען דו גייסט אין וועג, און ווען דו לייגסט זיך, און ווען דו שטייסט אויף. און דו זאָלסט זיי אָנבינדן פאַר אַ צייכן אויף דײַן האַנט און זיי זאָלן זיין אַ שטערנבאַנד צווישן דײַנע אויגן. און דו זאָלסט זיי אויפֿשרײַבן אויף די בײַשטידלעך פון דײַן הויז און אויף דײַנע טויערן.

„און אַצינד, יִשׂרָאֵל, וואָס פאַרלאַנגט גאָט דײַן האַר פון דיר? נאָר בלויז מוֹרא צו האָבן פאַר גאָט, צו גיין אין אַלע זײַנע וועגן און אים ליב צו האָבן, און צו דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נְשָׁמה; צו היטן די געבאָטן פון גאָט און זײַנע געזעצן, וואָס איך באַפעל דיר הײַנט פון דײַן טוֹבה וועגן.

„זע, צו גאָט געהערן די הימלען און די ערד און אַלץ וואָס אויף איר. נאָר דײַנע עלטערן האָט ער ליב געהאַט און ער האָט אויסדערוויילט זייערע קינדער, נאָר זיי — אײַך! — פון אַלע פעלקער! אײַער גאָט שוינט ניט קיין פנים, נעמט ניט קיין שוחד; ער טוט גערעכטיקייט מיט דעם יתום און מיט דער אַלמנה און האָט ליב דעם פרעמדן און גיט אים ברויט און אַ קלייד. און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווײַל פרעמדע זײַט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם".

אַז דײַן זון וועט דיך פרעגן...

„אַז דײַן זון וועט דיך שפּעטער פרעגן אַזוי צו זאָגן: ,וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ אָנזאָגן און געזעצן וואָס גאָט האָט אײַך באַפוילן?' — זאָלסטו זאָגן צו דײַן זון:

„,קנעכט זײַנען מיר געווען בײַ פּרעהן אין מִצרַיִם, און גאָט האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם מיט אַ שטאַרקער האַנט. און גאָט האָט געטאָן גרויסע און בייזע וואונדער אין מִצרַיִם, אויף פּרעהן און אויף זײַן גאַנצן הויז, פאַר אונדזערע אויגן. און אונדז האָט ער אַרויסגעצויגן פון דאָרטן כּדי אונדז צו ברענגען, אונדז צו געבן דאָס לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואָרן אונדזערע עלטערן. און גאָט האָט אונדז באַפוילן צו היטן די אַלע געזעצן, מורא צו האָבן פאַר גאָט, כּדי אונדז זאָל גוט זײַן אַלע טעג, כּדי אונדז צו לאָזן לעבן אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג. און מיר וועלן נאָר זײַן גערעכט צו גאָט אונדזער האַר, אויב מיר וועלן היטן אַלע זײַנע געבאָטן'".

דער בונד מיט די קינדער פון ישׂראל

דאָס זײַנען די ווערטער פון דעם בונד וואָס גאָט האָט באַ־ פוילן משהן צו שליסן מיט די קינדער פון ישׂראל אין לאַנד מואָב, חוץ דעם בונד וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זיי אין חורב*. און משה האָט צונויפגערופן גאַנץ ישׂראל און האָט צו זיי געזאָגט:

„איר האָט געזען אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן פאַר אײַערע אויגן, די גרויסע צייכנס און וואונדער, ביז אויף הײַנטיקן טאָג. איך האָב אײַך געפירט פערציק יאָר דורכן מדבר. אײַערע קליידער זײַנען ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן אויף אײַך; דײַן שוך איז ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן אויף דײַן פוס. ברויט האָט איר ניט געגעסן און ווײַן האָט איר ניט געטרונקען.

„און אַז איר זײַט געקומען צו אָט דעם אָרט, זײַנען אַרויס־ געגאַנגען סיחון און עוג אַקעגן אונדז אויף מלחמה, און מיר האָבן זיי געשלאָגן; און מיר האָבן צוגענומען זייער לאַנד און עס געגעבן פאַר אַ נחלה צו ראובן, און צו גד און צו דעם האַלבן שבט מנשה. היט די ווערטער פון בונד, כּדי איר זאָלט באַגליקן אין אַלץ וואָס איר וועט טאָן!

„איר שטייט הײַנט אַלע פאַר גאָט אײַער האַר, אײַערע עלטסטע, אײַערע שבטים, אַלע מענער פון ישׂראל, אײַערע קליינע קינדער, אײַערע ווײַבער און דער פרעמדער וואָס איז אין דײַן לאַגער—

* בײַם באַרג סיני.

„דו טרעטסט אַרײַן מיט אַ שבועה אין דעם בונד פֿון יהוה דײַן גאָט, וואָס יהוה דײַן גאָט שליסט מיט דיר הײַנט, כּדי דיך אויפֿצושטעלן הײַנט פֿאַר אַ פֿאָלק צו אים, און ער זאָל מיר זײַן דײַן גאָט, אַזוי ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט און אַזוי ווי ער האָט געשוואָרן צו דײַנע עלטערן, צו אַבֿרָהָמען, צו יִצחָקן און צו יַעקבֿן.

„דאָס געבאָט וואָס איך גיב דיר הײַנט – איז ניט באַהאַלטן פֿון דיר. עס איז ניט צו ווײַט. ניט אויפֿן הימל איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ‚ווער וועט אונדז אַרויפֿגיין אויפֿן הימל און עס נעמען פֿאַר אונדז און עס אונדז לאָזן הערן, כּדי מיר זאָלן עס טאָן?' און ניט אויף יענער זײַט ים איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ‚ווער וועט אונדז אַריבערגיין אויף יענער זײַט ים און עס נעמען פֿאַר אונדז און עס אונדז לאָזן הערן, כּדי מיר זאָלן עס טאָן?' נאָר זייער נאָענט איז דאָס צו דיר – אין דײַן מויל, אין דײַן האַרצן!

„זע, איך גיב הײַנט פֿאַר דיר: לעבן און גוטס, טויט און שלעכטס. איך באַפֿעל דיר הײַנט ליב צו האָבן גאָט, צו גיין אין זײַנע וועגן, כּדי דו זאָלסט לעבן און גאָט זאָל דיך בענטשן אין דעם לאַנד וואָס דו קומסט אַהין. אָבער אַז דײַן האַרץ וועט זיך אָפּקערן און דו וועסט אַראָפּגעפֿירט ווערן – איז אונטערגיין וועט איר אונטערגיין!

„איך מאַך הײַנט עֵדות אַקעגן אײַך הימל און ערד! לעבן און טויט לייג איך פֿאַר אײַך, אַ בּרָכה און אַ קלָלה – זאָלט

איר אויסקלײַבן דאָס לעבן, דו און דײַנע קינדער: ליב צו האָבן גאָט, זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד–דאָס איז דײַן לעבן!"

משה פאַרענדיקט די תּורה

און משה האָט אויפגעשריבן די תּורה און האָט זי געגעבן צו די כּהנים, די קינדער פון לֵוי, און צו אַלע עלטסטע פון ישׂראל. און משה האָט באַפוילן אַזוי צו זאָגן:

„צום סוף פון אַלע זיבן יאָר, אין דער צײַט פון דעם יאָר פון שמיטה, און דעם יום־טוב סוכּות, ווען גאַנץ ישׂראל וועט קומען זיך ווײַזן פאַר גאָט אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויס־קלײַבן–זאָלט איר לייענען די תּורה פאַר גאַנץ ישׂראל. זאַמלט אײַן דאָס פאָלק, די מענער און די ווײַבער און די קליינע קינדער און דעם פרעמדן וואָס אין דײַנע טויערן, כּדי זיי זאָלן הערן און כּדי זיי זאָלן לערנען און היטן אַלע ווער־טער פון דער תּורה!"

גאָט זאָגט אָן משהן וועגן זײַן טויט

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן:

„זע, דײַנע טעג נעענטערן זיך צום שטאַרבן.

„דו זאָלסט אַרויפגיין אויף דעם באַרג נבו, וואָס איז אין לאַנד מואָב, וואָס איז אַקעגן יריחו, און קוק אָן דאָס לאַנד

כּנען וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישׂראל פאַר אַן אייגנטום. דו וועסט שטאַרבן אויף דעם באַרג, וואָס דו וועסט אַרויפגיין אויף אים, און וועסט ווערן איינגעזאַמלט צו דיין פאָלק, אַזוי ווי דיין ברודער אַהרן איז געשטאָרבן אויפן באַרג הור און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק. עס איז אַזוי ווייל איר זייט מיר געווען ניט טריי ביים וואַסער מריבה, אין מדבּר צין, ווייל איר האָט מיך ניט געהייליקט צווישן די קינדער פון ישׂראל. נאָר פון דער ווייטן וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהין וועסטו ניט, אין דעם לאַנד וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישׂראל".

האָט משה גערעדט צו גאָט אַזוי צו זאָגן:

—„זאָל גאָט, דער האַר פון אַלע באַשעפענישן, אויפזעצן אַ מאַן איבערן פאָלק, וואָס זאָל אַרויסגיין זיי פאָרויס, און וואָס זאָל זיי אַרויספירן און וואָס זאָל זיי אַריינברענגען, כּדי די עדה פון גאָט זאָל ניט זיין אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטעך".

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

—„נעם דיר יהושע דעם זון פון נון, אַ מאַן וואָס אין אים איז דאָ גייסט, און זאָלסט אָנלענען דיין האַנט אויף אים. און זאָלסט אים שטעלן פאַר דער גאַנצער עדה, און זאָלסט אים אָנזאָגן פאַר זייערע אויגן, און זאָלסט אַרויפטאָן דיין גלאַנץ אויף אים, כּדי די קינדער פון ישׂראל זאָלן אים געהאָרכן".

משה געזעגנט זיך מיט גאַנץ ישׂראל

און משה איז געגאַנגען און האָט גערעדט אָט די ווערטער צו גאַנץ ישׂראל. און ער האָט זײ געזאָגט:

„אַ מאַן פון הונדערט און צוואַנציק יאָר בין איך הײַנט. איך קאָן ניט מער אַרויסגיין און אַרײַנגיין. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: ווערסט ניט אַריבערגיין דעם יַרדן!

„און איך האָב געבעטן צו גאָט אַזוי צו זאָגן: ‚גאָט דו האַר, דו האָסט אָנגעהויבן ווײַזן דײַן קנעכט דײַן גרויסקײַט און דײַן שטאַרקע האַנט. לאָמיך אַריבערגיין, איך בעט דיך, און לאָמיך זען דאָס גוטע לאַנד וואָס אויף יענער זײַט יַרדן, די שיינע בערג און דעם לבנון׳. אָבער גאָט האָט געצאָרנט אויף מיר, און האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיר. און גאָט האָט געזאָגט: ‚גענוג פאַר דיר! זאָלסט מער ניט ריידן צו מיר וועגן דער דאָזיקער זאַך! גיי אַרויף צום שפּיץ פּסגה און הייב אויף דײַנע אויגן צו מערב, און צו צפון, און צו דרום, און צו מזרח, און קוק אָן מיט דײַנע אויגן, ווײַל דו וועסט ניט אַריבערגיין דעם יַרדן. און זאָג אָן יהושוען און שטאַרק אים און פעסטיק אים, ווײַל ער וועט אַריבערגיין פאָרויס פאַר אָט דעם פאָלק, און ער וועט זײ מאַכן יַרשען דאָס לאַנד וואָס דו וועסט זען׳“.

און משה האָט גערופן יהושוען און ער האָט צו אים געזאָגט פאַר די אויגן פון גאַנץ ישׂראל:

„זײַ שטאַרק און פעסט, ווײַל דו וועסט קומען מיט אָט דעם פאָלק אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואָרן זייערע

עלטערן זיי צו געבן און דו וועסט זיי מאַכן יַרשען דאָס לאַנד.
און גאָט — ער וועט זײַן מיט דיר, ער וועט דיך ניט פֿאַרלאָזן.
זאָלסט ניט מורא האָבן, זאָלסט זיך ניט שרעקן!"

משהס געזאַנג (האַזינו)

און משה האָט גערעדט אין די אויערן פֿון דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פֿון ישׂראל די ווערטער פֿון אָט דעם געזאַנג ביזן סוף:

„פֿאַרנעמט איר הימלען — און איך וועל ריידן,
און זאָל הערן די ערד די רייד פֿון מײַן מויל.
זאָל טריפֿן ווי רעגן מײַן לערנען,
זאָל רינען ווי טוי מײַן וואָרט,
ווי אַ גוסרעגן אויף גראָז,
ווי אַ שפּריירעגן אויף קרײַטעכץ;
ווײַל גאָטס נאָמען וועל איך רופֿן.
גיט גרויסקייט צו אונדזער גאָט!

דער פֿעלז! זײַן ווערק איז גאַנץ!
אַלע זײַנע וועגן זײַנען גערעכט!
גאָט פֿון טרײַשאַפֿט, אָן אומרעכט,
גערעכט און יושרדיק איז ער!
קומט פֿון אים פֿאַרדאַרבונג? ניין!
זײַנע קינדער — אין זיי איז דער פֿעלער!

איז ער ניט דײַן פֿאָטער װאָס האָט דיך געשאַפֿן?
ער — װאָס האָט דיך געמאַכט און געפֿורעמט?
געדענק די טעג פֿון פֿאַרצײַטן,
באַטראַכט די יאָרן פֿון דָור נאָך דָור.
פֿרעג דײַן פֿאָטער, ער זאָל דיר דערציילן,
דײַנע זקֵנים — זיי זאָלן דיר זאָגן.
װען דער אייבערשטער האָט באַטיילט די פֿעלקער,
װען ער האָט צעשיידט די קינדער פֿון מענטשן —
האָט ער געשטעלט די גרענעצן פֿון פֿעלקער.
דער חֵלֶק פֿון גאָט איז זײַן פֿאָלק,
יַעקב איז דער טייל פֿון זײַן נַחלה.

ער האָט אים געפֿונען אין מִדבָּר־לאַנד,
אין װיסטן קלאָגן פֿון דער װילדערניש;
אים אַרומגערינגלט, אים אױפֿגעפּאַסט,
אים אָפּגעהיט װי זײַן אױגאַפּל.
װי אַן אָדלער װעקט זײַן נעסט,
פֿלאַטערט איבער זײַנע יונגע;
שפּרייט זײַנע פֿעדערן און נעמט זיי,
טראָגט זיי אױף זײַן פֿליגל —

האָט גאָט אַליין אים געפֿירט!
ער האָט אים געזעצט אױף די הייכן פֿון דער ערד,
האָט ער געגעסן די פּרוכטן פֿון פֿעלד,
האָט ער געזױגן האָניק פֿון פֿעלז

און אייל פון דעם קיזלשטיין,
און שמאַנט פון רינדער און מילך פון שאָף,
מיט פעטס פון לעמער, מיט פעטס פון ווייץ,
און פון טרויבנבלוט טרינקסטו שוימיקן ווײַן.

איז ישורון פעט געוואָרן און האָט געבריקעט —
ביסט פעט, ביסט דיק, ביסט גראָב געוואָרן! —
און ער האָט פאַרלאָזט גאָט וואָס האָט אים באַשאַפן
און פאַראַכט דעם פעלז פון זײַן הילף.
האָט גאָט געזאָגט: „איך באַהאַלט מײַן פּנים פון זיי,
איך וועל זען וואָס וועט זײַן זייער סוף,
ווײַל אַ פאַרקערטער דור זײַנען זיי,
קינדער — אָן טרײַשאַפט אין זיי.

[זיי האָבן מיך דערצאָרנט מיט אַן אומגאָט,
וועל איך זיי דערצאָרענען מיט אַן אומפאָלק;
דעם צאָן פון חיות וועל איך שיקן אויף זיי
מיט גיפט פון די וואָס קריכן אין שטויב.
אין דרויסן וועט מאַכן קינדערלאָז די שווערד,
און אין די קאַמערן וועט זײַן די אימה,
אי דעם בחור, אי די מיידל,
דעם זויגעדיקן מיטן גרײַזגראָען מאַן.
נאָר גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר זײַן פאָלק
און אויף זײַנע קנעכט וועט ער זיך דערבאַרעמען.
און איר זעט אַצינד, אַז איך, איך בין דאָס

און ניטאָ קיין שום גאָט אויסער מיר.
איך טייט און איך מאַך לעבעדיק,
איך פֿאַרוווּנד און איך הייל
און ניטאָ ווער עס זאָל ראַטעווען פֿון מײַן האַנט!"

באַזינגט, איר אומות, זײַן פֿאָלק,
ווײַל פֿאַרן בלוט פֿון זײַנע קנעכט וועט ער זיך רעכענען,
נקָמה וועט ער נעמען פֿון זײַנע פֿײַנד
און פֿאַרגיטיקן זײַן לאַנד און זײַן פֿאָלק!"

משהס בְּרָכה

און דאָס איז די בְּרָכה וואָס משה דער געטלעכער מאַן האָט געבענטשט די קינדער פֿון ישׂראל פֿאַר זײַן טויט. און ער האָט געזאָגט:

„גאָט איז פֿון סיני געקומען,
אויפֿגעשײַנט פֿון שֵׂעִיר אויף זיי
אַרויסגעשטראַלט פֿון באַרג פֿאָרָן,
זיי ליגן בײַ דײַנע פֿיס,
זיי נעמען אויף דײַנע רייד:
„אַ תּורה האָט אונדז משה באַפֿוילן,
אַ ירושה פֿאַר דער אײַנזאַמלונג פֿון יַעקב . . .

לעבן זאָל ר א ו ב ן און ניט שטאַרבן,
און זײַנע מענטשן זאָלן זײַן אָן אַ צאָל!

און דאָס איז פאַר **יהודה**:

הער זיך צו, גאָט, צום קָול פון יהודה
און צו זײַן פאָלק זאָלסטו אים ברענגען.
זײַנע הענט זאָלן פאַר אים שטרײַטן
און אַ הילף פון זײַנע פײַנד זאָלסטו זײַן!

און אויף **לֵוִי** האָט ער געזאָגט:

זיי לערנען דײַנע געזעצן יַעקבן
און דײַן תּורה יִשׂרָאֵלן.
בענטש, גאָט, זײַן פאַרמעג
און דאָס ווערק פון זײַנע הענט באַוויליק!

אויף **בִּנְיָמִין** האָט ער געזאָגט:

דער באַליבטער פון גאָט זאָל רוען בײַ אים אין זיכער־
קײַט,
ער באַשירעמט אים אַ גאַנצן טאָג!

און אויף **יוֹסף** האָט ער געזאָגט:

געבענטשט פון גאָט זאָל זײַן זײַן לאַנד
מיטן טײַערסטן פון הימל – מיט טוי,
און מיט טײַערסטע פּרוכטן פון זון,
און מיטן טײַערסטן פון דער ערד און איר פולקײַט.

און אויף **זבולון** האָט ער געזאָגט:

פריי זיך, זבולון, בײַ דײַן אַרויסגיין
און, **יִשָׂשׂכָר**, אין דײַנע געצעלטן.
ווײַל די שֶׁפע פון ימען וועלן זיי זייגן
און די פאַרבאָרגענע אוצרות פון זאַמד.

און אויף גָ ד האָט ער געזאָגט:
געלויבט איז דער וואָס ברייטערט אויס גָד!
אַזוי ווי אַ לייבינטע רוט ער.
ער איז געקומען פאָרויס פאַרן פאָלק,
ער האָט געטאָן די גערעכטיקייט פון גאָט.
און אויף דָ ן האָט ער געזאָגט:
דָן איז אַ יונגער לייב,
ער שפּרינגט פון בָשָן אַרויס.
און אויף נַ פְ תָ ל י האָט ער געזאָגט:
נַפְתָלי, זאַט מיט דער בְרָכה פון גאָט,
דעם ים און דעם דָרום זאָלסטו יַרשענען!
און אויף אָ שֶ ר האָט ער געזאָגט:
געבענטשטער פון אַלע זין זאָל זײַן אָשֶר
און זאָל ער באָדן אין אייל זײַנע פיס.
אײַזן און קופּער – דײַנע ריגלען
און ווי דײַנע טעג – אַזוי דײַן שטאַרקייט.

יִשׂרָאֵל וועט רוען אין זיכערקייט,
אָפּגעזונדערט – דער קוואַל פון יַעקב.
אין אַ לאַנד פון תבואה און ווײַן
און זײַנע הימלען טריפן טוי.
ווויל דיר, יִשׂרָאֵל, ווער איז דײַן גלײַכן?
אַ פאָלק געהאָלפן פון גאָט!

משהס טויט

און משה איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון די פּלוינען פֿון מוֹאָב צום באַרג נבוֹ, אויפֿן שפּיץ פּסגה וואָס אַקעגן יריחוֹ. און גאָט האָט אים געוויזן דאָס גאַנצע לאַנד פֿון גִלעָד ביז דָן. און גאָט האָט צו אים געזאָגט:

„דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן צו אַבְרָהָמען, צו יִצחָקן און צו יַעקבן, אַזוי צו זאָגן: ‚צו דײַנע קינדער וועל איך עס געבן'. איך האָב דיך געלאָזט זען מיט דײַנע אויגן, אָבער אַהין אַריבערקומען וועסטו ניט".

און משה דער קנעכט פֿון גאָט איז דאָרטן געשטאָרבן, לויט דעם מויל פֿון גאָט. און מען האָט אים באַגראָבן אין טאָל, אין לאַנד מוֹאָב. און קיין מענטש ווייס ניט זײַן קֶבר ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג.

און משה איז געווען הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געשטאָרבן. זײַן אויג איז ניט געווען טונקל און זײַן פֿרישקײַט איז ניט אַוועק.

און די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל האָבן באַוויינט משהן, אין די פּלוינען פֿון מוֹאָב, דרײַסיק טעג.

און יהוֹשֻעַ דער זון פֿון נון איז געווען פֿול מיט חָכמה, ווײַל משה האָט אָנגעלענט אויף אים זײַנע הענט; און די קינדער פֿון יִשׂרָאֵל האָבן זיך צוגעהערט צו אים און האָבן געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן משהן.

און עס איז ניט אויפגעשטאַנען אין ישׂראל נאָך אַזאַ נביא ווי משה, וואָס גאָט האָט זיך דערקענט צו אים פּנים אֶל פּנים; אין אַלע צייכנס און אַלע וווּנדער וואָס גאָט האָט אים געשיקט טאָן אין לאַנד מִצרַיִם צו פּרעהן, און צו אַלע זײַנע קנעכט, און צו זײַן גאַנצן לאַנד; און אין אַל דער שטאַרקער האַנט, און אין אַל דער גרויסער פאָרכטיקײַט, וואָס משה האָט באַוויזן פֿאַר די אויגן פֿון גאַנץ ישׂראל.

נאָכוואָרט

מיט דעם „חומש פאַר קינדער״ איז דער צוזאַמענשטעלער ניט אויסן געווען קיין נייע איבערזעצונג פון דער תּורה. ער האָט נאָר אויסגעשטעלט די פינף חומשים אויף אַזאַ אופן, אַז דער טעקסט זאָל זיך לייענען אָן איבעררייסן, און פאַר די קינדער זאָל זיך באַקומען אַ גאַנצע זאַך, און ניט קיין באַזונדערע טיילן, אַז אין מיטן זאָלן ניט זיין קיין שום דברים שלא מן הענין.

דער צוזאַמענשטעלער האַלט זיך געטריי צו יהואשעס איבערזעצונג. דאָ און דאָרט האָט די רעדאַקציע געביטן אַן אויסדרוק אָדער אַ פראַזע. דער שינוי איז געמאַכט געוואָרן ניט ווייל יהואשעס איבערזעצונג איז ניט גענוג פּינקטלעך אָדער ניט וויסנשאַפטלעך, נאָר פאַרקערט: אָפט האָט מען פאַרביטן יהואשעס פּרעציזן טעקסט אויף אַ מער פאָלקסטימלעכן און ווייניקער פּינקטלעכן אויסדרוק.

אַ סך שינוים וואָס דער צונויפשטעלער אָדער די רעדאַקציע האָבן געמאַכט, זיינען גענומען געוואָרן פון יהואשעס כתב־יד. בען און חוה דוואָרקין, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער רעדאַקציע פון דעם „חומש פאַר קינדער״, האָבן אונדז צוגעשטעלט יהואשעס ערשטן כתב־יד. אַט די ערשטע איבערזעצונג איז מי יודע מער פאָלקסטימלעך פון דער איבערזעצונג וואָס יהואש האָט שפּעטער פאַרפולקאָמט. מיר האָבן זיך אָפט באַנוצט מיט דער ערשטער איבערזעצונג, ווייל מיר האָבן דאָרטן געפונען אַ פּשוטערן און אַ מער צוטריטלעכן נוסח פאַר קינדער.

מיר האָבן קיין זאַך ניט צוגעגעבן, בלויז דאָ און דאָרט אַ פאַרבינדוואָרט, אָבער אויסלאָזן איז אונדז אויסגעקומען גאָר אַ סך. ערשטנס, האָבן מיר זיך געדאַרפט רעכענען מיט דער פעאיקייט פון אונדזערע קינדער צו באַנעמען די ענינים. צווייטנס, האָבן מיר זיך גערעכנט מיט דער עלטער פון די קינדער. דריטנס, האָבן מיר געשטרעבט, אַז עס זאָל זיין איין גאַנצע, ניט איבערגעריסענע דערציילונג, און האָבן דעריבער נישט געגעבן קיין ווערסיעס. אין די פאַלן ווו עס געפינען זיך עטלעכע ווערסיעס, האָבן מיר אויסגעקליבן יענע, וואָס האָט מער געשטימט מיט די צוויי אויבן דערמאָנטע פּרינציפּן.

מיטן שאַפן דעם קיצור חומש פאַר קינדער, זיינען מיר אייגנטלעך געגאַנגען אין די וועגן פון דער טראַדיציע. אין תוך, האָט מען דעם גאַנצן

חומש קיין מאָל ניט געלערנט אין די חדרים מיט גאָר יונגע קינדער. און ווען דער מלמד פלעגט לערנען נאָר די ערשטע פרשה פון דער סדרה פון דער וואָך, איז פאַר אַזאַ מין קירצונג זיכער ניט געווען קיין פּעדאַגאָגישער מאָטיוו, כאָטש דאָס איז געווען צוליב די צילן וואָס דער חדר האָט פאַר זיך געהאַט, אַ פאַרשטענדלעכער מנהג.

אונדזער „חומש פאַר קינדער" איז דער ערשטער אויף ייִדיש. עס פאַרדריסט אונדז וואָס דער חומש פאַר קינדער איז נישט אַרויס מיט אַ פופצן יאָר צוריק. עס איז געווען יהואשעס חלום, אַז זיין גאַנצע תנ"ך־איבערזעצונג זאָל אַרויסגעגעבן ווערן, פאַרקירצט, אין באַזונדערע טיילן, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר קינדער.

די פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע ביים שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט האָט דערפילט די נייטיקייט צו לערנען חומש אין אונדזערע פאָלקס־שולן, און האָט גענומען די איניציאַטיוו אין דער אַרבעט, און די יהואש פאַרלאַג געזעלשאַפט האָט דערמעגלעכט, אַז די אַרבעט זאָל דורכגע־פירט ווערן.

מיר ווילן באַדאַנקען חבר חיים שויס פאַר זיינע ווערטפולע עצות און אָנווייזונגען; די לערער ש. גוטמאַן פון די אַרבעטער רינג שולן און מ. קורמאַן פון די שלום עליכם שולן פאַר זייער הילף ביים רעדאַגירן דאָס בוך, פאַר די טעג און וואָכן וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן אָט דער אַרבעט. מיר באַדאַנקען די פריינד בען און חוה דוואָרקין פאַר זייער רעדאַקציאָנעלער הילף. מיר ווילן ספּעציעל באַדאַנקען דעם שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט פאַר זיין איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אויף ייִדיש אַ חומש פאַר קינדער. מיר ווילן אויך אויסדריקן אונדזער דאַנק די חברים פון דער טעקסט־קאָמיסיע פאַר זייערע אָנווייזונגען, עצות און מיטהילף ביי דער אַרבעט: א. בראָמבערג, י. גויכבערג, י. וואָל, י. ליפשיץ, ליפּע לעהרער, ה. נאָוואַק און י. קאַמינסקי.

מיר האָבן זיך באַמיט צו טאָן די אַרבעט אַזוי ווי עס פאַרדינט אַזאַ אונטערנעמונג — צום ערשטן מאָל צוצוטראָגן אונדזערע קינדער דעם חומש אין אַזאַ פאָרעם, אַז זיי זאָלן אים קענען אויפנעמען. די אַלע, וואָס ווילן זיך ניט באַנוגענען מיט אַ פאַרקירצטן חומש, איז, אדרבה: די תורה ליגט אָפן פאַר אַלעמען. מיר אָבער זיינען געקומען אויסצופילן אַ בלויז, געבן אַ קיצור וואָס זאָל האָבן אין זיך דאָס אייביק ווערטפולע, וואָס זאָל איבערגעבן די אַטמאָספער פון חומש, וואָס זאָל געבן אַ פאָר־שטעלונג וועגן דעם אייגנאַרטיקן נוסח פון חומש און וואָס זאָל צו דער גלייכער צייט זיין צוטריטלעך פאַר אונדזערע קינדער.

שלמה סיימאָן

גלאָסאַר

א

אוהל־מועד — דאָס געצעלט ווו מע פלעגט זיך צונויפקומען.

אַוועקציִען — גיין ווייטער.

אויגאַפּל — Apple of the eye.

אויסלייזגעלט — געלט זיך אויסצוקויפן פון אַ שטראָף.

אויספורעמען — צוגעבן אַ פאָרעם.

אויספּעכן — באַדעקן מיט פּעך (וע: פּעך).

אויסקוקער — דער וואָס קוקט אויס, באַקוקט דעם שונאס לאַנד.

אויסראָטן — אומברענגען, פאַרטיליקן.

אויסשלאָג — Eruption on the skin.

אויסשפּרייט (פון הימל) — דאָס וואָס איז אויסגעשפּרייט, Spreading; firmament.

אויפזעער — אויפפּאַסער, אויפקוקער.

אומברענגער (מַלאך־הַמָוֶת) — דער וואָס ברענגט אום, וואָס טייט.

אומגאָט — געץ, אָפּגאָט, idol.

אומגעזייערט — דאָס וואָס האָט ניט באַוויזן זויער צו ווערן; מַצה.

אומגעזען — ניט באַמערקטערהייט.

אומגעריכט — פלוצלונג, ווען מע וואַרט ניט, ווען מע ריכט זיך ניט.

אומווערדיקייַט — דאָס וואָס עס איז אונטערן כָּבוד, דאָס וואָס עס פּאַסט ניט; דאָס פון וואָס עס עקלט.

אומחֵן — קעגנזאַץ צו חֵן; disfavor.

אומקערן — צוריקברענגען, צוריק אָפּגעבן.

אומרעכט — דאָס וואָס עס איז קעגן רעכט, קעגן געזעץ; אַן עוולה (וע: עוולה).

אונטערלענען — אונטערשפּאַרן, אָנהאַלטן, שטאַרקן.

איבערטרעטן (אַ באַפעל) — טאָן קעגן אַ באַפעל.

אייבערפלאַך — Surface.

אייגנטום — דאָס וואָס מע פאַרמאָגט, property.

אייזעלין — A she-donkey.

איילבערט — Olive.

אֵימה — שרעק.

אַלאָען — Aloes.

אָנבליק — Look, view.

אָנזאָטלען — אַרויפטאָן אַ זאָטל, to saddle.

אָנטווייַנען — אויפהערן זייגן אַ קינד.

אַנטרינונג — פון ווערב אַנטרינען, ד"ה אַנטלויפן; דאָס אַנטלויפן, דאָס ראַטעווען זיך.

אָנלענען — אָנשפּאַרן.

אָפּקערן — אָפּווענדן זיך; אַוועקדרייען זיך; אַוועקגיין אין אַן אַנדער ריכטונג.

אַקאָרשט — פריער פון אַלץ; די ערשטע זאַך.

אַראָפּנידערן — גיין באַרג אַראָפּ, גיין נידעריקער.

אָרון — הייליקע שאַפע, ווו מען האָט געהאַלטן די לוחות (וע: לוחות). holy ark.

אָרעמבענדער — בראַסלעטן.

ב

באַהעפט — פאַרבינדונג, צוזאַמענבינדונג.

באַוויליקן — צושטימען, דערלויבן, to grant, to consent.

באַלאַגער־ווערק — Bulwarks used in the siege of a city.

באַלאָדן — אָנלאָדן, אַרויפלייגן אַ משא (אַ לאַסט).

באַלזאַם — Balsam.

באַשאַף — אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן.

באַשווערן — בינדן דורכן שווערן, אַרויפלייגן אַ שבועה.

בהמות — אַלע פירפיסיקע וואָס דינען דעם מענטשן.

בונד — Bond.

בײַדלעך — Booths.

בײַקומען — To overcome.

בײַשטידל — Door-post.

בכור — דער ערשטלינג; דער זון וואָס איז דאָס ערשטע קינד.

בכורה — דאָס רעכט פון דעם בכור; אַמאָליקע צײַטן האָט דער בכור געהאַט באַזונדערע רעכט.

בלוטמאָנער — דער קרוב וואָס נעמט נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זײַנעם אַ נאָענטן.

בן־זקונים — דער ייִנגל וואָס ווערט עמעצן געבאָרן אויף דער עלטער.

בעקן — Basin.

בקשה — דאָס בעטן; דער פאַרלאַנג.

ג

גאָטספאָרכטיקייט — שרעק פאַר גאָט, פרומקייט.

גאַרב — Sheaf.

גבורה — שטאַרקייט, העלדישקייט.

גובר זײַן — באַזיגן, בײַקומען.

גורל — Lot.

גײַסטער — רוחות, Ghosts, spirits.

גײַציקייט — קאַרגקייט; זשעדנעקייט, דאָס ווילן פאַרמאָגן.

גלוסטונג — פון ווערב גלוסטן.

גלוסטן — שטאַרק ווילן.

געבערן — האָבן אַ קינד.

געווירץ — Spices.

געוועלטיקן — הערשן.

געזינד — משפחה, פאַמיליע.

געזעמל — אַ גרופע וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט; אַ צונויפזאַמלונג פון מענטשן.

געיעג — Hunting.

געניק — Neck.

געפליגלטע — Winged.

געפענגעניש — דאָרטן ווו מע האַלט געפאַנגענע; טורמע; תפיסה.

געץ — Idol.

געצנדינער — Idol-worshipper.

געריכט — Course of a meal.

געשטאַלט — פאָרעם, פיגור.

געשניץ — אַלץ וואָס מע שנײַדט אויס; שניצן — To carve.

גרימצאָרן — שטאַרקער צאָרן, ברענעדיקער צאָרן, wrath; צאָרן — שטאַרקער כּעס.

ד

דאָרן — Thorn (bush).

דור — Generation.

דין — רעליגיעזער געזעץ.

דעה (האָבן אַ...) — האָבן די מאַכט; קענען זאָגן דאָס באַשטימענדיקע וואָרט.

דערבאַרעמען זיך — רחמנות האָבן To have pity on.

דערינען — אין דעם.

דערצאָרענען — אַרײַנברענגען אין
צאָרן, אין גרויס כּעס.

דרעשן — To thresh.

האָגל — Hail.

ה

האַנטפּאַס — ווו מע האַלט וואַסער צו
וואַשן זיך די הענט, ספּעציעל וואַ-
סער צו וואַשן זיך די הענט פֿאַר אַ
רעליגיעזער צערעמאָניע.

האַרבעריק — אַן אָרט ווו מע געפֿינט
אַן אָפּרו, אַ דאַך איבערן קאָפּ און
שוץ; inn.

האַרטנעקיק — Stiff-necked, stubborn.

האָרינטע — ווײַבלעכע פֿאָרעם פֿון
וואָרט האַר (הער, הערשער).

האָרכן — זיך גוט צוהערן.

הגם — כאָטש, ניט געקוקט אויף דעם
וואָס . . .

הויזגעזינד — מִשפָּחה, פֿאַמיליע.

הויך — אָטעם, Breath.

הויערן — To hover.

הײבאַם — Midwife.

הײשעריק — Locust.

וו

וואַכטל־פֿויגלען — Quails.

וואָרזאָגן — דורך געהיימע מיטלען
זאָגן וואָס עס וועט געשען.

וויל געפֿעלן — געפֿעלן, שטאַרק גע-
פֿעלן.

ווידמענען — To swarm.

ווידער — Ram.

ווידערשפּעניקן — טאָן פֿאַרקערט,
ניט פֿאָלגן די געבאָטן, זײַן קריגעריש.

ווײַנשטאָק — דער קוסט (ביימל) אויף
וועלכן עס וואַקסן די ווײַנטרויבן
(grapes).

וויליק — אײַנשטימיק, צופֿרידן, גרייט.

וויסטעניש (מִדבָּר) — Waste-land,
desert.

ווערבע — Willough tree.

ז

זאָמען — Seeds.

זאָמען זיך — פֿאַרהאַלטן זיך, קומען
שפּעט.

זייאונג — דאָס וואָס מע זייט (זייען —
to sow).

זייל — Pillar.

זֵכר — סימן, איבערבלײַב, אַ צייכן
וואָס זאָל דערמאָנען.

ח

חַיִל — אַרמיי.

חֶסֶד — גנאָד, גוטסקייט, Benevolence,
favor.

חרטה — Regret.

חַרטומים — די געלערנטע לײַט, די
חכמים פֿון מִצרַיִם; די כּישוף־
מאַכערס פֿון מִצרַיִם (כּישוף —
sorcery).

ט

טורטלטויב — Turtle-dove.

טורעם — Tower.

טייטלבוים — Date-palm.

טרומייט — Trumpet.

טרעפֿער — דער וואָס טרעפֿט אַ באַ-
האַלטענע זאַך, טרעפֿט די צוקונפֿט.

י

יאַמש — Bulrushes.

יובל — דאָס פֿופֿציקסטע יאָר ווען די
ערד האָט געדאַרפֿט צוריק אַרי-
בערגיין צו די פֿריערדיקע באַזי-
צערס; פֿופֿציק יאָר.

יסורים — ווייטאָג, לײַדן.

יעטוועדער — יעדער איינער, איטלעכער.

כ

כּהן, כּהנים — דער וואָס שטאַמט אָפּ פון אַהרנען, פירט דורך די רעליגיעזע צערעמאָניעס און האָט ספּעציעלע רעכט, a priest.

כּיוון — מיין, אויסגערעכנטער מיין, intention.

כּרובים — מלאָכים, Cherubim.

ל

לאָגל — אַ פלאַש פון פעל.

לאַסט — משׂא, burden, load.

לאַסטאַרבעט — געצוווּנגענע אַרבעט, שווערע אַרבעט, שקלאַפן־אַרבעט.

לוחות — די הייליקע טאָוולען אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט גאָטס געבאָטן.

לוינאַרבעטער — Hired-man.

ליינען — Linen, of linen.

לינדזן — Lentils.

מ

מאַטערניש — שווערע באַמיאונג, שווערע אַרבעט, ווייטאָג.

מאָנער — דער וואָס מאָנט; דער וואָס פאַרלאַנגט זייער שטרענג, דער וואָס שטייט צו, מע זאָל אים באַצאָלן דעם חוב.

מגפה — עפּידעמיע.

מולטער — Kneading-trough.

מורמלען — ריידן אין דער שטיל, אָדער ריידן אין דער שטיל קעגן עמעצן און דערבײַ אויסדריקן אומצופרידנקייט.

מזבח — Altar.

מזל־ברכה — גרויס מזל, שפע (זע: שפע).

מילגרוים — Pomegranate.

מין, מינים — Kind, species.

מכפּר זיין — פאַרגעבן.

מכשף, מכשפים — Sorcerer(s).

מלאך, מלאָכים — Angel.

מערן — פאַרמערן, מאַכן עס זאָל זיין אַ סך.

מרגלים — אויסקוקערס; די מענטשן וואָס משה האָט געשיקט באַקוקן דאָס לאַנד כנען.

משכון, משכּנות — אַ זאַך וואָס מע גיט ווי אַ גאַראַנטיע אַז מע וועט באַצאָלן דעם חוב.

משכּן — דער צײַטווײַליקער טעמפּל, (געמאַכט פון פאַרהאַנגען) וואָס ייִדן האָבן געהאַט בײַ זייערע וואַנדערונגען אין מדבר.

נ

נביאות — די רייד פון אַ נביא.

נדר — הייליקער צוזאָג, vow.

נויטבאַדערפטיק — Needy.

נחלה — אַן אייגנטום; אַ שטיק ערד וואָס מע פאַרמאָגט; אַ באַזיץ.

נחמה — טרייסט.

נייגן זיך — בייגן זיך, זיין געשטימט צו טאָן עפּעס.

נמאס — איבערדריסיק, disgusting.

נע־ונד — אָן אַ היים; דאָס שטענדיקע אַרומוואַנדערן.

ס

סטאַדע — Herd, flock.

ע

עִברי — ייִד, דערפֿון דאָס וואָרט Hebrew.

עֵדה — קהילה; צונויפֿזאַמלונג; community; congregation.

עַוולה — אַ שלעכטע טואונג; דאָס טאָן עמעצן שלעכטס אָן אַ מאָראַלישן גרונט.

עולה־רֶגל זײַן — קומען קיין ירושלַיִם צו אַ יָום־טָוב; דרײַ מאָל אַ יאָר, פֵּסַח, שבועות און סוכּות האָט מען געדאַרפֿט גיין קיין ירושלַיִם.

עָנָו — אַ באַשיידענער.

עָרֵב זײַן — גאַראַנטירן.

פּ

פּאַסטעך — Shepherd.

פּימסנהאָלץ — Pitch-wood.

פּלוינען — Plains.

פּנים אָל פּנים — פּנים צו פּנים.

פּעך — Pitch, tar.

פּראַכט — שיינקײַט, גלאַנץ.

פָּרוֹכֶת — פֿאָרהאַנג; דער פֿאָרהאַנג אין מִשכּן (זען מִשכּן).

פּריסטער — Priest.

פֿ

פֿאַראַכטן — קענוזאַץ צו אַכטן; to despise.

פֿאַרבאָרגן — באַהאַלטן.

פֿאַרדאַרבונג — (פֿון ווערב פֿאַרדאַרבן, to spoil) דאָס וואָס עס ווערט אָדער מע מאַכט קאַליע.

פֿאַרזען — אַ טָעות, mistake, דאָס וואָס מע באַמערקט ניט.

פֿאַרטיליקן — אומברענגען, אויסראָטן, פֿאַרניכטן.

פֿאָרכטיקײַט — דאָס געפֿיל פֿון מורא האָבן, ספּעציעל פֿון מורא האָבן פֿאַר גאָט.

פֿאַרמײַדן — אויסמײַדן, to avoid.

פֿאַרצאַמונג — צאַם, fence.

פֿאַרצוקן — צערייסן אויף שטיקער און אײַנשלינגען (וועגן א בייזער חַיָה).

פֿאַרקירעווען — אָפּקערן אָן אַ זײַט; אָפּקערן אין אַ פֿאַלשער ריכטונג.

פֿאַרקנַסן — שליסן תּנָאים, אָפּמאַכן אַז די מיידל דאַרף חַתָונה האָבן מיט אַ באַשטימטן מאַן.

פֿאַרשטענדיקײַט — די פֿעאיקײַט צו־פֿאַרשטיין, שֵׂכל, אינטעליגענץ.

פֿוטער — שפּײַז פֿאַר בהֵמות (זע: בהֵמות).

פֿונאַנדערשיידן — פֿונאַנדערטיילן, צעטיילן.

פֿוסגייער — דער וואָס גייט צו פֿוס.

פֿורעם — Image, form.

פֿורעמען — שאַפֿן אין אַ געוויסן פֿו־רעם.

פֿי — קי, אָקסן, ציגן, שאָף, קעמלען — אַלץ אין איינעם, אָדער אַ טייל פֿון אָט די באַשעפֿענישן וואָס זײַנען נוציק פֿאַרן מענטשן.

פֿײַל — Arrow.

פֿײַלנבײַטל — אַ בײַטל ווו מע האַלט פֿײַלן.

פֿלאַקערדיק — ברענט מיט אַ גרויסן פֿלאַם.

פֿלוכן — שילטן.

פֿעלז — Rock.

פֿרוכפּערן זיך — זיך פֿאַרמערן, האָבן אַ סך קינדער און קינדס קינדער.

פרימאָרגנוואַך — די וואַך פון פרי־מאָרגן; (די נאַכט איז געווען אײַנגע־טיילט אין דרײַ וואַכן); די דריטע גרופּע וועכטערס; די צײַט ווען עס היט די דריטע גרופּע וועכטערס.

צ

צאָרן — גרויסער כּעס.

צאָרענען — זײַן זייער שטאַרק אין כּעס.

צוואַנגאַרבעט — געצוווּנגענע אַרבעט, אַרבעט וואָס מע לייגט אַרויף אויף געפאַנגענע, אויף קנעכט, אויף ניט קיין פרײַע מענטשן.

צווינגער — דער וואָס צווינגט אַרויף, וואָס באַדריקט; צווינגען — to compel, to force upon.

צויבערן — זיך פאַרנעמען מיט כּישוף (כּישוף — sorcery).

צוקאָפּנס (אַ) — דאָס וואָס עס ליגט אונטערן קאָפּ ווען מע שלאָפט.

ציגנבאָק — He-goat.

צייכנזעער — דער וואָס זאָגט פאָרויס די צוקונפט נאָך געוויסע צייכנס.

צינז — געצוווּנגענע אַרבעט אָדער געלט וואָס מע מוז געבן דער מלוכה אָדער דעם הערשער.

צינזהאַרן — די האַרן וואָס גיבן אַכטונג אַז מע זאָל אַרײַנברענגען די צינזן, טאָן די געצוווּנגענע אַרבעט.

צער — האַרצווייטאָג, פאַרדראָס, שווערע זאָרג; רחמנות.

ק

קאַלכאויוון — אַ גרויסער אויוון ווו מע ברענט קאַלך (lime); זייער אַ גרויסער און זייער אַ הייסער אויוון.

קאָריאַנדער — Coriander; type of herb.

קאָרעטע — trough, דאָס פון וואָס מע טרינקט אָן די בהמות.

קבר — Grave.

קוואַלנדיק — וואָס פליסט פון אַ קוואַל; וואָס פליסט ווי פון אַ קוואַל (spring).

קיזלשטיין — זייער האַרטער שטיין, גראַניט.

קירבעס — Pumpkin.

קלוגהאַרציק — פאַרשטענדיק, קלוג.

קלעקן — גענוג זײַן.

קעלטער — דאָרטן ווו מע פּרעסט ווײַן, ווו מע דריקט די ווײַנטרויבן (grapes).

קרבן — Victim; sacrifice.

קריוודען — טאָן עמעצן אַן עוולה (ע׳: עוולה).

קרײַטעכער — דאָ: גראָזן.

קרײַטעכץ — דאָ: גראָז.

ר

ראשחודש — דער ערשטער טאָג פון אַ חודש.

רוחות — גײַסטער, ghosts, spirits.

ריטלעך — דינע צווײַגעלעך, rods.

רײַטוואָגן — Chariot.

רינדער — אָקסן און קי אין איינעם.

רכילות — Gossip.

רעה — שלעכטס.

רערלעך — דינע רערן, רער — pipe, tube.

ש

שאַלונג — דאָס אַרויסברענגען אַ קלאַנג, אַ רוף וואָס הערט זיך גוט, וואָס הילכט שטאַרק אָפּ.

שאַלרוף — אַ רוף וואָס לאָזט זיך גוט הערן, וואָס הילכט אָפּ.

שוועבל — Sulphur.

שוחד — Bribery.

שוינען — אָפּהיטן, שאַנעווען, זען עס זאָל ניט אָפּגענוצט ווערן.

שופּיק — באַדעקט מיט שופּן, אַזוי ווי שופּן (scales).

שופר — אַ האָרן פון אַ ווידער, אַמאָליקע צייַטן גענוצט כּדי אָנצוזאָגן אַז עס קומט דער שונא, כּדי צונויפצורופן דאָס פאָלק, כּדי מיטצוטיילן וועגן אַן אומגעוויינלעכער זאַך. ראש־השנה בלאָזט מען שופר; ram's horn.

שטאַנגען — Bars, poles.

שטאָק־פינצטער — זייער פינצטער; pitch dark.

שטרויכלונג — דאָס אָן וואָס מע קען זיך פאַרטשעפּען; אַ שטער, אַ שטער אין וועג.

שטרייַטן — זיך קריגן.

שייַער — Barn.

שיכט — Layer.

שילד — Shield.

שלאַף — שוואַך, קראַנק.

שלוחים — געשיקטע, מערצאָל פון שָליח.

שלייַדערן — וואַרפן מיט כּוח; וואַרפן; to sling.

שמאַנט — Cream.

שמיטה — דאָס זיבעטע יאָר ווען מע טאָר ניט באַאַרבעטן די ערד; זיבן יאָר.

שעדיקן — שאַדן ברענגען; מאַכן אַ וווּנד.

שפּייַכלער־שטעט — שטעט וווּ מע קלייַבט צונויף און מען היט אויף די געדרעטעניש; store-cities.

שפּראָצן — אַרויסוואַקסן, to sprout.

שפּרייַרעגן — אַ דינער רעגן.

שפע — דאָס האָבן אַ סך שפּייַז; זאַטקייַט; גוטע פּרנָסה; abundance.

שֶקל — אַ מַטבֵע בייַ ייִדן אַמאָל; shekel; ancient coin.

שֶרֶץ, שרָצים — Reptile, reptiles.

שׂ

שׂכָר — באַלוינונג.

ת

תֵבָה — נחס קאַסטן, אין וועלכן ער האָט זיך געראַטעוועט פון מַבול (flood).

תבואה — Grain.

תהָום — אָפּגרונט, abyss.

תורה — די לערע; דאָס געבאָט; אַלע געזעצן אין איינעם; די געטלעכע לערע; די פינף חומָשים.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

א. די באַשאַפונג פון דער וועלט 12—1

די פלאַנצונג פון גןעדן. 4
די באַשאַפונג פון דער פרוי. 5
די שלאַנג. 6
די שטראָף פאַר דער ערשטער זינד 7
אָדָם און חַוָה ווערן אַרויסגעטריבן פון גןעדן 9
קַיִן און הֶבל. 10
די דורות נאָך אָדָמען. 11

ב. דער מַבול 19—13

דער רעגנבויגן. 17
דער טורעם פון בָבל. 19

ג. די געשיכטע פון אַבְרָהָמען 43—20

פון שֵמען ביז אַבְרָהָמען 20
אַבְרָם קומט קיין כּנַעַן 21
אַבְרָם שיידט זיך אָפּ פון לוטן 22
אַבְרָם האַלט מִלְחָמה מיט פיר מְלָכים. 23
גאָטס בונד מיט אַבְרָמען. 25
יִשְמָעאֵל ווערט געבאָרן 27
די נײַע נעמען: אַבְרָהָם און שָׂרָה. 27
דרײַ מענער קומען צו אַבְרָהָמען 28
אַבְרָהָם בעט פאַר סדום. 30
די צעשטערונג פון סדום. 32
יִצְחָק ווערט געבאָרן 36
שָׂרָה טרײַבט אַרויס הָגָרן 37
די עֲקֵדה. 38
שָׂרָה שטאַרבט 41

ד. די געשיכטע פון יִצְחָקן 64—44

אַבְרָהָם שיקט אֶליעֶזֶרן קיין אֲרַם־נַהֲרַיִם. 44
אֶליעֶזֶר באַגעגנט רִבקהן. 46
רִבקה פאַרלאָזט איר היים 47
רִבקה ווערט יִצְחָקס ווײַב. 52

אַבֿרהם שטאַרבט 52
עֵשָׂו און יַעקב ווערן געבאָרן 53
עֵשָׂו פֿאַרקויפֿט זײַן בכורה 54
יִצחָק אין לאַנד פֿון די פּלשתּים 55
יַעקב קריגט אַרויס זײַן פֿאָטערס בּרָכה.......... 57

ה. די געשיכטע פֿון יַעקבֿן 65—85

יַעקבס חָלום 65
יַעקב באַגעגנט רָחלען 67
לָבָן נאַרט אָפּ יַעקבֿן 69
יַעקבס קינדער.......................... 70
יַעקב וויל זיך אומקערן אַהיים.......................... 72
יַעקב אַנטלויפֿט פֿון לָבָנען 73
לָבָן יאָגט נאָך יַעקבֿן 75
יַעקב שיקט שלוחים צו עֵשָׂון 78
יַעקב באַגעגנט עֵשָׂון.......................... 81
גאָט בײַט יַעקבס נאָמען 83
רָחל שטאַרבט 84
יִצחָקס טויט.......................... 85

ו. יוסף און זײַנע ברידער 86—124

יוספֿס חלומות 86
די ברידער פֿאַרקויפֿן יוספֿן 87
מע ברענגט יוספֿן קיין מִצרַיִם 90
יוסף אין געפֿענגעניש 92
פּרעהס חָלום.......................... 95
יוספֿס דערהייבונג.......................... 99
יוספֿס ברידער קומען קיין מִצרַיִם 100
יוספֿס ברידער קומען צוריק קיין כּנַעַן 104
די ברידער צום צווייטן מאָל אין מִצרַיִם 107
יוסף דערקענט זיך צו זײַנע ברידער.......................... 112
יַעקב קומט קיין מִצרַיִם 116
יַעקב פֿאַר פּרעהן.......................... 118
יַעקבס טויט.......................... 120
יוספֿס צוואה 123

עס איז אויפגעשטאַנען אַ נײַער פּרעה 125
אַ באַפעל צו טייטן אַלע יידישע יינגלעך 126
משה ווערט געבאָרן. 127
משה זעט די לײַדן פון זײַנע ברידער. 128
משה באַזעצט זיך אין מִדיָן 129
אַ דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. 130
גאָט שיקט משהן צו פּרעהן 131
משה קערט זיך אום קיין מִצרַיִם. 134
משה און אַהרן קומען פאַר פּרעהן 135
די קנעכטשאַפט ווערט ערגער. 136
גאָט דערמאָנט זײַן בונד מיט יִשׂרָאֵל 138
די וווּנדער־צייכנס. 139

ח. די צען מַכּות 157—141

די ערשטע מַכּה 141
די צווייטע מַכּה 142
די דריטע מַכּה. 144
די פערטע מַכּה 145
די פינפטע מַכּה 147
די זעקסטע מַכּה. 148
די זיבעטע מַכּה 148
די אַכטע מַכּה 151
די נײַנטע מַכּה 154
דער קָרבּן־פֶּסח 156
די צענטע מַכּה. 157

ט. די קינדער פון יִשׂרָאֵל גייען אַרויס פון מִצרַיִם (יציאַת מִצרַיִם) 165—158

מַצות 158
די קינדער פון יִשׂרָאֵל גייען צום ים־סוף. 159
פּרעה יאָגט נאָך די קינדער פון יִשׂרָאֵל 160
משה שפּאַלט דעם ים. 161
דאָס ליד פון ים־סוף 163
מִריָמס געזאַנג. 165

י. די קינדער פון ישׂראל ציען צום באַרג סיני 173 166

דאָס פאָלק האָט ניט וואָס צו טרינקען 166
דאָס פאָלק האָט ניט וואָס צו עסן. 167
די קינדער פון ישׂראל עסן דעם מן פון הימל 168
עמלק באַפאַלט די קינדער פון ישׂראל 170
יתרו קומט צו משהן. 171
יתרו גיט אַן עצה ווי צו משפטן דאָס פאָלק. 173

יא. די קינדער פון ישׂראל ביים באַרג סיני 197—174

מתּן־תּורה 174
די צען געבאָט 176
די קינדער פון ישׂראל קריגן געזעצן 177
געזעצן וועגן גערעכטן משפט. 178
געזעצן וועגן ערלעכקייט און וועגן באַצאָלן פאַר אַ שאָדן . . . 179
געזעצן צו שיצן די שוואַכע 180
געזעצן וועגן לייען און וועגן משכּנות 181
געזעצן וועגן קנעכט. 182
געזעצן וועגן טויטשטראָף 183
געזעץ וועגן שטעט פון אַנטרינונג (ערי מקלט) 184
געזעץ וועגן אַ געהרגעטן וואָס ווערט געפונען אין פעלד 185
געזעצן וועגן מלחמה 186
געזעצן וועגן מלך 187
געזעצן וועגן שמיטה. 188
געזעצן וועגן יובל 189
נאָך געזעצן וועגן פעלד און ווייַנגאָרטן. 190
דינים וועגן יום־טובים. 191
שבּת. 191
פּסח. 192
שבועות. 193
סוכּות. 193
דריי מאָל אין יאָר זאָל מען עולה־רגל זיין 194
ראש־השנה און יום־כּפּור. 194
געזעצן קעגן געצנדינערס. 195
געבאָטן ווי אַזוי זיך אויפצופירן 196

יב. די קינדער פון ישׂראל וואַנדערן אין מדבר 198—238

משה אויפֿן באַרג סיני 198
דאָס גאָלדענע קאַלב 199
די צווייטע לוחות 202
משהס פּנים שטראַלט 203
דער אוהל־מועד 203
דער משכּן 204
צוויי זילבערנע טרומייטן 206
דאָס פֿאָלק באַקלאָגט זיך אויף משהן 207
זיבעציק עלטסטע 208
אֶלדד און מֵידד זאָגן נביאות אין לאַגער 209
די וואַכטלפֿויגלען 210
די מרגלים 211
קרח 216
אַהרנס שטעקן בליט 219
משה שלאָגט וואַסער פֿון שטיין 220
אַהרנס טויט 222
אֶדום לאָזט ניט דורכגיין ישׂראל 223
די מלחמות מיט סיחונען און עוגן 224
בלק רופֿט בלעמען צו שילטן ישׂראל 225
בלעמס אייזעלין 228
בלעם בענטשט די קינדער פֿון ישׂראל 230
משה נעמט אויף די צאָל פֿון די קינדער פֿון ישׂראל 235
צוויי און אַ האַלב שבֿטים קריגן זייער טייל אויף דער מזרח זייט פֿון ירדן 236

יג. משהס לעצטע רייד און משהס טויט 239—254

משה זאָגט אָן מע זאָל היטן די געזעצן 239
הער, ישׂראל! (שמע ישׂראל) 240
אַז דיין זון וועט דיך פֿרעגן 241
דער בונד מיט די קינדער פֿון ישׂראל 242
משה פֿאַרענדיקט די תּורה 244
גאָט זאָגט אָן משהן וועגן זיין טויט 244
משה געזעגנט זיך מיט גאַנץ ישׂראל 246
משהס געזאַנג (האזינו) 247
משהס בּרכה 250
משהס טויט 253